STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08582

# POSHUTE MENTSHN

Boruch Miller

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ברוך מילער

# פשוט׳ע מענטשן

(דערציילונגען)

ארויסגעגעבן פון
ברענטש 260 אינטערנאציאנאלער ארבעטער-אָרדן
ניו-יאָרק, 1941

Copyright 1941
by B. MILLER
U. S. A.

400

געזעצט און געדרוקט אין דזשאַזעף סלאָון, אינק.
138 וועסט 25טע גאַס, ניו יאָרק, נ. י.

צום אָנדענק

פון מיינע חברים

ס. סטויל און ל. פרידמאַן

# אינמיטן העלן טאָג

בערל זעלניק איז געזעסן ביי זיין מאַשין איבערגעלאָדן מיט צאָרן. דאָס געניי איז עפּעס געווען אָן טעם, בלויז צו פאַרטומלען זיך אליין: אַז בסך הכל שעמט ער זיך פאַר די אַרבעטער, זיינע אויגן אויפצוהויבן! וואו האָט מען דאָס געהערט, אַז אַ מאַן זאָל הערן ווי מען באַליידיקט זיין פרוי און ער זאָל שווייגן? אים האָט זיך גע־דאַכט אַז ווען דער באַלעבאָס זאָל דאָס אים געווען באַליידיקן, וואָלט אים ניט אַזוי ווי געטאָן: סטייטש, זי, די מאַמע פון זיי־נע קינדער! די דערציערן זייערע! כמעט די קרוין פון זיין שטוב — זאָל אַ פרעמדער וואַגן באַליידיקן איר! ער האָט זיך גענומען פאַרשטעלן, אַז ווען די קינדער זאָלן געווען זיין דערביי, וואָלטן זיי אים פשוט פאַראַכטעט פאַר ניט זאָגן אַ וואָרט אפילו . . .

עס האָט אים פשוט אונטערגעטראָגן פונם בענקל. אַט הויבט ער זיך אויף און לויפט גלייך צום באַלעבאָס, כאַפּט אים אָן ביי אַן אַקסל און טרייסלט אים: פאַרוואָס האָט ער געוואַגט באַליידיקן זיין פרוי? וואו איז זיין ערע? פאַרוואָס האַלט ער ס׳מויל פון יע־נער זייט טיר? דאָרטן איז ער אַ דזשענטלמאַן! צי מיינט ער אַז דאָ אין שאַפּ, מעג ער זיך אַלץ דערלויבן! . . .

פלוצים דאַכט זיך אים, אַז ער פילט אויף זיך די האַנט פונם שאַפּ־טשערמאַן. בערל, קאָנטראָליר זיך! דו וועסט נאָך דעם דזשאָב פאַרלירן! די יוניע וועט זיך שוין מיט אים אָפּרעכענען! ער וועט באַצאָלן אַ שטראָף, ניט געזאָרגט! בערל פילט ווי אויסצושרייען — און אַז ער וועט שוין באַצאָלן אַ שטראָף, וועט שוין דער ווייטיק פאַרהיילט ווערן? צי קאָן ער אַמאָל פאַרגעסן ווי זיין ריווע איז געבליבן שטיין צעטומלט, ווען דער באַלעבאָס האָט זיך אויף איר צעשריען ווי אויף אַ קליין מיידל? דערנאָך, ווי עס האָבן זיך איר געשטעלט גלאַנציקע טרערן אין די אויגן, זי איז באַלד אין „דרעסינג רום״ פאַרשוואונדן, ער איז זיכער אַז זי האָט זיך דאָרטן „גוט״ אויסגעוויינט . . . ניין, ער האָט ניט געדאַרפט אים פאָלגן: באַדאַרפט זיך אָננעמען פאַר זיין פרוי! . . . גלייך אויף דער הייסער רגע . . . יעדעס וואָרט, וואָס זיין ריווע האָט געזאָגט דעם

באַלעבאָס, איז דאָך געווען ריכטיק! אַלע פון דער קאַמיטע האָבן דאָך מיט איר איינגעשטימט: ווען די פאַרדינסטן זיינען אַזוי גוט, וואָלט זי דאָך אַ מאַמע געווען ווי אַמאָל . . .

בערל הויבט זיך אָן אָפּגעבן אַ מין חשבון הנפש: שוין באַלד פופצן יאָר, אַז ער וואוינט מיט ריווע'ן, אַלעמאָל געהיט דעם שלום־בית ווי דאָס אויג אין קאָפּ, און איצט — ווער ווייסט, וואָס זי טראַכט וועגן אים? באַדאַרפט זאָגן דעם שאָפּ־טשערמאַן, אַז די שטראָף, וואָס דער באַלעבאָס וועט צאָלן, וועט זיין פאַר זייער האַרעוואַניע . . . ער האָט אָנגעהויבן ציען מיט די אַקסלען: אַ נאַרישע וועלט! איין צד איז פרעך ביז גאָר, און דער צווייטער מוז זיין העפלעך, רעדן אַלעמאָל זיידענע רייד: מיסטער סינגער, פליז! אים באַליידיקן — פאַרלירט מען דעם דזשאָב; באַליידיקט ער, מעג דאָס זיין אפילו אַ פרוי, קומט ער אָפּ מיט אַ שטראָף . . . איין צד מעג צעפּלאַצט ווערן פון צאָרן, טאָר ער דאָס צום שולדיקן ניט אויסלאָזן, און דער צווייטער מעג אַלץ . . .

בערל האָט זיך באַלד אָנגעהויבן ווי פּיעשטשען פאַר זיך אַליין: איז אים דען ווייניק די אָפּטע שטעך־ווערטלעך פון אייניקע אַרבעטער וועגן זיין פרוי, מיט וועלכער ער זיצט טאָג־איין, טאָג־אויס מאַשין קעגן מאַשין? די טענות זייערע טוען אים אָפּט אַזוי וויי! — וואָס אַ שטייגער זאָלן זיי טאָן, אַז זייערע פרויען קאָנען ניט גיין אין שאָפּ אריין ארבעטן? — אים ווילט זיך ניט איין מאָל אָנשרייען אויף זיי, לאָזן זיי וויסן, אַז ער איז אויך ניט גערן, וואָס זיין ריווע דאַרף קומען אַהער! ער וואָלט בעסער וועלן איר האָבן אינדערהיים, אַ גאַנצע מאַמע פאַר די קינדער זיין . . . אָט אַזוי ווי עס איז איצט, כאַפּט דאָך אים אָן אַ קעלט, ווען ער טרעט די שוועל זיינע אריבער: עס איז אַן עלנטקייט אויסגעגאָסן אויף דער שטוב, עס פעלט די באַלעבאָסטע צו האַלטן אָרדענונג. אַמאָל, ווען זיין ריווע איז אינדערהיים געווען, האָט זי אים אַקעגן געטראָגן אַ וואַרימקייט . . . און היינט ווייסט ער, אַז זי זיצט פול מיט שרעק, טאָמער וועט עפּעס מיט אַ קינד פּאַסירן . . . ניטאָ מיט וואָס אים מקנא צו זיין . . .

אָן אַנדערש מאָל פילט בערל ווי צו באַקלאָגן זיך פאַר זיי וועגן דעם שוואַכן געזונט פון זיין פרוי. גאָר נישט דאָס, וואָס אַמאָל!

עס איז שווער פֿאַר איר צו טראָגן אויף זיך דעם עול פֿון היים און שאַפּ.

פֿון צייט־צו־צייט האָט בערל געכאַפּט אַ זייטיקן קוק אויף זיין פֿרוי. געזען ווי זי זיצט נאָך אַלץ אַן אויסגעבלייכטע, קוים וואָס זי רירט מיט אירע הענט. ער וואָלט זייער וועלן וויסן, וואָס זי טראַכט אַצינד! ער וואָלט איר אויך וועלן זאָגן אַ פּאָר גוטע ווערטער, נאָר זיי קומען אים עפּעס ניט אויף דער צונג. אפשר זאָל ער איר דערמאָנען וועגן היינטיקן פּרימאָרגן, בעת זיי האָבן דורכגעשפּרייזט דעם שטאָטישן פּאַרק, באַוואונדערט, ווי אַלץ האָט זיך מיטאַמאָל צעגרינט, דערמאָנט זיך, אַז דאָ האָבן זיי זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט? אָט אויף יענער באַנק זיינען זיי געזעסן ביז העט שפּעט ביינאַכט . . . אָט איז אַפילו דאָס טייכל, וואו זיי האָבן זיך געשיפּט אין די פֿרייע טעג זייערע. ריווע האָט דאָך באַקומען אַזעלכע פֿרייל עכע אויגן, גלייך עס איז ערשט נעכטן געשען. און אויפֿן וועג צום שאַפּ האָט זי דאָך אַליין געזאָגט, אַז ס'איז כאָטש גוט, וואָס זיי האָבן אַזעלכע שיינע טעג, פֿאַרגאַנגענע, אַן וועלכע מען קען זיך אַמאָל דערמאָנען . . . און איצט זיצט זי אַזאַ טרויעריקע: וואָס זאָל ער איר פֿאַרט זאָגן?

פֿאַרנאַכט, ווען ביידע זיינען געגאַנגען צום אָפּיס פֿון דער יוניאָן פֿאַרקלאָגן דעם באַלעבאָס, האָט בערל זי געפֿירט אונטערן אָרעם, פּונקט ווי אַמאָל בחור'ווייז. זאָל זי טאַקע וויסן, אַז איר כבוד איז ביי אים ניט געמינערט געוואָרן אפילו אויף אַ האָר . . . געזאָגט איר, אַז דער באַלעבאָס איז דאָך בסך הכל אַ גראָבער נפש! אַלע וויסן דאָס! היינט וואָס קאָן מען פֿון אַזעלכן דערוואַרטן?... עס וועט קומען אַ צייט, ווען קיינער וועט זייערע טעג ניט פֿאַרשטערן . . . יאָ, דעם באַלעבאָס אויף צעפּוקעניש וועלן זיי באַלד נאָכאַמאָל דעם פּאַרק דורכשפּרייזן!

ריווע האָט דעם גאַנצן וועג זייער ווייניק גערעדט. מערסטנס יאוש'דיק צוגעשאָקלט מיט איר קאָפּ. בערלען האָט זיך נאָר געדאַכט, אַז אָט־אָט וועט זי אים זאָגן: אים גלוסט זיך אַזוי צו רעדן, ווייל אים האָט מען דאָך ניט באַליידיקט. צי וועט זי אים גלויבן, אַז עס האָט אים פּונקט אַזוי וויי געטאָן ווי איר, און אפשר נאָך מער? האָט ער שוין אַמאָל אַזוי ווייניק אַרבעט געמאַכט? עס

איז דאָך אים פּשוט פון די הענט געפאַלן. ניין, ער וועט מער ניט רעדן וועגן דעם! אַן אַנדערש מאָל וועט ער איר דאָס אין גע־לעכטער דערציילן . . .

ביי אַ קליין פענצטערל, וואו די קלאַגעס ווערן אויפגענומען, האָט אַ מיידל מיט גרויסע שפּאַקולן און פּאַפּירענע מאַנזשעטן, אויף אַ גאַנץ געוויינלעכן אופן אַנגעשטעלט אַן אויער צו ריווע׳ן, וועלכע האָט שטיל גערעדט, ווי אַ סוד איינגערוימט. אפנים זיך געשעמט, וואָס זי, שוין אַ מוטער פון קינדער, דאַרף זיך פאַר אַזאַ יונגער מיידל באַקלאָגן. דאָס מיידל האָט גלייך אויפגעכאַפּט די שטילע רייד אויף אַ געניטן אופן, פאַרשריבן אויף אַ בלוי קאַרטל אַ פּאָר שורות נאָר און גלייך אוועקגעלייגט דעם בליישטיפט אירן, אַ צייכן, אַז זי, ריווע, קאָן שוין גיין אַהיים. דאָס איבעריקע וועט שוין געטאָן ווערן אָן איר . . .

מאַן און פרוי האָבן זיך מאָדנע איבערגעקוקט. אפנים דער־וואַרטעט, אַז דאָס מיידל וועט פּשוט אויפשווידערן, ווען זי וועט דערהערן די גראָבע רייד פון זייער באַלעבאָס. צום סוף! . . . בערל האָט געצווינגען מיט די אַקסלען. עס האָט געמיינט: ווי איז דאָס מעגלעך, אַז אין די פּאָר שורות, וואָס דאָס מיידל האָט נאָר־וואָס אָנגעשריבן, זאָל זיך געפינען זייער ביידנס לאַנגע שעה׳ן ערגערניש? אפשר עפּעס אויסגעפעלט?

פונדעסטוועגן האָט בערלען הנאה געטאָן, וואָס זיין פרוי האָט זיך אַביסל אָראָפּגערעדט פונם האַרצן. לויט זיין מיינונג וואָלט דאָס מיידל, וואָס הערט־אויס קלאָגן, געמעגט זיין אַ באַריידעווו־דיקע, ניט בלויז שרייבן . . .

ביידע האָבן זיך געלאָזט גיין, און עטלעכע מאָל האָט זיך בערל אומגעקוקט צוריק צום פענצטערל. אים האָט זיך נאָך געדאַכט, אַז דאָס מיידל וועט זיי נאָך צוריק רופן . . .

## די אַלטע דרשה...

דער רב, אפרים פינקוס, איז געווען א יונגערמאנטשיק, נאָך קיין דרייסיק יאָר ניט אַלט, ווען ער האָט איבערגענומען די כסא הרבנות. האָבן די פירער פון דער שול „אהבת אחים" מורא געהאט, אז זייער קהילה וועט זיין אומצופרידן מיט אים. זיי זיינען געוואוינט אזוי־פיל יאָרן צום אַלטן רב, וועלכער האָט פאַרמאָגט א גרויסע באָרד מיט צוויי שפּיצן, און ברעמען הויכע, ווי דעכלעך איבער זיינע פאַרקלערטע טונקל־בלויע אויגן. דערצו, זיין הויכער שטערן מיט קנייטשן, ווי עס פּאַסט פאַר א למדן. זיין זיפץ, אן אמת אידישער זיפץ! דער זון זיינער, אפרים, וועלכער האָט זיין אָרט פאַרנומען, זעט אויס ווי אַלע אנדערע יונגעלייט הי געבוירן.

אמת, דער יונגער רב אפרים טראָגט א שווארצן פּליושענעם קאַפּעליוש, איז וואָס? קאָן מען אים שוין פאַרגלייכן צו זיין טאַטן, מיטן הדרת פּנים, וועלכער האָט אויסגעזען ווי פון א היימישן רב? ער, דער זון אפרים, האָט גאָר רויטע בעקלעך, א פּנים וואָס שמייכלט אָפט, און מען זאָל דאָס זען ביי אים א סימן פון א באָרד, קיין וואָנצעס אויך ניט.

דער יונגער רב אפרים איז זיך אָנגעגאנגען מיט זיין ארבעט. ער האָט אויפגעהאנגען אין שול א מודעה: ער וועט אָנהויבן דרשנ'ען יעדן שבת. האָבן אידן פון דער קהילה געלייענט און געהויבן מיט די אקסלען: — וועגן וואָס, א שטייגער, וועט ער אונדז דרשנ'ען? אפשר וועגן „בעיז־באָל", צי אפשר גאָר וועגן „א פייט" . . . ווען ניט דער דרך־ארץ פאַרן אַלטן רב, וואָלט קיינער זיך ניט געווען צו־געהערט צו דער ערשטער דרשה, וואָס אפרים האָט געהאלטן. נאָר נאָך זיין ערשטער דרשה, זיינען כמעט אַלע ווי געפּלעפט געוואָרן. מען איז, בעת ער האָט גערעדט, געזעסן ווי צוגעקאָוועט צו די בענקלעך. מען האָט פאַראיבל געהאט אויף איינעם, וואָס האָט זיך צעהוסט אינמיטן דערינען. א סך אויגן האָבן צו דעם אידן געוואָרפן בייזע בליקן. עס האָט זיך גערעדט, באַלד וועט עמיצער שרייען, ער זאָל גיין אהיים זיך אויסהוסטן . . .

נאָך דער דרשה איז אויף דער בימה ארויף א מיטליאָריקער איד און האָט דעם יונגן רב שטאַרק געדריקט די האַנט:

— א גרויסן יישר כוח, רבי, איר האָט מיין הארץ דערוואַרעמט „ ווי איך בין א איד.

אינדרויסן האָט מען נאָך אַלץ גערעדט וועגן דער דרשה. די יחידים, וועלכע האָבן אויסגעזען ניט צופרידן, האָבן אויך צוגעגעבן, אז ער איז א גוטער דרשן, נאָר וואָס דען? — די געדאנקען זיינע..

אין די דרשות האָט דער יונגער רב נאָכאַנאַנד געוואָרנט, אז דער קיום פון דער אידישער אומה ליגט בלויז אין אחדות . . . מען טאָר ניט פאַרדאַמען די ברידער, וועלכע קומען ניט אין שול אריין. אָט האָבן דאָך אונדזערע חכמים געזאָגט: „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא” . . . ער האָט געזאָגט, אז רייכע ברידער טאָרן ניט וואַרפן אָרימע פון זייערע הייזער. דאָס איז א זינד. א גרויסע זינד! . . .

דער עולם איז געווען וואָס אמאָל מער באַגייסטערט. מיט אָפענע מיילער האָט מען פשוט געשלונגען זיינע ווערטער און גע־קוקט, בעת מעשה, צום אויבנאָן, וואו די רייכע באַלעבאַטים זיינען געזעסן: צי הערן זיי זיך כאָטש צו? . . .

דער פרעזידענט איז געווען אויסער זיך:

— וואָס האָט ער זיך צעפלאַפלט? ס'וועט ניט טויגן, ס'וועט ניט טויגן . . .

גייענדיק אהיים האָט מען ניט אויפגעהערט צו רעדן וועגן דער דרשה:

— פיין, פיין, זייער פיין!

— ער ווייס וואָס ער רעדט!

— אָבער וואָס קומט ארויס, די רייכע וועלן ווידער טאָן וואָס זיי ווילן . . .— האָט א יושר'דיקער איד באַמערקט.

— די פליכט פון א רב איז צו זאָגן דעם אמת, — האָט אים א צווייטער געגעבן צו פאַרשטיין.

א דריטער: — ווייסן מיר דען אליין ניט וועגן דעם? אָט וואָלט איך אים אפילו דערציילט פון א שיינעם באַלעבאָס, וואָס וועט קיין אידישן באַלמעלאָכע צו זיך אין שאָפּ ניט ארויפנעמען . . . אפילו ביי דער היינטיקער צייט . . .

— אָט האָסטו דיר! אַנטדעקט א נייעס! — האָבן עטלעכע מיט־אמאָל דעם לעצטן ווי אויסגעלאַכט.

— ער איז גערעכט, — האָט זיך גראָדע איינער פון דעם רעדל איינגעשפּאַרט.
— אַז ווײַ צום גערעכטן, — האָט מען פון דעם אויך ווי גע־חוזק'ט.
דער ערשטער האָט געגעבן צו פאַרשטיין אַזוי:
— איר הערט, דער רב זאָגט, אַז מען דאַרף מטיב זיין מיט אַן אָרימען ברודער, דאַרפן מיר זאָגן צום אויבנאָן, אָדער זייט אידן, הערט אויף זינדיקן, אַז ניט . . .
גלאַדסטאָן, דער פּרעזידענט, וועלכער האָט די גאַנצע צייט אונ־טערגעשטעלט אַן אויער, האָט פּלוצים דאָס געדולד פאַרלוירן און אָנגעהויבן שנעל גיין אהיים. באַשלאָסן האָט ער ביי זיך צו מאַכן אַ סוף דערצו. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דער אַלטער רב האָט אויך די ערשטע צייט זיך „נאַריש" געמאַכט, אָבער ווען מ'האָט אים געזאָגט מיטן הארבן וואָרט, אַז ער זאָל געבן תורה, האָט ער גע־פאָלגט. די פראַגע איז נאָר צי וועט זיך אפרים לאָזן רעדן . . .
אויף מאָרגן האָט גלאַדסטאָן ביי זיך אין הויז געהאַט אַלע פּי־רער פון דער שול: אדרבא, זאָלן זיי טאַקע זאָגן וואָס איז זייער מיינונג! אויב ס'אַרט זיי ניט, וועט אים דאָס אויך ניט אַרן . . . זיינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן, ווען זיין איידעם, מר. מאַנדעל, האָט זיך צערעדט:
— דער שווער איז גערעכט. מיר דאַרפן אָפּשטעלן אַזעלכע דרשות! דער רב רעדט וועגן אחדות, און אַליין ברענגט ער אריין שנאה צווישן אונדז . . . אין אַ מקום קדוש דאַרף מען ניט רעדן וועגן פּראָסטע, עקאָנאָמישע זאַכן . . .
מרס. מאַנדעל, די פרוי זיינע, האָט זיך אריינגעמישט:
— ס'איז ניט שיין צו פאַרווערן דעם ראַבאַי וואָס צו רעדן.
אַלע מענער האָבן אויף איר מסוכן פאַראיבל געהאַט. ברוגז'ע פּנים'ער האָבן ווי געפרעגט דעם פּרעזידענט, ווי קומט דאָס צו אים אַזאַ טאָכטער? . . .
דער פּרעזידענט האָט זיך, אָבער, געקוויקט מיט די ווערטער פון זיין איידעם. ווי באַלד אַזוי, האָט ער שוין מיט וואָס צו שטרייטן. ער וועט אים זאָגן מיטן הארבן וואָרט: אונזער שול הייסט „אהבת אחים", איז אדרבא, ער איז דאָך עפּעס אַ רב, ווייסט ער דאָך די

באדייטונג פון די ווערטער . . . דאָס איבעריקע וועט ער שוין אליין פארשטיין . . .

די פארזאמלטע האָבן אים געגעבן פולמאכט. זאָל ער זאָגן דעם רב, אז ער דארף ריידן אין נאָמען פון דער גאנצער עדה, זאָל ער געבן תורה, ניט קיין מוסר . . .

גלאדסטאָן האָט זיך מיט דעם רב באגעגנט נאָך פאר שבת, איידער ער גרייט זיך צו מיט זיין נייער דרשה: אזוי און אזוי, רב!

דער יונגער רב האָט אים אויסגעהערט מיט דער פולער ערנסטקייט. ער זאָל דאָס אפילו מיט איין און איינציק וואָרט איבערשלאָגן!

— איז וואָס־זשע זאָגט דער רב צו דעם? — פרעגט גלאדסטאָן געלאסן. דער רב זאָגט אויך גאנץ געלאסן, אז דעם אמת מעג מען זאָגן אפילו א טאטן . . .

— וועט איר גיין קעגן אייער עדה אידן? — האָט שוין מר. גלאדסטאָן געהויבן דעם טאָן אביסל העכער.

דער רב האָט זיך צעשמייכלט און געפרעגט כמעט קינדיש:

— פון וואנען ווייסט דאָס מר. גלאדסטאָן אז ער גייט קעגן דער עדה?

דאָס האָט שוין מר. גלאדסטאָנען פשוט אונטערגעטראָגן. ער איז געוואָרן אין כעס אין זיין מחשבה:

— „באנק קוועטשער!" — מיך דעם פרעזידענט אליין פרעגסטו פון וואנען איך וויים? ער האָט זיך פונדעסטוועגן איינגעהאלטן, און גאנץ געלאסן אויסגערעכנט פאר אים, ווער עס איז אלץ געווען ביי אים אויף דער אסיפה.

דער רב האָט זיך ווידער צעשמייכלט:

— מר. גלאדסטאָן, איר וועט מיר מוחל זיין, אָבער איר רעדט בלויז וועגן איין צד . . .

דאָ האָט שוין מר. גלאדסטאָן זיך מער ניט געקאָנט איינהאלטן. ער האָט שוין מער ניט געזען קיין רב, נאָר עפּעס איינעם פון די היינטיקע חברה, וועלכע ווילן אפילו אן אנדער מלוכה. ער האָט זיך ראפּטאָם אויפגעשטעלט, נערוועז געווישט זיין קיילעכדיק פּנים, געפירט די קלאָרע פאטשיילע ווי אויף א צירקל, און פּלוצים האָט ער שוין געזאָגט אין א בייזן טאָן:

— וואָס מיינט איר, איין צד? וואָס־זשע, מיר האָבן צוויי צדדים? צווייערליי אידן, אפשר?

דער רב האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף—יאָ!

ווי באַלד אזוי האָט שוין מר. גלאַדסטאָן כמעט געוואָרנט:

— הערט רב, איר ווילט אריינברענגען צעריסנקייט, זאָג איך אייך, אז דאָס איז א זינד! אדרבא, זאָגט מיר טאקע וואָס איז דער טייטש: אהבת אחים?

אויף דעם ענטפערט אים דער רב:

— למאי שרייבט זיך: ואהבת לריעך כמוך; נו?

— וואָס נו? — פרעגט אים גלאַדסטאָן. — וואָס פאר א משל איז דאָס? — פרובירט ער פון אים חוזק׳ן.

— איך מיין — פּאַרטייטשט דער רב — אז קיינער וועט זיך אליין ניט ארויסוואַרפן פון א דירה . . . אָבער יענעם . . .

ביי מר. גלאַדסטאָנען האָבן זיך די אויגן מאָדנע צעפינטלט. ער האָט דערפילט אז זיין מוח איז אויסגעליידיקט. ער האָט שוין מער ניט וואָס צו זאָגן. איצט וועט דער רב מיטן געשליפענעם צינגל האלטן אין איין רעדן, און ער וועט אים דאַרפן אויסהערן: „זאָג אים, אז ער זאָל זיך זוכן א צווייטע קהילה", האָט אים א געדאַנקל געדרייצט. אָבער ער פילט זיך עפּעס פארלוירן אצינד. אפשר איז דאָס דערפאר, וואָס דער רב האָט צו־שאַרפע פסוקים אים דערלאַנגט. ער האָט אָנגעהויבן האָבן גאַנצע טענות צו די אַנ־דערע פירער: למאי האָבן זיי אים ארויסגעשטעלט. אָט אזוי האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט פון זיין באַגעגעניש מיטן רב.

ווידער האָבן זיך אָנגעהויבן די זעלבע דרשות ווי פריער. די מערסטע קוועלן אָן, נאָך די דרשות, און ווידער ברייטע געשפּרעכן: די רייכע זיינען שולדיק אין אַלע צרות . . . די אָרימע קומען אָפּ פאר זיי . . . נישטאָ ביי זיי קיין יושר!

האָט מר. גלאַדסטאָן ווידער גערופן די אסיפה. אָבער דאָס מאָל האָט ער זיי געזאָגט מיטן הארבן וואָרט, אז ער וועט מער ניט רעדן צו דעם כניאָק. — אָבער ער איז דאָך פאָרט דער פּרעזידענט, — האָט מען אים איבערגעשפּארט. און ער: איינמאָל ניין! זאָל עמיצער אַנדערש גיין רעדן מיטן רב!

מר. מאנדעל האט זיך פריווילעיק פארגעשלאגן: — איר גיט אים איבער אין מיינע הענט!

— דאס איז אן איינפאל, — האט דער פרעזידענט פרייליך אויסגערופן. — צוויי יונגעלייט וועלן זיך אפשר בעסער קאנען צוזאמענרעדן.

מר. מאנדעל איז גלייך אוועק צום רב אהיים, און די אלע טענות, וואס ער האט מיט זיך געבראכט, האט ער דערלאנגט דער יונגער רבי'צין, וועלכע האט זיך געהאלטן אין איין רויטלען: זאל זי טאקע וויסן אז די עדה אידן וועט זיין געצוואונגען צו זוכן אן אנדערן רב, אויב איר מאן בלייבט איינגעשפארט . . . ס'איז ניט עטיש צו מאכן א בייז לעבן אין אן עדה, וואו ס'האט אלעמאל געהערשט פרידן . . . וואס א שטייגער וואלט זי טאקע געזאגט, ווען עמיצער וויל ביי איר אין הויז שאפן א בייז לעבן? . . . דער שווער אירער איז גאנצע 15 יאר געווען ביי זיי רב, האט מען עפעס געהאט צו אים?

דא איז שוין דער רב אויפגעשפרונגען: — דער טאטע, עליו השלום האט זיך געגוג אנגעליטן! גערעדט אייערע רייד, ניט זיינע!...

— ער האט איינגעזען, אז די עדה איז גערעכט — האט מר. מאנדעל אים איבערגעשפארט.

די פאררויטלטע רבי'צין האט זיך אריינגעמישט:

—נו, ער וועט מיט דער צייט אויך איינזען . . .

שפעטער, ווען מאנדעל איז שוין געהאט אוועקגעגאנגען, איז דער יונגער רב געזעסן מיט אן אראפגעלאזטן קאפ. ער איז געווען ברוגז אויף זיין פרוי. ווען זי האט אים איבערגעבעטן, האט ער מיט אן אומעטיק קול געזאגט:

— חנה'לע, איך בעט דיך, מיש זיך ניט!

— אבער האסט געהערט דיבורים? — האט אים די פרוי דערמאנט.

דעם צווייטן מאל איז אפרים אהיים געקומען פון שול נאך מער באגייסטערט. פון זיינע אויגן האט פרייד ארויסגעשיינט. אזויפיל אידן האבן אים די האנט געדריקט. עס קלינגט אים נאך אין די אויערן זייער יישר כוח. ער מוז אלץ דערציילן דער פרוי. אדרבא, זאל זי אים טאקע זאגן, ווער ס'איז גערעכט? אבער די פרוי איז

גאָר געזוצן אַ פאַרווײנטע. ער ווישט איר אויס די אויגן, ווי זי וואָלט געווען אַ קינד: וואָס איז דאָס? דערמאָנט זי אים, אַז ער דאַרף באַלד ווערן אַ טאַטע . . . נו, ווייסט ער דאָך! פאַרוואָס, אָבער, וויינט זי? ס'איז צוליב זיינע דרשות, זאָגט זי אים.

— חנה'לע, ווען דו זעסט די ליכטיקע פּנים'ער אין שול, וועלכע שלינגען מיינע ווערטער, וואָלסטו צו מיר אַזוי ניט גערעדט . . .

— איך ווייס, איך ווייס, אַז דו ביסט גערעכט, אָבער יענע אידן, וועלכע האָבן אַזוי ליב דיינע דרשות, וועלן דיר מיט גאָרנישט קענען העלפן, ווען מען וועט דיר שלעכטס טאָן . . .

— שוין ווידער געווען דאָ דער רשע? — האָט דער רב געפאָרשט אין זיין פרוי'ס אויגן.

— ער איז געווען מיט נאָך עטלעכע באַלעבאַטים דיינע. זיי דערגייען מיר די יאָרן: וואָס וויל מען האָבן פון מיר? — זי האָט אים אָנגעהויבן גלעטן איבער די באַקן: — אפרים, טו מיר צוליב...

א צייט איז אפרים ארומגעגאַנגען א פאַרטראַכטער. פיל מאָל איז אים אויפן זינען געקומען אויפצוגעבן זיין שטעלע און זיך זוכן עפּעס א צווייטע פּרנסה. אפשר וועט ער זיך גאָר נעמען שרייבן א בוך וועגן דער לאַגע פון א רב? זאָל די וועלט וויסן פון זיינע סודות! . . . אָבער דערווייל האָט אים אין מוח זיינעם אָנגעהויבן שרעקן דאָס קינד, וואָס קומט באַלד אָן. עטלעכע מאָל אין טאָג דערמאָנט אים זיין פרוי אָן דעם . . . ער האָט אָפטמאָל געהאַט טענות צו זיך אליין, למאי האָט ער זיך געלאָזט אָנרעדן און געלערנט אויף רבנות. ווער דאַרף דאָס האָבן? . . . ער וועט דערציילן דער מאַמען זיינער, אַז אים טוט בפירוש באַנג וואָס ער איז א רב . . . ניין, ער וועט איר ניט ווי טאָן! זי וועט נאָך האָבן אַ שלעכטע מחשבה וועגן אים. זי וועט טראַכטן, אַז ער וואַרפט איר פאָר ,וואָס ער גיט איר ברויט צו עסן . . .

וואָכן לאַנג האָט אפרים ניט געהאַלטן זיינע דרשות. אַלעמאָל האָט ער אָנגעגעבן תירוצים: ער איז קראַנק; דער דאָקטאָר האָט אים פאַרווערט רעדן . . . מר. מאַנדעל האָט געליאַרעמט, אַז ס'וועט מוזן נעמען א סוף צו דער שפּיל . . .

איז געשטאַנען דער יונגער רב אויף דער בימה מיט א געבויגענעם קאָפּ, ווי געשעמט זיך דעם עולם צו קוקן גלייך אין פּנים

אריין. זיין דרשה האָט ער אָנגעהויבן מיט אַן אומעטיק קול:

— רבותי, היינט האָבן מיר געלייענט די סדרה נח, וועל איך אייך דערציילן וועגן דער תיבה, און ווי אזוי גאָט האָט געראַטע־וועט דעם צדיק . . .

גלאַדסטאָן האָט זיך איבערגעוואונקען מיט זיין איידעם מאַנ־דעל, און דער איידעם האָט געוויזן מיט א פינגער אויף זיין ברוסט: זיין אויפטו, הייסט דאָס . . .

דער ברייטער עולם איז געזעסן צעטומלט, געהויבן מיט די אַקסלען. דאָ און דאָרט האָט איינער דעם צווייטן אין אויער גע־שושקעט: וואָס איז מיט אים געוואָרן? עס איז דאָך אַן אַלטע דרשה! . . . ער איז טאַקע אפנים קראַנק! . . . — דער רב איז געשטאַנען א פאַרלוירענער און געפילט, אז טרערן שטיקן אים אין האַלדז . . .

# לעבעדיקע דאַרפן ברויט

מיטאָמאָל האָט זיך צעטראָגן די נייעס: שימקע דער בעסאַראַבער איז געשטאָרבן אין שאָפּ, אינמיטן פרעסן א קליידל. א מורא איז באַפאַלן די ארבעטלאָזע אין אָפּיס. קיינער האָט קיין וואָרט ניט ארויסגערעדט. ליפן זיינען ווי פארגליווערט געוואָרן. עס האָט אויסגעזען, ווי עס וואָלט זייער אלעמענס טויט געווען . . .

יונה, א פרעסער אין די פערציקער, מיט אביסל אַן אויסגעבוי־גענער נאָז און שטענדיק פינטלדיקע אויגן, האָט פארמאַכט זיין „סוויפסטעיק" ביכל, מיט וועלכן ער גיט זיך אָפּ שוין א היפשע צייט, און האָפט מיט דער צייט באַגליקט צו ווערן. ער האָט אָט ערשט געהאַט פלייסיק צוגערעדט אויף אַנדערע: פאַרוואָס זאָלן זיי אויך ניט שטרעבן צו א ביסעלע גליק? איצט איז דאָס ביכעלע ביי אים ארונטערגעהאַנגען ווי א געקוילעטע הינדל. דאָס מויל איז ביי אים פלוצים שטום געוואָרן.

אפילו די יונגווארג, וועלכע האָט שימקען ניט געקענט און האָבן צום ערשטן מאָל זיין נאָמען געהערט, זיינען געבליבן שטיין דער־שטוינטע, ווי פאר'חידוש'טע איבער דעם, וואָס אויך אין זייער פאַך שטאַרבט מען . . .

דערנאָך איז די נייעס געגאַנגען פון מויל צו מויל:

— נו, ווי געפעלט דיר עפּעס? דער גבר שימקע איז שוין אויך נישטאָ! מיר רוקן זיך אָפּ . . .

— דאָס וויסטע פרעסעריי, מיטן יאָגעניש . . .

— און דער „סטים", דענקט איר איז אזוי גוט פארן הארץ?

איינער איז גאָר ארויס ווי מיט טענות צום פארשטאָרבענעם:

— כ'האָב דאָך ערשט מיט אים גערעדט! מיר־ניט, דיר־ניט, א שטאַרב אַוועק. דאָס איז גאָר עפּעס אַן אָנשיקעניש! גיי, זאָרג זיך פאר פרנסה, אז מען ווייסט ניט וועמענס מאָרגן עס איז... פע!

נאָך איינער:

— און איך האָב גראָדע געוואוסט, אז ער וועט ביי דער אר־מעט אַוועקפאַלן. דאָקטוירים האָבן אים געוואָרנט, אז ער זאָל אויפ־הערן אַרבעטן, נאָר ווי אזוי מען פארגינט זיך אזא לוקסוס, האָבן זיי אים ניט געזאָגט . . .

— וואָס וויל א דאָקטאָר וויסן פון פרנסה? . . .
— נו, זעט איר דאָך שוין!

אַ פענצטערל פון א זייטיק צימערל האָט זיך געעפנט. א שטי־מע האָט אָנגעהויבן אויסצורופן נעמען פון ארבעטלאָזע: ווער אויף א טאָג ארבעט, ווער אויף מער. דאָס רעדל מענטשן האָט אָנגע־הויבן ביסלעכווייז צעפאַלן ווערן. א מיטל־יאָריקער ארבעטלאָזער מיט א באַזילבערטן קאָפּ האָט אויסגעזיפצט:

— די טויטע דארפן תכריכים, די לעבעדיקע — ברויט . . .

— ער האָט זיך געלאָזט גיין צום פענצטערל. נאָך אים א ריי מענטשן, ווי ער וואָלט זייער פירער געוואָרן. מער האָט מען שוין וועגן שימקען ניט גערעדט. איצט האָט מען געזאָרגט: וואו נעמט מען דאָס גליק צו קריגן א טאָג ארבעט? . . .

ביי מאָטיע'ן האָט ערשט איצט אָנגעהויבן צעטאָיען די גע־דריקטע שטימונג. די גאַנצע צייט האָט ער אַלץ געהאַלטן אין אויער אָנגעשטעלט צום רעדל מענטשן, און אַט איז ער ארומגעלאָפן אויפן שטיינערנעם דיל, ווי עמיצער וואָלט אים געטריבן. מאָטיע איז צום פענצטערל ניט געגאַנגען. ער איז צוגעלאָפן צום קראַן, געטרונקען קאַלט וואַסער, באַנעצט דעם שטערן און בשום אופן ניט געקאָנט איינצוימען זיינע צעמישטע געדאַנקען. אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אז פון אזוי פיל טראַכטעניש וועט זיין מוח פּלאַצן — נישטאָ קיין אָרט פאַר אזויפיל געדאַנקען . . .

און מאָטיע האָט נאָכאַנאַנד געטראַכט וועגן שימקע'ן, וועלכער איז צוויי צענדליק יאָר געווען זיין נאָענטסטער פריינט. צום ערשטן האָט מאָטיע זיך אַליין אין הארצן געשטראָפט: ער איז דאָך באַגאַנגען פיל עוולות קעגן זיין פריינט. דערנאָך האָבן שוין ביי אים די ליפּן געמורמלט. ווען די מענטשן ארום זיינען ניט פארנומען מיט זיך, וואָלטן זיי געהערט, ווי מאָטיע האָט גערעדט צו זיך אַליין. ער האָט אפנים געוואָלט, אז זיינע אויערן זאָלן הערן זיין זינדיק האַרץ, וואָס דורך דער וויסטער פרנסה האָט ער שימקע'ן די לעצטע צייט פשוט געשאָלטן. אים האָט זיך געדאַכט, אז א פריינט דארף זיין אַנדערש: פאַרוואָס האָט שימקע פאַר אים ניט אָפּגעשפּאָרט א טאָג ארבעט? אים, מאָטיע'ן, איז דאָך דאָס וואַסער שוין געקומען ביז צום האַלדז, פשוט דערטרונקען צו ווערן . . .

מאַטיע האָט זיך דערמאָנט, אז ער האָט אפילו איינמאָל שימ־קע׳ן געגעבן אן אָנצוהערעניש, און שימקע האָט אים געזאָגט, אז זיין גאַנצע האַרעוואַניע גייט ביי אים אַוועק אויף דאָקטוירים. פארוואָס האָט ער אים ניט געוואָלט גלויבן? ווי אזוי זאָל ער איצט ווייזן זיין פנים פאר שימקע׳ס אלמנה? ווי אזוי קאָן אזעלכער ווי ער גיין צו דער לויה? אים ווערט זיך נאָר דאכטן, אז ער הערט שימ־קע׳ס קול: מאָטיע, האָסט מיך פאַרשאָלטן! . . . ניין, ער וועט זיין פוס ניט אריבערשטעלן איבערן שוועל פון שימקע׳ס הויז!

פונם פענצטערל האָט מען שוין עטלעכע מאָל געהאט אויסגערופן מאָטיע׳ס נאָמען און ער האָט זיך געמאכט ניט־הערנדיק: ווי אזוי קאָן ער גיין ארבעטן? ער וועט אפשר פלאצן ביי דער ארבעט. שטייענדיק אויף איין אָרט, וועט אים זיין געוויסן ניט לאָזן צורו...

און אז ארבעטלאָזע זיינען פון יענעם צימער ארויסגעקומען און צעוואָרפן זייערע שטימען, און אין יעדן ווינקל פונם גרויסן האָל האָט מען געהערט דעם נאָמען מאָטיע, האָט ער שוין באַשלאָסן צוגיין צום פענצטערל: זאָל מיט אים פאַסירן וואָס עס וויל. אזא בריאה ווי ער דאַרף האָבן א טראגישן סוף . . . ער איז אוועק צום פענצטערל, א כאַפּ געטאָן דאָס קאַרטל מיטן נאָמען פון דעם שאַפּ, וואוהין ער איז געווען באַשטימט צו גיין ארבעטן. דערנאָך איז ער ווידער געלאָפן צום קראַן, זיך אָנגעטרונקען מיט קאַלט וואַסער, צו פאַרלייכטערן דאָס שטיקן אין האלדז, ווידער באַנעצט דעם שטערן און פארלאָזט דעם זאַל.

אויפן וועג האָט מאָטיע געטראַכט, אז אלע ווייסן פון זיינע ליידן, אָט דערפאר האָט מען אים א טאָג ארבעט צוגעשאַרט—אויס רחמנות, ער זאָל זיך האָבן מיט וואָס צו פאַרנעמען און ניט טראכטן אזוי פיל. וואָס דען איז פלוצים אזא געטריישאַפט? עס איז דאָך שוין חדשים, אז מ׳האָט אים קיין טאָג ארבעט ניט צוגעטיילט. זיין טעגלעכער רוטין איז געוואָרן צו דרעמלען אויף דער האַרטער באַנק און חלומ׳ען ווייסע חלומות: איינמאָל, אז זיין ביסל אייגנטום איז אויפן גאַס; די פרוי מיט דער טאָכטער האָבן אים פאַרלאָזט. ער איז א שלימ׳מזל! אזעלכער ווי ער דאַרף ניט פירן קיין פאַמיליען־לעבן. אפילו די 18־יאָריקע בת־יחיד׳קע זיינע זאָגט דאָס אים. אָן אנדערש מאָל: ער קומט אהיים און טרעפט ליכטלעך אויפן ווייסן

קיך־טיש. די פרוי וויינט. אים זעט אויס, ווי זי וואָלט א טויטן צוקאָפּנס געשטאַנען . . .

נאָך אזעלכע חלומות כאַפּט זיך מאָטיע אויף מיט א פּלאַטער־ניש, א ציטער נעמט אים דורך. ער טוליעט זיך צו דער וואַנט. טייל נייע ארבעטלאָזע פּלעגן זיך שושקען וועגן אים: ער האָט זיך געווים אריינגעלאָזט אין קאָרטן־שפּיל, האָט ער ניט ווען צו שלאָפן ביינאַכט. אים איז ניט אָנגעשטאַנען זיי צו דערציילן זיין האַרץ. זיי וועלן דאָס אליין אויסגעפינען . . .

היינט האָט זיך מאָטיע געטראַכט, ווען די מענטשן דערוויסן זיך מיט וואָס פאר א זינדיקע מחשבות ער האָט זיך ארומגעטראָגן ביז איצט וועגן זיין פריינט שימקע'ן, וואָלטן אים אלע פאראכטעט. זיי וואָלטן אים גערופן רשע און וואָס ניט . . . גיי דערצייל זיי, אז די פרוי זיינע האָט אים ניט איינמאָל אויפגעוואָרפן, פארוואָס שימקע ארבעט און ער ניט. אים האָט זיך געדוכט, אז שימקע, ניט קיין אַנדערער, איז דער, וואָס צעשטערט זיין שלום־בית . . .

אין שאַפּ, וואוהין מאָטיע איז געשיקט געוואָרן ארבעטן, האָט ער זיך געפליסט ביז גאָר, אז זיין ארבעט זאָל געפעלן ווערן: זיין גוטע רעפּוטאַציע וועט ער אָנהאַלטן ביז דער לעצטער מינוט . . . אָט הענגען שוין עטלעכע אויסגעפּרעסטע קליידלעך און קיין חסרון האָט מען אויף זיי ניט געפונען. וואָס נאָך: מאָטיע'ן האָט זיך אָנגעהויבן אויסדוכטן, אז ער האָט שוין זיינע שלעכטע מחשבות בייגעקומען. ער האָט זיי ערגעץ אויפן וועג פארלאָרן . . .

אזוי שנעל, אָבער, ווי מאָטיע האָט נאָר אָנגעהויבן צו דער־מאָנען זיך וועגן זיינע מחשבות, זיינען זיי אים פון דאָס ניי באַפאַלן און אים דערמאָנט, ווי שימקע איז אנומעלטן צו אים צוגאַסט געקו־מען אין א נייעם גאַרניטער. די פרוי מיט זיין בחור'ל, אויך אויסגעפּוצטע. אים האָט זיך נאָר געדאַכט, אז שימקע איז געקומען אויסשטעלן, באַרימען זיך. דערפאַר האָט ער קיין גלייך וואָרט צו אים ניט גערעדט. ער האָט שוין געוואָלט אים זאָגן, אז זיי זיינען מער ניט קיין פּאַסיקע פריינט . . . אז אים, שימקע'ן מיט זיין פרוי, וואָלט ניט אָנגעשטאַנען מיט זיין פאַמיליע צו שפּאַצירן אין גאַס . . . אים ליגן איצט ניט אין קאָפּ קיין קליידער, ווי שימקע'ן. צי ווייסט ער כאָטש, אז זיין מיידל, יעטא, האָט אויפגעהערט צו

גיין אין קאלעדזש, ווייל זי שעמט זיך מיט איר אפגעריסענער קליידונג? נו, וואס זאל ער טאן?

און ווען שימקע האט דאן פארלאזט דאס הויז, האט ער זיך ניט געקאנט איינהאלטן, און געזאגט זיין פרוי, אז ער איז אים ניט גערן . . . אז דער זאטער גלויבט ניט דעם הונגעריקן. אט אזא וועלט איז דאס שוין. אפשר וועט אמאל זיין אנדערש . . . אין הארצן האט ער זיך געטראכט: ווי גוט עס וואלט געווען, ווען שימקע ווערט אויך ארבעטלאז, באגלייך מיט אים, וואלט די פרוי אויפגעהערט אים יאדען. דעמאלט וואלטן זיי זיך ווידער גע'חבר'ט...

די ארבעט איז מאטיע'ן געווארן וואס אמאל שווערער. דער טאג איז אזוי לאנג, ווי עמיצער וואלט דעם זייגער געהאלטן אין איין צוריקרוקן. אים האט שוין באנג געטאן, וואס ער איז אהער געקומען. אינדרויסן, אויף דער פרישער לופט, וואלט אים שוין זיכער געווען בעסער. דא מוז ער שטיין אויף איין ארט. ער האט יעדן פיר מיטן אייזן געצייל̈ט, כדי צו טרייבן די מינוטן, וועלכע האבן אים אויסגעזען ווי שעה'ן. ער האט געהאט דאס געפיל, ווי איינער, וואס ליגט ביינאכט אין בעט און קאן ניט איינשלאפן. ער ווארט אויפן מארגן־שטערן און די נאכט וויל זיך ניט שיידן מיט אים. מאטיע האט אין הארצן געבעטן, אז עפעס זאל פאסירן, אבי די ארבעט זאל אפגעשטעלט ווערן. ער וועט אזא לאנגן טאג ניט אריבערטראגן. ער וועט פון געדולד ארויס, און ווער ווייסט ווי אזוי ער וועט האנדלען? ער איז עפעס ניט ביי זיך אין די הענט. ער וועט זיך אפשר שעמען מיט די מענטשן זיך באגעגענען . . . די בעסטע זאך וואלט געווען ער זאל זיך באצייטנס אפטראגן, איידער ער וועט זיך באנארישן . . .

מאטיע האט אנגעזאמלט זיין לעצט ביסל עקשנות אין זיך און אויף אן אומנאטירלעכן אופן אנגעהויבן הוידען זיך ביים פרעס־טיש, געפלויגן מיט דעם אייזן, ווי עס וואלט געווען עפעס א שפילצייג. ער האט אליין ניט געוואוסט, פון וואנען צו אים האבן זיך אזוי פיל כוחות גענומען. ער האט איבערגעיאגט יעדן פרעסער ביים טיש, און ווען די מאשינען האבן זיך שוין געהאט אפגעשטעלט, האט ער זיך נאך אלץ געהאלטן אין הוידען. מ'האט אים באדארפט דערמאנען, אז די צייט איז געקומען צו גיין אהיים . . . דאס האט

מאַטיע צו־להכעיס געטאָן זיינע שלעכטע מחשבות . . .

מאַטיע איז אריין אין הויז, אוועקגעלייגט די שכירות אויפן קיך־טיש, זיך שווער באַזעצט אויף א בענקל, דעם קאָפּ זיינעם אונ־טערגעשפּאַרט מיט זיינע עלנבויגנס. זיינע פינגער האָבן געדריקט די שלייפן פון שטערן.

די פרוי האָט זיך מער ניט געקאָנט צוריקהאַלטן:

— איך וויים, מאַטיע, וואָס דיר איז . . .

מאַטיע איז אויפגעשפּרונגען:

— פון וואַנען ווייסטו?

— וואָס?זשע, איך בין דיר אַ פרעמדע? איך בין ערשט געווען ביי דער אלמנה. לויט ווי זי אליין גיט איבער, האָט שימקע זיך די לעצטע צייט געמאַטערט. איז שוין אים בעסער אזוי . . .

זי איז צוגעקומען גאַנץ נאָענט צו מאַטיע׳ן, געגלעט אים די האָר פון קאָפּ, ווי א מאמע:

— איך וועל דיר שוין מער ניט עסן ס׳האַרץ. וואָס עס וועט זיין, וועט זיין! דאָס געזונט איז בילכער . . .

מאַטיע האָט א ווייל באַטראַכט די פרוי זיינע. עפּעס ווי א חלום — האָט ער זיך געטראַכט. צי האָט ער ערגעץ וואו פאַר־בלאָנדזשעט? אזא ווארימע אויפנאַמע האָט ער שוין ניט געהאַט א לענגערע צייט. טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. אירע ווערטער וועגן שימקע׳ן האָבן זיך ביי אים אין מוח געהאַלטן אין איין ווידערהאָלן: ווי באַלד אזוי האָט ער דאָך זיין פריינט גאָר ניט פאַרשאַלטן. שימקע האָט סיי־ווי־סיי קיין שלום מיטן לעבן ניט געהאַט. ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס דער ארבעטלאָזער, מיטן באַזילבערטן קאָפּ האָר, אין יוניאָן־האָל, האָט געזאָגט: די טויטע דאַרפן תכריכים; די לעבעדיקע — ברויט . . . זיין פאַמיליען־לעבן וואָס האָט ביי אים אויסגעזען שוין צעשטערט, אָן א ברעקל דרך־ארץ, האָט אָנגעהויבן אויסזען גאָר אנדערש. די פרוי זיינע האָט אין זיין פינצטערן מוח א ליכט אָנגעצונדן. יאָ, עס לייטערט זיך!

# אין אַ קענדי־סטאָר

לאַנדים און זיין פרוי האָבן שוין פאַרגעסן וויפיל יאָר זיי האַלטן אָן זייער קענדי־סטאָר. סימנים האָבן זיי גראָדע געהאַט עט־לעכע. די קינדער זיינען נאָך דאָן געגאַנגען אין סקול. איצט זיי־נען זיי שוין אויסגעגעבענע. נאָך עפּעס: ווען לאַנדים כאַפּט זיך אַזוי א זייטיקן קוק אויף זיין פרוי, דוכט זיך אים, אז מ׳האָט זי אים אונטערגעביטן. בסך הכל האָט זיין דבורה גאָר געהאַט א קיילעכדיקן פּנים מיט חן־גריבעלעך אין די באַקן און דאָ שטייט פאַר אים גאָר איינע מיט א לענגלעך פּנים, ווי ביי א ציג, דאָס מויל דרייט זיך ביי איר עפּעס אויף א זייט, און אַלעמאָל איז זי ברוגז. ער געדענקט שוין ניט די צייט, ווען זי האָט א שמייכל געטאָן.

דבורה, ווידער, קוקט אויף דעם מאַן אירן און האָט אויך אַן ענלעכן געפיל: צי וואָס האָט ער זיך פאַרלאָזט אזא שפּיציכיק בייכל? צי ווייסט ער כאָטש, אז זיין שטערן איז לויטער קנייטשן, ווי ביי אַ זקן . . . אביסל דערלעבט זי זיך א נקמה אָן אים: נישטאָ אַמאָליקע צייטן, ווען די אויגעלעך זיינע האָבן ארומגעטאַנצט אויף פרעמדע ווייבלעך! אך, פלעגט דאָס איר פאַרדריסן! היינט, אָבער, גייט דאָס אים ניט אָפּ!

הירשקע׳ן פּעלט אַלעמאָל א פּאָר שעה שלאָפן אָן אַן איבער־שלאָג. ער פירט דאָך, נעבעך, ממש א חשבון פון ניט־דערשלאָ־פענע שעה׳ן, און דערביי טראַכט ער זיך, אז עס וועט שוין מסתמא אזוי זיין, ביז ער און זיין פרוי וועלן צוריק ווערן פרייע מענטשן, ווי אמאָל . . .

לאַנדים האָט טאַקע ליב צו פילאָזאָפירן וועגן דעם. אָפּט וועט ער זאָגן אויף זיך אַליין, אז ער איז געגליכן צו א קו, וואָס גייט אַליין אין דער טשערעדע. א קו מעסט נאָך אוים מער שטח פון אים . . . אז פאַר אים איז בסך הכל אָנגעגרייט פיר קליינע בלאָק פון הויז צום קענדי־סטאָר זיינעם. מעסט ער זיי אזוי דריי מאָל יעדן טאָג. ווייטער גייט ער ניט: וואָס׳ארא שייכות האָט ער מיט די אנדערע גאַסן?

די ערשטע צייט האָט דאָס פאָר פאָלק ליב געהאַט צו שפּאַסן צווישן זיך:

זי: הירשקע, דו זעסט דאָך אויס ווי א רעגעלע דאָקטאָר אין דעם ווייסן מלבוש דיינעם!

ער: דבורה, אויף מיין וואָרט, אז דו זעסט אויס ווי די שענסטע נוירס אין שטאָט! — נאָכדעם האָט ער איר א שטאָך געטאָן מיט א לאַנגן פינגער אונטער דער פּאַכווע . . .

זי, מיט א צעפלאַמט פּנים:

— הויבסט שוין אָן מיט דיינע שטיקלעך? אָט גייט א קאָסטימער!

ער: כ׳האָב זיי אַלע אין באָד!

נאָך עפּעס: דבורה האָט ניט געקאָנט פאַרליידן וואָס אירע עטלעכע נאָך נייע קליידער הענגען אין שאַפע און זי האָט נישט קיין מעגלעכקייט „אויסגיין" אין זיי. פלעגט זי מיטיק־צייט, ווען קיינער איז אין הויז ניט געווען, זיך אויספּוצן, זיך אוועקשטעלן ביים שפּיגל און אביסל הנאה האָבן פון זיך אַליין . . . מיט אַן אויסגעצויגענעם זיפץ פלעגט זיז שפּאַצירן פון איין צימער אין צווייטן, אהין און צוריק, אהין און צוריק. געהאָפט האָט זי אז די קינדער וועלן אונטערוואַקסן וועט אפשר ווערן אנדערש . . . אַז ניט, טוט איר באַנג אויפן גאַנצן עסק. למאי האָט זי דערלאָזט הירשקע׳ן אריינצולאָזן זיך אין אזא מסחר, וואָס מען קאָן שוין באַצייטנס ניט האָבן קיין פרייע מינוט.

צוריק געקומען אין סטאָר אריין, האָט דער מאַן אירער זיך שוין געהאַלטן ביים קאָפּ פון ניט עסן אין צייט. איז ער בייז געווען און זי אויפגענומען מיט אזא מין נוסח:

— שוין געקאָנט פאַרבלייבן דאָרטן! אָדער: — האָסט ניט געקאָנט קייען אביסל שנעלער? האָסט דאָך נאָך אַלע ציין אין מויל . . .

זי האָט געשוויגן. נאָר געטראַכט ביי זיך, אז איצט איז דער בעסטער מאָמענט זי זאָל זיך צעוויינען ווי זי קאָן, און אים זאָגן דעם אמת, אז איר איז דערווידער אַלעמאָל ארומגיין מיט א ווייסן פאַרטוך. זי איז נאָך דערווייל א יונגע פרוי . . . זאָל ער דאָס טאַקע וויסן . . . — ניין, זי וועט אים גאָר ניט זאָגן! ער׳ט נאָך לאַכן פון איר, דער ליִ.

דורך די אַלע יאָרן, וואָס זיי האָבן געהאַלטן די קענדי־סטאָר, האָבן זיי זיך אויסגעלערנט קונציק שמייכלען. זיי האָבן שוין געקענט צעטיילן א שמייכל אויף דער העלפט, אפילו אויף פערטלען. עס האָט זיך בלויז געווענדט וואָס פאַר א קונד דאָס איז . . . פאַר גלאַט א פאַרבייגייער איז געווען גענוג א פיצעלע שמייכל. דערפאַר, אָבער, ווען עס האָט זיך באַוויזן דער קאָפּ פון א גרויסער פאַמי־ליע, האָבןביידע מיטאַמאָל זיך ברייט צעשמייכלט, ווי זיי וואָלטן זיך פאַרוועט ווער פון זיי עס נעמט בעסער אויף א ווערטפולן קונד. ביידע מיטאַמאָל:

— גוט מאָרנינג, מיסטער שאַפּירא, וואָס אייך געבן, מיסטער שאַפּירא?

און אַז די פרוי האָט זיך באַוויזן, האָט מען געפרעגט, ווען זי פאָרט אין די מאָונטענס, אָדער קיין לייקוואוד — עס האָט זיך גע־ווענדט אין וועלכן סעזאָן דאָס איז געווען. דערנאָך האָט מען זיך נאָכגעפרעגט אויף יעדן קינד באַזונדער, אָנגערופן יעדן ביים נאָמען, אפילו אויף די וואָס זיינען ערשט געווען אין סטאָר און מ׳האָט מיט זיי ערשט גערעדט.

ווען די שפּיל איז געווען פאַריבער, זיינען ביידע געבליבן שטיין מיט טויט ערנסטע פּנים׳ער. עס האָט אויסגעזען ווי זיי גיבן זיך איצט אָפּ חשבון: וואָס האָבן זיי זיך אַזוי דערפרייט מיט די חזרים? זאָלן זיי בעסער אָפּגעבן דעם חוב, וואָס קומט פון זיי! אַלעמאָל מוז מען זיי דערמאָנען. ער, לאַנדיס, האָט פילאָזאָפירט: — מען דאַרף דאָך זיין א אידיאָט ניט צו פאַרשטיין אַז די אויפנאַמע איז צוליב פּרנסה . . . באַלד טראַכט זיך אים, אַז ס׳קען דאָך זייער שיין געמאַלט זיין, אַז זיי ווייסן, נאָר מ׳איז שוין אַזוי צוגעוואוינט צו חניפה, אַז ס׳זעט שוין אָפּנים אויס ראַיעל . . .

אין אַזא מאָמענט האָט לאַנדיס געפילט, אַז ער מוז זיך אביסל אראָפּרעדן פון האַרצן. האָט ער פּלוצים א זאָג געטאָן:

— הערסט דבורה, דער ונתנה תוקף איז ניט ריכטיק אָנגע־שריבן געוואָרן. זיי האָבן דאָרטן: מי במים, מי בחרב און אנדערע אַזעלכע מי׳ס, פאַרוואָס האָבן זיי שוין ניט אריינגעשטעלט: „מי באקענדי־סטאָר" אויך?

דבורה זאָגט: דיר גלוסט זיך חכמה׳נען: פאַרוואָס ניט? אַז דאָס

גאנצע ביסל רומאטעס האָב איך דאָך אָפּגעשפּאָרט, ניט דו . . .

ער גלעט איר איבער דער פּלייצע און טראכט ניט קיין סך. ער האָט פאר איר אָנגעגרייט אַן ענטפער:

— ניט געזאָרגט, דבורה, איכ׳ל נאָך אויך עפּעס אָפּשפּאָרן . . .

דערביי ווערט ער זייער ערנסט און ער הויבט זיך אָן באקלאָגן:

— מילא, באשערט א קענדי־סטאָר, אָבער דאָס רופעניש צו די טעלעפאָנען וועט מיך אוועקליינגן. אז אלע אפּוינטמענטס מאכט מען דאָ! געהערט א מעשה?!

דבורה׳ן גלוסט זיך דערביי צו שמייכלען, און באלד טאקע לאכן:

— הירשקע, געוועזן באדאַרפט קויפן א קענדי־סטאָר אין ריווערסאיד דראַיוו. דאָרטן האָבן אלע טעלעפאָנען ביי זיך אין די הייזער, ניט אזוי?

ער צע׳כעס׳ט זיך און ענטפערט:

— כ׳וועל זיך אמאָל דערבייזערן, וועלן די טעלעפאָנען ביי מיר אזוי לאנג גרילצן, ביז זיי וועלן הייזעריק ווערן. וועסט זען!

פונדעסטוועגן, אז דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען, איז לאנדיס געלאָפן מיט זיינע דריבנע טריטעלעך, ווי א קינד וואָס הויבט ערשט אָן גיין און אריינגערעדט אין טרייבל אריין:

— שור, שור, אָט די מינוט! האלט די וואַיער, פּליס! — אוועקגייענדיק אביסל ווייטער האָט ער א זאָג געטאָן: — אז דער׳הרג׳עט זאָל ווערן דער, וואָס האָט אויסגעטראכט טעלעפאָנען . . .

ווען ער איז שוין געשטאנען אויפן שוועל, איין העלפט אינווייניק און איין העלפט אינדרויסן, האָט זיך אים ווידער פארגלוסט א פילאָזאָפיר טאָן:

— הערסט, דבורה, די מעלה פון א קענדי־סטאָר מאן איז, וואָס ער האָט קיין צייט ניט צו שטארבן, וועט מען שוין לאנג לעבן — ניט אזוי?

— גיי שוין, גיי! וועסט שוין באלד האָבן א פרישן „קאָל"

— און ווי זי וואָלט געטראָפן, האָט זיך א טעלעפאָן צעקלונגען. האָט זיך שוין לאנדיס אומגעקערט צוריק. ווי באלד אזוי וועט ער שוין טאָן צוויי „מצוות" אויף איינמאָל . . .

ארום און ארום האָט אויסגעזען, אז סיי ער, סיי זי האָבן שוין אויפגעגעבן די האָפענונג ווען עס איז באפרייט צו ווערן פון דער

קענדי־סטאָר זייערע. זיי האָבן געהאַט א בשותפות'דיק ווערטל:

— מ'עט שוין אזוי אָפּשטופּן די פּאָר יאָר . . .

פּאַסירט איינמאָל אין א שיינעם מאַי־טאָג, פּונקט דאַן ווען עס ציט סיי יונג, סיי אַלט צום בוים, צום גראָז, צום טייך, שטייט דאָס פּאָר פּאַלק, לאַנדים און זיין פרוי, מיט פאַרלייגטע הענט. ער קוקט אויף אירע צעקנייטשטע באַקן און גרויע האָר; זי קוקט אויף זיין שפּיציקיק בייכל. ביידע זיפצן אָפּ כמעט אין דער אייגענער מינוט. פּלוצים, אינמיטן זייער טראַכטעניש, קומט אריין א מיטל־יאָריקער מאַן, ער בלאָזט פון זיך. ס'איז אים וואַרעם. לאַנדים און זיין פרוי האָבן זיך אוועקגעשטעלט אויף זייערע פּאָסטנס: ער ביי די סיגאַרעטן, און זי, לעבן סאָדע־פאָנטען. דער מאַן האָט זיך באַזעצט לעבן איר קאָונטער און געהייסן זיך מאַכן א „מאָלטעד". בעת מעשה האָט ער א פרעג געטאָן:

— אַלעמאָל ביי אייך אזוי „סלאָ?"

געזאָגט האָט ער דאָס אין אזא טאָן, ווי איינער, וואָס איז כאָטש אליין א געשעפטסמאַן און ס'איז אים פּשוט נוגע.

לאַנדים און זיין פרוי האָבן זיך איבערגעקוקט. אפשר געפרעגט זיך ווער ס'זאָל ענטפערן. און אזוי ווי ער, לאַנדים, האָט געטראַכט זיך, אז זי קאָן זיך אפילו פויגן ענטפערן, און זי אפשר האָט וועגן אים אויך אזוי געטראַכט, האָבן זיי ביידע מיטאַמאָל געענטפערט:

— קומט אין אָוונט וועט איר שוין זען!

דער מאַן האָט זיך גאָרניט געפוילט, טאַקע געקומען דעם זעלבן אָוונט, געטראָפן דעם שטילן סטאָר פון בייטאָג, ווי א בינשטאָק: אריין, ארויס, אריין. טעלעפאָנען קלינגען, עס איז פרייליך ביז גאָר. מענטשן זיצן זיך געמיטלעך און טרינקען „מאָלטעדס", אָדער גלאָט צוגעפּארבטן סעלצער־וואַסער. מען קויפט פּעקלעך סיגאַרעטן, סיגאַרס, לאָלי־פּאָפּס, ווירעלעך, פלעשלעך טינט און גלאָט שפּילצייג. ווי באַלד אזוי איז דאָס שוין איינמאָל א ביזנעס. ער'ט דאָך ניט גיין אזוי־אָ אין איילעניש אריינרעכענען די אויסגאַבן אויך? דערצו איז דאָס געווען ס'ערשטע מאָל, וואָס ער האָט זיך געקליבן ווערן א געשעפטסמאַן . . .

אויף מאָרגן: שוין אביסל א כמאַרנער טאָג. דער מאַן איז דאָ! ער הייסט זיך געבן א פלעשל קאָקאָ קאָלאַ. צווישן איין זופּ און

צוויטן, באטראכט ער דעם גאנצן ארום און דערנאָך טוט ער א פרעג:
— איר'ט אפשר פארקויפן די סטאָר?
לאַנדים און זיין פרוי באטראכטן אים און ביידע אויף איינמאָל שרייען אויס:
— דאָס זענט איר דאָך דער נעבטיקער מאַן, א יאָ?
— געטראָפן!
— פארוואָס־זשע קומט איר עפּעס בלויז בייטאָג? — זאָגט פרוי לאַנדים מיט א תחינה־טאָן. דער מאַן אירער זאָגט מיט א שמייכל: — פארלאָז זיך אויף דעם אידן, ער איז א ביזנעסמאַן, איך דערקאָן שוין . . .
דער מאַן האָט פּלוצים ברייטלעך א זאָג געטאָן:
— זאָל אייך גאָר ניט ארן ווען איך קום! איר זאָגט מיר בעסער וויפיל א שטייגער וועט איר זיך הייסן דערלאנגען פאר דער סטאָר? איך מיין קעש, מיין איך . . .
מאַן און ווייב זיינען אוועק אויף א זייט און זיך גענומען שושקען:
זי: זאָל ער טאקע באמת זיין א קאַסטימער?
ער: אפשר!
און אז מ'האָט דעם מאַן א זאָג געטאָן דעם פּרייז, האָט ער אביסל גענומען פינטלען מיט די אויגן, געקייעט עפּעס מיטן מויל, געקראצט זיך אביסל אין קאָפּ. דערנאָך האָט ער א שמייכל געטאָן, ווי איינער רעדט: נארישע מענטשן, איר'ט בעסער ווערן . . . ער האָט זיך אויפגעהויבן און געלאָזט וויסן, אז ער גייט זיך אויך בעראטן מיט זיין פּלונת'טע . . .
לאַנדים און זיין פרוי האָבן זיך אָנגעהויבן אמפּערן צווישן זיך:
זי: מיר'ן זיך שוין קיינמאָל ניט באפרייען פון דאנען! ער'ט שוין ניט צוריקקומען. ווער האָט דאָס היינט אזויפיל געלט פאר א קענדי־סטאָר?
ער: אז דו האָסט געוואָלט אים אוועקגעבן בילִיקער, פארוואָס האָסטו פריער ניט געזאָגט?
זי: דו ביסט דאָך דער מאנספּארשוין! מער האָט זי ניט גערעדט, נאָר שוין פארענדיקט מיט א געוויין. ער האָט זיך געהאלטן אין איין בעטן, אז זי זאָל אויפהערן, ס'איז ניט שיין. איר, אָבער, האָט זיך קיינמאָל ניט געוואָלט אזוי וויינען, ווי איצט . . . האָט לאַנדים

געזען, אז אזעלכע רייד ווען ניט העלפן, האָט ער זיך אוועקגעשטעלט אויפן טיר, און איר עטלעכע מאָל איבערגעשלאָגן:

— הער אויף צו וויינען, אָט גייט דער מאן! — ער האָט איר אזוי עטלעכע מאָל אָפּגענאַרט, ביז ענדלעך איז טאקע דער מאן געקומען. דאָס מאָל האָט ער שוין געהאט די פרוי זיינע מיט זיך, זי האָט אים געהאָלפן אויסקוקן איבעראַל, אריינוואַרפן א גוט וואָרט, ביז די קענדי־סטאָר איז אויף אן אמת'ן אָפּגעקויפט געוואָרן.

דבורה האָט זיך דאן זייער געפרייט. דער קויפער איז עפּעס ביי איר אין די אויגן א מלאך . . . געקומען זי באפרייען . . .

אז זיי זיינען שוין יאָ געוואָרן פרייע מענטשן, האָבן זיי זיך אוועקגעזעצט אויסארבעטן א פּלאַן, ווי אזוי צו פארברענגען זייערע קומענדיקע טעג.

זי: הירשקע, דאָס חיות גייט מיר שוין אוים צו זען א אידישע „שאָ".

ער: אודאי, אודאי! נאָר צום אלעם ערשט מוזן מיר זיך אריבער־כאַפּן צו א לאָדזש מיטינג: שוין אזויפיל יאָרן דאָרט ניט געווען. מירן זיך זען מיט אונזערע באקאנטע; ניט אזוי?

דבורה האָט זיך אויך אָנגעכאַפּט אָן דעם. טאקע, טאקע! פאר־וואָס ניט? מאָרגן דארף ער דאָך מער ניט אויפשטיין פארטאָג!

ווען זיי זיינען שוין געווען נאָענט ביים זאַל, וואו זייער לאָדזש מיטינג איז פאָרגעקומען, האָבן זיי גערעדט וועגן דעם, ווי אזוי מען וועט זיך דאָס אביסל דערפרייען איבער זיי. מען וועט זיך א לאָז טאָן פון אלע ווינקעלעך: וואָס מאכט איר? וואָס טוט איר? ענדלעך, ענדלעך זעט מען זיך! וויפיל יאָרן זיינען שוין אוועק? . . .

לאַנדים האָט ברייטלעך אָן עפן געטאָן די טיר: זאָלן אלע וויסן אז צוויי געהויבענע געסט זיינען געקומען צו אָט דעם מיטינג . . . מאכט א ווארע! אוים קענדי־סטאָר! . . .

דער פּרעזידענט האָט זיך פּונקט דאַן געהאט אויפגעשטעלט, א קלאַפּ געטאָן מיט זיין אויסגעשניצטן האמער אין שטענדער, און מיט א טרויעריק קול געלאָזט וויסן, אז א חשוב'ער מעמבער איז געשטאָרבן. זאָלן די פארזאמלטע דאָ אָפּגעבן ערע דעם מת . . . אלע האָבן זיך מיט א שטארקן גערויש א הויב געטאָן און א ווייל־ע געבליבן שטיין מיט געבויגענע קעפּ.

דאָס באפרייטע פּאָר פּאָלק איז געבליבן שטיין ביים טיר צע־טומעלט. דבורה'ן האָט זיך נאָר געדאכט, אז דאָס איז עפּעס א שפּיצל . . . זי האָט דאָס טאקע געזאָגט איר מאַן:

— ביסט א מבין, הירשקע, ווי מ'האָט דאָס געווארט מיט דער פרייליכער בשורה ביז מיר וועלן קומען?

הירשקע, וועמען ס'האָט אויך געקלעמט פון דער אויפנאמע, האָט פּרובירט איר פרייליך מאכן: אָט זעסט שוין, אז מענטשן האָבן צייט, שטארבן זיי . . . — פונדעסטוועגן האָט ער געפילט, אז ער מוז איר פארגיטיקן דעם ערשטן אויפדערנאכט, האָט ער זיך ארויס־געכאפּט אויף א ווייל, און איינגעהאנדלט צוויי בילעטן אין א אידיש טעאטער, צו זען די באַרימטע קאָמעדיע: „דער טאטע קויפט א היים". דבורה איז שוין איינמאָל פרייליך געווען, ווען זי האָט דערזען די בילעטן, ווייל דורך דער צייט וואָס איר מאַן הירשקע איז ארויס, האָט זי זיך דאָ גענוג אָנגעקלאָגט. זי האָט זיך דער־וואוסט, אז די מערסטע באקאנטע זייערע זיינען שוין אויף יענער וועלט . . .

אויף מאָרגן זיינען ביידע געזעסן אין טעאטער. אָט איז שוין איין אַקט אוועק, אָט א צווייטער, און קיינער האָט נאָך קיין איין לאַך ניט געטאָן. דער עולם ווישט זיך גאָר די אויגן . . . דבורה פרעגט מיט א פארשטיקט קול: ווען וועט מען שוין ווייזן דיין קאָ־מעדי? ער ענטפערט: דאָס, ווייזט אויס, זיינען די היינטיקע קאָ־מעדיעס! . . .

אויף דער בינע האָט מען פאָרגעשטעלט, ווי אן אלטער טאטע, וואָס זיינע עלף קינדער ווילן זיך ניט אומקוקן אויף אים, גייט אוועק און קויפט זיך א שטיקל קרקע. רופט צונויף אלע קינדער צום עלטסטן זון אין הויז אריין און לאָזט וויסן, אז ער האָט זיך גע־קויפט אן אייגענע דירה . . . ווערן אלע קינדער פרייליך. מען טרינקט וויין און מען לאָזט זיך וואויליגיין, ביז אין לעצטן אקט. דאן איז זיך דער אלטער מישב, און ווארפט זיך ארויס דורך א פענ־צטער . . . צעקלאָגן זיך אלע קינדער: טאטע, פארוואָס האָסטו דאָס געטאָן? פארוואָס? מיר אלע זיינען דאָך דיר אזוי געטריי געווען . . .

און פון דעם פּובליקום קומען אויסגעשרייען:

— ליגנער! ליגנער!

אינדרויסן, ווען זיי זיינען שוין געגאנגען אהיים, האָט הירשקע אויסגעפונען, אז אויף דער טעאטער־שילד שרייבט זיך גאָר: א טראגעדיע.

— נו, פארפאלן! וועלן זיי שוין זען א קאָמעדיע א צווייטן מאָל..

אָט אזוי האָט זיך די פאמיליע לאנדים „אמוזירט" עטלעכע וואָכן נאָכאנאנד. ביז וואנעןביידע האָבן אָנגעהויבן רעדן: — תכלית, פרנסה. שוין גענוג געהוליעט! ער, הירשקע, האָט אמאָל אין דער יוגנט געארבעט ביי קאָלדרעס, ווייל אים איצט קיינער ניט ארויפ־נעמען צו דער ארבעט, צוליב זיין ווייסן קאָפּ האָר . . . די קינ־דער האלטן אין איין קומען לייען געלט און פארגעסן אָפּצוגעבן. דאָ דערמאָנט זיך זיי אָן דער טראגעדיע, וואָס זיי האָבן געזען: פון עלף קינדער האָט קיינער דעם אלטן טאטן ניט געוואָלט האלטן . . .

איין פרימאָרגן האָט לאנדים א זאָג געטאָן צו זיין פרוי:

— הערסט דבורה, ניט געדארפט געווען פארקויפן די קענדי־סטאָר . . .

דבורה האָט א ציטער געטאָן און — געשוויגן . . .

# ברודער קוירש

קוירש איז ביי דער „בי קאָוטס קאָמפּאַני״ שוין צום ווייפילטן מאָל דערוויילט געוואָרן אַלס שאָפּ־טשערמאַן. און ווען אפילו ער ווערט שוין אויס, וואָלטן אים נאָך אַלץ אַלע גערופן ברודער קוירש. ביי קיינעם פון די אַרבעטער וועט זיך אויף דער צונג נישט לייגן צו זאָגן אַנדערש . . .

געוועזן איז קוירש אַ מיטל־יאָריקער מאַן, אַ הויכער, מיט בלויע אויגן, ווי ביי אַ קינד; אַ שטערן הויך און בלאַס, ווי אַ שטיק לבנה. זיינע פּוכקע האָר זיינען שוין לאַנג גרוי געוואָרן. גערעדט האָט ער שטיל, ווי ער וואָלט יענעם אַ סוד איינגערוימט. צייטנווייז האָט ער זיך אינמיטן רעדן געכאַפּט ביי דער ברוסט און קיינער האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס . . . ער אַליין, אויך נישט . . .

אָט אַזוי שטילערהייט, האָט ער צוגעבראַכט אַ „לאָט״ אַרבעט צו די מאַשינען. אויפגעהויבן זיינע שעמעוודיקע אויגן און געזאָגט: אַזויפיל און אַזויפיל קומט אויס אויף אַ חלק!

ביי די מאַשינען איז געווען שאַ, שטיל. אפילו די פּאָר באַל־מעלאָכעס, וועלכע האָבן אַמאָל ליב געהאַט אַביסל מער אַרבעט פאַר זיך, און נאָך אַלץ פאַרבליבן מיט אַ צונאָמען „די כאַפּער״, האָבן זיך שוין לאַנג צוגעוואוינט צו דער גלייכער צעטיילונג פון אַרבעט. ברודער קוירש האָט געזאָגט, אַז אַלע זיינען גלייך.

די פירמע האָט געהאַט גרויס פאַראיבל אויף קוירשן. — לּמאי מוז ער עפּעס אַלעמאָל זיין דער שאָפּ־טשערמאַן? וואָס אַ שטייגער וואָלט אים געאַרט, ווען די שנעלע הענט קריגן מיט אַ פּאָר שמאַטעס מער? . . . עס קאָסט אים טייער? אַז ס׳איז פּשוט נישט יושר׳דיק איינצוהאַלטן פלינקע הענט. וואָלט קוירש אַליין געווען אַ שנעלער, נישט אַזאַ קריכער, וואָלט ער גאָר נישט געווען אַזוי פּינקטלעך . . .

מר. רובין, דער אינעווייניקסטער באַלעבאָס, האָט נישט איינמאָל געוואָלט זאָגן קוירש׳ן, אַז אַזעלכער ווי ער, וואָלט גאָר באַדאַרפט זיצן ערגעץ אין אַ היימישן בית־מדרש און לערנען תורה . . . נאָר גיי זאָג אים, אַז באַלד מאַכט ער פון יענעם אַ תל מיט זיינע מאָדנע פּסוקים, ווי דער טאַטע זיינער אין דער אַלטער היים, ביי וועמען ער, רובין, האָט בחור׳וויז געלערנט. — אַלעמאָל האָט יענער גע־

רעדט וועגן יושר. פונדעסטוועגן, האָט ער נישט איינמאָל אָנגע־דרייט א תּלמיד די אויערן פאר נישט וויסן עפּעס א וואָרט אין תנ"ך, אָדער אנדערשוואו . . . דער זון זיינער אין אמעריקע וואָלט נישט געדארפט זיין אזא כניאָק — האָט רובין ניט איינמאָל צו זיך געטראכט.

הינטער קוירש'ס פּלייצעס האָט רובין נישט איינמאָל גע'מוסר'ט אייניקע באַלמעלאָכעס: וואָס האָבן זיי אזוינס דערזען אין אים? און אז א איד קאָן שוין אביסל לערנען, מוז ער אַלעמאָל זיין דער רעדל־פירער? עס קומט דאָך אוים, אז אַלע אין שאַפּ זיינען טויגע־ניכטסען... ווען ער האָט נאָך דערזען ווי די ארבעטער היטן זיך פאר קוירש'ן נישט צו דערציילן א „געפּעפּערטן" וויץ, ווי יאשע דער פרעסער פארהאקט זיך אינמיטן דערציילן עפּעס סערקען דער פינישערין, — אפילו ווען יענע בעט זיך ביי אים ער זאָל איר זאָגן אויפן אויער . . . שטעלט ער זי אָפּ:

— כ'וועל דיר שוין זאָגן אין רעסטאָראַן . . . — דעמאָלט צעלאכט זיך רובין הויך אויפן קול, אזוי, אז יאשע זאָל טאקע הערן. דערנאָך האָט ער געזאָגט כּלומר'שט מיט א שמייכל אויף די ליפּן זיינע:

— יאשקע ברודער, א שאַפּ איז דאָך נישט קיין מקום קדוש! דאָ מעג מען נעמען א באַ'טעמ'ט וואָרט אין מויל אריין . . . מענטשן ווילן זיך מאכן אביסל פריילעך, איז וואָס? מיין לאנדסמאַן האָט נאָר ליב גע'טובל'טע וויצן . . . און איר בהמות . . .

יאשע איז אים אריינגעפאַרן אין די רייד אריין:

— מיסטער רובין, עסט זיך נישט ס'האַרץ! ברודער קוירש האָט נאָך דערוויילט קיינעם די קאַפּאָטע נישט געקוילעט . . . הלואי זאָלן מיינע קינדער זיין ווי ער!

אַן אַנדערש מאָל, האָט רובין געהערט ווי ארבעטער רעדן זיך דורך וועגן אים: — אָט אזוי איז שוין אפּנים א באַלעבאָס, מוז איבעראל שטופּן די נאָז . . . רובינען האָט שטארק פארדראָסן די באַמערקונג. ער האָט זיך געמאכט ניט הערנדיק. באַשלאָסן ביי זיך, אז ס'וועט אפשר טאקע זיין געזינטער פאר דער פירמע ניט צו רעדן אויף קוירש'ן. ער זעט דאָך שוין אַליין, אז אפילו בערקע און דזשעיק, זיינע צוויי פּערל פון אמאָל, זיינען שוין אויך געוואָרן

גאַנצע בעלי תשובות . . . היינט וואָס־זשע טויג עס? אפשר ווערט גאָר קוירש נאָך חשוב׳ער ביי זיי, ווייל ער רעדט אָן אויף אים? האָט שוין רובין באַשלאָסן מער נישט צו וועלן קוירש׳ן פאַר׳מיאוס׳ן אין די אויגן פון די ארבעטער. פארקערט, ער וועט זיך גאָר אָנ־הויבן טוליען נעענטער צום לאַנדסמאַן . . .

אָט אזוי איז דער שאַפּ געווען ווי איין חשוב׳ע פאַמיליע. קוירש, וועלכער איז געווען דער עלטערער צווישן זיי, ווי דער פאָטער זייע־רער. און אז ער האָט אָנגעהויבן די לעצטע פרימאָרגנס אריינקומען נישט אזוי אויפגעלייגט ווי פריער, האָט מען זיך ביי די מאַשינען איבערגעוואונקען וועגן דעם — עפּעס זעט אויס ברודער קוירש ניט מיט אלעמען . . . — קוירש ווידער, אז ער האָט אויף זיך דער־פילט זייערע באַטריבטע בליקן, האָט א שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— וואָס עפּעס אזוי שטיל? זינגט עפּעס!

ווי באַלד אזוי, אז ברודער קוירש שמייכלט, האָט זיך דער עולם צעוויגט אין א געזאַנג העכער און העכער. וואָס אמאָל האָבן זיך אלץ מער שטימען אריינגעפלאָכטן. פארשריען דעם מאַשינען־ גע־רויש, און דאָס יעכצן פון די פרעס־אייזנס. די אויגן צעגלאַנצט. ער האָט מיט זיין גאַנצער נשמה מיטגעזונגען. און די נאָדלען אויף די קאָלירטע סחורות, האָבן פריילעך געטאַנצט . . .

:: :: ::

נאָר פּלוצים, ווי דער שטן וואָלט דאָס אלץ נישט געקאָנט פאַר־ליידן, האָט ער אָנגעהויבן אויסשפּרייטן זיינע שווארצע פליגלען אי־בער קוירש׳ן: וואָס האָט פּאַסירט? שוין וואָכן אז קוירש ליגט צו בעט. דער דאָקטאָר האָט איינגערוימט א סוד דער פרוי, אז איר מאַן וועט שוין דעם שאַפּ נישט טאָרן אָנזען מער· זאָל זי דאָס געדענקען . . . און קוירש, וואָס האָט פון דעם סוד נאָך נישט געוואוסט, האָט זיך געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן:

— דאָקטאָר, עד מתי? סטייטש, א מענטש אז ער לעבט, דארף זיך דאָך פארדינען זיין ברויט . . .

דער דאָקטאָר האָט זיך געוויצלט: — עס זיינען געגנוג מענטשן פאַראַן, וועלכע לעבן אָן ארבעט . . .

— און פרנסה? — האָט זיך קוירש מיט דעם דאָקטאָר ווי גע־דונגען.

דער דאָקטאָר האָט זיך מיט א פינגער געגראבלט איבערן האַלדז, געפילט ווי צו זאָגן זיין פאציענט, אז פרנסה איז טאקע א וויכטיקער ענין, אָבער מיט אים האָט דאָס נישט צו טאָן. ער קאָן אים בלויז זאָגן, אז ער טאָר זיך בשום אופן נישט ערגערן . . . אז דערווייל דארף ער נאָך ליגן אין בעט פאר זיין אייגענער טובה וועגן . . .

אין שאפ האָט מען נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן קוירש'ן:

— אז ער האָט דאָך גאָרנישט אויסגעזען צו זיין אזא חולה מסוכן!

דער שכן זיינער האָט זיך פלוצים דערמאָנט, אז קוירש פלעגט צייטנווייז אויפהערן צו שטעפן און זיך צוהאלטן ביי זיין ברוסט: וואָס, א שטייגער, מיינען זיי, ס'איז געווען פאר תענוג?

ווי באלד אזוי, ווייסן שוין אלע פארוואָס ער האָט די לעצטע צייט אויסגעזען אזוי דערשלאָגן . . .

— א מבין ווי ער האָט געבעטן, אז מען זאָל זינגען?

— ער האָט געוואָלט דער קרענק די ציין פארערדן — האָט יאשע דער פרעסער זיך ארייננגעמישט.

— טאקע, טאקע, זעט נאָר, זעט! ווי מיר האָבן זיך נישט גע־כאפט! — האָבן זיך קעפ טרויעריג געשאָקלט: גיי ווייס וואָס ביי יענעם אינעווייניק טוט זיך אָפ . . .

מייל פון זיי האָבן זייערע בליקן געלאָזט הענגען אויף דער ליי־דיקער מאַשין, אויף וועלכער קוירש האָט געארבעט. געטראכט זיך: ווי פאר'יתומ'ט די שטומע כלי זעט אויס אָן דעם ארבעטער לעבן זיך . . .

דער באלעבאָס רובין האָט אויך נישט אויפגעהערט צו באדויערן:

— אַ שאָד, א שאָד, נישטאָ קיין סך אַזעלכע ווי קוירש . . .

ער האָט זיך ערשט געוואָלט צעלאָזן מיט לויב־געזאנגען, נאָר די אלע אויגן וואָס האָבן זיך אויף אים פלוצים א קער געטאָן, האָבן אים צעטומלט. אים האָט זיך געדאכט, אז פונקט איצט, קאָנען זיי אים נאָך וועלן דערמאָנען אָן זיין רכילות טרייבן. זיי וועלן אים נישט וועלן גלויבן, אז איינס מיט דעם צווייטן האָט נישט צו טאָן... וועט ער זיך בעסער היטן זיין כבוד . . .

דערפאר, אָבער, ווען יאשע דער פרעסער האָט פאָרגעשלאָגן צו זאַמלען געלט פאר קווירש'ן, האָט רובין כמעט מיט פרייד אויסגע־שריען:

— גערעכט, גערעכט! — און באלד זיך דער ערשטער געכאפט צו דער קעשענע . . . בעת מעשה געטראכט זיך, אויב מען וועט אים שוין איצט נישט ווען גלויבן, אז אים טוט ווי דאָס הארץ פאר קווירש'ן פונקט ווי זיי, איז שוין אוים וועלט . . .

די ערשטע צייט, ווען א שאפ־קאָמיטע איז געקומען קווירש'ן מבקר־חולה זיין, און ווי זייער שטייגער איז געווען, אלע אין כאָר אויסגעזונגען „ברודער קווירש", איז דאָס ביים חולה געווען א גרוס פון דער לעבעדיקער וועלט. אין זייער קעגנוואָרט איז ער גאָר נים קראַנק . . . כאָטש נעם און קריך ארוים פון בעט . . . זיין וואונטש איז נאָר געווען, אז זיי זאָלן קומען צו אים יעדן טאָג, וועלן זיי אים העלפן וואָס גיכער געזונט ווערן . . .

און אז זיי זיינען אוועקגעגאנגען, האָט ער נישט אויפגעהערט צו קוקן צו דער פארמאכטער טיר. געקוויקט זיך מיט זייערע רייד: ברודער קווירש, איר וועט נאָך מיט אונדז ווידער ארבעטן... מיר בעטן פאר אייער געזונט יעדן טאָג . . . געטראכט זיך, אז זיי האָבן דעם גאנצן אומעט פון זיין הויז פארטריבן . . . נאָך אזעל־כע טעג, וועט ער קיין שווידערלעכע חלומות נישט האָבן מער . . .

שפעטער צו זיינען די באזוכן אָפגעשוואכט געוואָרן, מענטשן האָבן פיינט אויסגעצויגענע קראַנקהייטן . . . איז קווירש אָפט גע־לעגן אָן איינזאמער, געטראכט וועגן זיינע פארגאנגענע יאָרן. אלע אומעטיקע טעג האָבן זיך געשטופט צום סאָמע אויבן־אָן. אים דער־מאָנט אָן צייטן, ווען ער האָט ארומגעוואָגלט ארבעטלאָז. געזוכט יושר און נישט געקאָנט געפינען . . . דערנאָך, ווען ער האָט שוין אויף זיך געטראָגן דעם עול פון א פאמיליע, האָט ער זיך געוואָלט איבערמאכן און נישט געקאָנט . . . אָבער דעם שפעטערדיקן צאָרן, האָט ער שוין נישט ארויסגעשריען מער, נאָר געזאמלט אים אין זיי־נע געדערים, ווייל די פאמיליע דארף עסן . . .

אָט יענער צאָרן, פון יענע יאָרן, האָט אפנים זיינע בלוט־רערן פארשטאָפט . . פונקט איצט, ווען ער האָט געהאט אזוי פיל כבוד פון די ארבעטער אין שאפ, ווען אים איז אזוי ליב זיין דינסט צו זיי,

ווען די יוניאָן זיינע איז געוואָרן מיט אזא ברייטן פּאַרנעם, איז יע־נער צאָרן געקומען צוגיין און פאָדערט א תיקון . . . יאָ, ער ווערט באַשטראָפט פאַר נישט לאָזן דעם צאָרן זיינעם קומען צום אויסדרוק... איצט איז דאָס בעט געוואָרן זיין וואוינונג . . .

נאָך אזא טראַכטעניש, בלייבט קוירש ליגן אַן אויסגעשעפּטער. קוקט שטאַר אויף דער סטעליע, וועלכע האָט זיך אים שוין צוגע־געסן, און אים ווילט זיך וויינען. ער כאַפּט שנעל אוועק זיינע בליקן, פאַרדרייט זיך צום אָפענעם פענצטער, און פאַרדרייט זיך באַלד צו־ריק. לעבן שרייט אריין און ער ליגט און וואַרט אויף זיין לעצטן טאָג . . .

ער גיט באַלד א מאַך אוועק מיט דער האַנט: אים אַרט דאָס שוין נישט! ער איז זיכער אז זיין פרוי, זיין איינציקע מיידל, וועלן באַלד מיד ווערן ארומגיין ארום אים . . . שטילערהייט אין זייערע מחשבות זינדיקן זיי קעגן אים . . . זיי ווילן גיין פאַרברענגען, און ער איילט זיך נישט צו פאַרמאַכן זיינע אויגן . . .

באַלד טראַכט ער, אז ער וואָלט גאָר באַדאַרפט ארויסנעמען די גאָלדענע פּאָונטעין־פּען פון אונטערן קישן, די מתנה פון זיינע ברי־דער אין שאַפּ, און אַלץ אויפשרייבן אויף פּאַפּיר, שוואַרץ אויף ווייס! זאָל מען לייענען וועגן זיינע ביטערע טעג . . . אפשר וועט דאָס אימיצן נוצן ברענגען . . .

פונדעסטוועגן, אז די פרוי זיינע באַווייזט זיך אינמיטן דערינען, צעוויצלט ער זיך גאָר:

— דבורה, האָסט כאָטש געהערט וואָס דער באַלעבאָס האָט באַ־פוילן? ער וועט קיינעם נישט אוועקזעצן אויף מיין מאַשין . . . מ'דאַרף זיך צואײַלן! א יאָ?

די פרוי גלעט אים ווי איר'ס א קינד און זינגט אומעטיק אויס:

— אודאי, אודאי!

זי דרייט זיך גלייך אוועק ער זאָל איר אין די אויגן נישט קאָנען אריינקוקן . . .

# דריי יונגע ארבעטער זוכן א דזשאָב

## (הומאָרעסקע)

דריי יונגע בחורים פון איין געגנט, פון איין סקול אַלע ארום די זעלבע יאָרן, האָבן זיך ארויסגעלאָזט זוכן ארבעט.

זיי האָבן געשטיפט און געלאכט. פון צייט־צו־צייט האָט איינער דעם צווייטן אונטן ארום א דריגע געטאָן מיט א פוס, און מ׳האָט אָנגעקוואָלן וואָס דער געשלאָגענער האָט ניט געוואוסט ווער עס האָט אים דערלאנגט.

דערנאָך האָט מען זיך אָנגעהויבן געבן שטעך־ווערטלעך:

— העי, מאָרי, וואָס וועט אונזער קלוב טאָן אָן א לאָיער

מאָרי האָט שרעקלעך פיינט געהאט אָט די אָנצוהערעניש. עס האָט זיך אים שטארק ניט געוואָלט אויפהערן לערנען. ער האָט אפילו געטראכט, אז אזוי שנעל ווי ער וועט זיך קאָנען פארזאָרגן מיט א דזשאב, וועט ער ווידער אָנהויבן לערנען. ער האָט זיך געשטארקט און ניט געוואָלט בלייבן שולדיק, האָט ער פלוצים א זאָג געטאָן:

— און וואָס וועלן מיר טאָן אָן דאָקטוירים?

מאָרי האָט דערמיט געמיינט צו טרעפן פיליפ׳ן, וועלכער האָט זיך אַלע מאָל בארימט, אז ער וועט זיין א דאָקטאָר.

דזשאני האָט מאָרי׳ן א קלאַפּ געטאָן איבער די פלייצעס:

— אָט אזוי, פארשווייג ניט דעם קיבעצער.

זיי האָבן זיך באלד פארקירעוועט צו א גאס, וואו עס געפינען זיך פריוואטע „עידזשענסים”.

די פלעצער זיינען געווען באלאגערט מיט מענטשן, יונגע, אַלטע, ווייסע און שווארצע, מענער און פרויען.

מ׳האָט געלייענט די ווייסע צעטעלעך, וואָס זיינען געווען צוגענאָגלט צו די ווענט פון יעדער זייטן טיר.

א מיטל־יאָריקער מאן מיט א שווארצן קאָפּ האָר איז ארונטערגעקומען א צעפלאמטער, א צעטומלטער און האָט גערעדט הויך, אז אַלע זאָלן הערן.

— אז ניט דערלעבן וועלן זיי דאָס, אז איך זאָל ווערן א סטרייק־ברעכער . . .

ער האָט זיך גענומען יאָגן גלייך ווי מען וואָלט אים נאָכגעלאָפן.

די דריי יונגע בחורים האָבן זיך דורכגעשטופּט צום סאמע פראָנט און אלע האָבן געלייענט אין דער הויך וואָס עס איז געווען געשריבן אויף די ווייסע צעטעלעך. זיי האָבן געלייענט מיט א מין ביטול אין זייער קול. עס האָט געמאכט דעם איינדרוק ווי זיי דעקלאמירן.

מאָרי האָט געהויבן מיט די אקסלען:

— גאָר ניט פאר אונז.

פיליפּ האָט א לאך געטאָן מאָרי'ן אין פּנים אריין:

— דו קענסט ניט זיין קיין מאשיניסט? — האָסט דאך אלעמאָל געפיקסט מיינע סקעיטס.

— און דו קענסט ניט זיין קיין עלעקטרישן? דו וואוינסט דאך לעבן אן עדיסאָן פלענט שוין אזוי פיל יאָרן?

האָט מאָרי א זאָג געטאָן און געווען צופרידן וואָס אָט דער גע־דאנק איז אים גלייך איינגעפאלן.

דזשאני האָט זיך ארייַנגעמישט.

— נו, לאָמיר ניט פאטערן קיין צייט. נישטאָ, איז נישטאָ, לאָמיר גיין ווייטער. פיליפּ האָט א וואונק געטאָן מיט אן אויג.

— שור, צייט איז געלט.

אויפן וועג האָבן זיי זיך צערעדט וועגן דעם „פאַיט״, וואָס דארף די טעג פארקומען. און פיליפּ האָט מעשה דערפארענער מענטש א זאָג געטאָן אז ווינטשי וועט צעשמעטערן זיין קעגנער קעלי'ן אין פערטן „ראונד״.

דזשאני האָט זיך אויפגעקאָכט:

— איך וועט פינף צו איינס, אז ווינטשי וועט פארלירן.

— לאָמיר זען דאָס פינפערל, — האָט פיליפּ אים אויפגעפאָדערט.

ביידע האָבן ארייַנגעשטעלט זייערע הענט אין די קעשענעס און ניט געאייַלט זיך זיי ארויסצונעמען צוריק.

מאָרי האָט זיי ביידן באטראכט און באלד אָנגעהויבן אונטער־יאָגן זיי.

— נו, לאָמיר שוין זען דאָס געלט!

דזשאני האָט ארויסגעשלעפּט א מטבעה פון קעשענע און זי אונטערגעוואָרפן עטלעכע מאָל אויף זיין דלאָניע און מיט א גע־בראָכענעם שטאָלץ אויסגערופן:

— איך וועט א ניקל קעגן דיין פּעני.

פיליפּ האָט יאוש'דיק א מאך געטאָן מיט דער האנט:

— נאָ'סער: איך וועט זיך ניט אויף קיין קליינגעלט.

א מיידל איז פארבייגעגאנגען. פיליפּ האָט אָנגעהויבן פלירטן מיט איר:

— איר זעט, באָיעס, איר נעזל? זי זעט אויס פּונקט ווי מרס. סימסאָן.

דאָס מיידל האָט אים ארויסגעשטעלט די צונג און קינדעריש א זאָג געטאָן:

— „איז דעט סאָ!" — און זי האָט ווי א קליין הינדעלע אוועק־געטאנצט.

דזשאני האָט אָנגעהויבן מוסר'ן:

— אויב מיר וועלן אָט אזוי זוכן „דזשאבס", וועלן מיר קיינמאָל ניט געפינען.

— ער האָט רעכט, — האָט פיליפּ אונטערגעכאַפּט.

זיי זיינען באלד געשטאנען לעבן א גרויסן מויער און אלע צו־זאמען האָבן איבערגעלייענט א שילד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן וואָרט „עקספּיריענס". האָט פיליפּ גע'חוזק'ט:

— וואו נעמט מען אביסל עקספּיריענס?

דזשאני האָט פּראָטעסט צעפליקט די שילד און זיך דערנאָך אָפּגעטרייסלט די הענט, ווי פון אן אומריינער זאך, און געזאָגט:

— א שאָד, וואָס מיר האָבן דאָ ניט מיט בוירג, אונזער געווע־זענע טיטשערין. ביי איר איז דאָ „דזשאבס" פאר אלעמען. און אז מיין פאָטער האָט יאָ „עקספּיריענס" אין זיין פאך, ארבעט ער?

ער האָט יאוש'דיק א מאך געטאָן מיט דער האנט: מיין מוטער שטרענגט זיך אָן און גיט מיר אויף מיינע הוצאות. נו, וואָס זאָל איך טאָן, ניט נעמען?

אלע דריי זיינען געוואָרן ערנסט.

מאָרי האָט פּלוצלונג א קלינג געטאָן מיט די פינגער און פרייליך אויסגערופן:

— איך האָב אַ פּלאַן. לאָמיר אָרגאַניזירן אַ „דזשעז בענד". מיר וועלן פאַרדינען אַביסל געלט און קענען פאַרזעצן אונדזער לער־נען.

פּיליפּ און דזשאַני האָבן זיך שטאַרק צעלאַכט:

— וואָס, מוזיקער זאָלן מיר ווערן?

מאַרי איז ביי זיך ניט אַרונטערגעפאַלן.

— וואָס לאַכט איר? עס איז גאַנץ איינפאַך. איך קאָן אַביסל שפּילן אויפן פידל און דזשאַני אויף אַ סאַקסיפאָן און פּיליפּ'ן וועלן מיר קויפן אַ פּויק, האָבן מיר אַ פיינע „טריאָ". קלובן אין אונדזער געגנט פעלט ניט. מיר וועלן אָפּדרוקן קאַרטלעך און אויסטיילן. עס וועט זיין אַלרייט.

דזשאַני האָט זיך איבערגעקוקט מיט פּיליפּ'ן.

— ניט קיין שלעכטער פּלאַן.

— און געלט? — האָט פּיליפּ אויסגעשריען.

מאַרי האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— דאָס איז אַ קלייניקייט, מיר וועלן מאַכן אַ „לאָון" אויף הונדערט דאָלער, וועט אונדז נאָך איבערבלייבן.

— ער איז גערעכט — האָט דזשאַני צוגעשטימט.

— אָבער ווער וועט אונטערשרייבן? מיין טאַטע לויפט אַרום שוין אפשר אַ פּאָר וואָכן און קאָן ניט קריגן קיין לאָון, ווייל . . .

— מיר מוזן דאָס נעמען אַביסל ערנסטער — האָט אים מאַרי איבערגעשלאָגן.

— איך וואָלט געזאָגט, אַז מיר זאָלן נעמען דריי אַפּליקאַציעס און זיך אַרויסלאָזן צווישן אונדזערע קרובים.

דער פּלאַן איז אַלעמען געפעלן געוואָרן.

מיט גרויס דרך־ארץ זיינען זיי געזעסן אין באַנק און געוואַרט אויף זייער נעקסט. זיי האָבן דערווייל באַטראַכט די שיינע עלעקט־רישע לאָמפּן, וועלכע האָבן אַרונטערגעהאַנגען פון דער ווייסער סטע־ליע; די קליינע געשליפענע פענצטערלעך, די מענטשן, וואָס שטייען אין דער ריי ביים קאַסיר'ס פענצטערל; דעם „ספּעציעלן פּאָליס־מאַן" מיט דעם פּיסטויל, וואָס שטאַרצט אַרויס פון זיין הויזן־קע־שענע און וואָס דרייט זיך אַרום מיט די הענט פאַרלייגט פון הינטן.

אַט גייט ער צו צו איינעם פון די שרייב־טישן, נעמט א שטיקל צע־קנייטשט פּאַפּיר און וואַרפט דאָס אריין אין פּאַפּיר־קאָרב.

באַלד האָט מען זיי איינציקווייז אָנגעהויבן רופן צו א פּלאַ־טשיקען דעסק מיט א גלאָז באַדעקט. א רירעוודיגער קלוירק האָט געמיטלעך פאַרשריבן דעם נאָמען, די סומע געלט וואָס מען באָרגט, געמאכט צלמ'לעך פאר די, וואָס דאַרפן אונטערשרייבן. ווען ער האָט דערלאַנגט די נויטיקע פּאַפּירן האָט ער העפלעך געלאָזט וויסן, אז דער, וואָס לייט געלט, מוז האָבן א דזשאָב אויף וועלכן ער ארבעט אמווייניקסטנס א יאָר צייט.

די דריי פריינט האָבן זיך איבערגעקוקט, ווי זיי וואָלטן זאָגן: ער האָט אונדז דערקענט . . .

אין דרויסן האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט א ווײַלע, צו באַראַטן זיך וואָס ווייטער צו טאָן.

מאָרי האָט געזאָגט:

— בלויז די וואָס ארבעטן קענען לייען . . . — ער האָט דער ערשטער צעפּליקט די פּאַפּירן.

פיליפּ האָט א שטורכע געטאָן מאָרי'ן:—העי, מר. סמיט! טראַכט עפּעס אויס א פּלאַן, וואָס מען זאָל ניט דאַרפן קיין געלט צו אים.

מאָרי האָט אויסגעזען זייער אומעטיק. ער האָט קיין וואָרט ניט גערעדט. ער האָט זיך פּאַמעלעך געלאָזט גיין. דזשאַני און פיליפּ — נאָך אים. עס האָט געמאכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָל־טען נאָכגעגאַנגען א לויה.

פיליפּ האָט וואוילינגעריש א וואונק געטאָן צו דזשאַני'ן און אָנגעהויבן זינגען א פּאָר טענער פון שאָפּען'ס טרויער־מאַרש . . .

# א מלחמה־העלד מיט זיין הינטל...

כמעט אלע מענטשן, וואָס זיינען ווען עס איז געווען אין דער רווישנדיקער געגנט, האָבן געזען נאָרמאַנען מיט זיין הינטל, נאָך וועלכן נאָרמאַן גייט נאָך. נאָרמאַן האָט געשאַרט מיט די פיס אויף די טראָטוארן, און אַז ער האָט געוואָלט איבערגיין א גאַס פּונקט דאַן ווען אויטאָמאָבילן זיינען געלאָפן, האָט דאָס שטומע באַשע־פעניש זיך געטוליעט צו זיינע פיס: א סימן, אַז מען דאַרף אי־בערוואַרטן . . .

די, וועלכע האָבן געזען נאָרמאַנען אויף א גאַס בעטלען, וועלן זיין שמייכל ניט פאַרגעסן — א שמייכל, וואָס איז אויף זיין פּנים ווי פאַרגליווערט געוואָרן, בעת די שיין פון טאָג איז פאַר אים אויף אייביק אויסגעלאָשן . . .

* * *

היינט איז נאָרמאַן אהיים געקומען א צערודערטער. א גאַנצן טאָג האָט דער הימל געוויינט. די דריבנע טראָפּנס רעגן האָבן זיך דורך די קליידער צו זיין הויכן לייב פאַרקליבן. א רחמנות האָט אים ארומגענומען אויף זיין הינטל, זיין וועג־ווייזער, וועלכן ער האָט גערופן מיטן נאָמען מעקאַי. מיטן הינטל וואוינט ער אין איין צימער. ביידע עסן כמעט דיזעלביקע מאכלים. מעקאַי האָט ער א נאָמען געגעבן דעם הינטל, נאָך זיינעם א פריינט, וועלכער איז אין טראַנשיי אויף זיינע אָרעמס אויסגעגאַנגען. באַנג געטאָן האָט אים אויף דעם הינטל מער ווי אויף זיך אליין. דאָס הינטל האָט געציטערט פון קעלט.

די הויז־ווירטין איז אריינגעקומען. זי האָט פאַר ביידן גע־בראַכט עסן: — עסט, וועט עס אייך דערוואַרעמען, — האָט זי אים געזאָגט. זי האָט א ווייַלע געוואַרט. נאָרמאַן האָט מיט זיינע ציטערדיקע פינגער באַטאַפּט די האַרטע מטבעות, וואָס ער האָט פון גאַס געזאַמלט, באַצאָלט איר פאַר דער טרחה, זי האָט גע־דאַנקט און ארויס.

נאָרמאַן האָט זיך אויסגעצויגן אויפן בעטל. דאָס הינטל, שוין א זאַטער, לעבן אים, א וואַרימער, איז געוואָרן פריילעך. ער האָט געהאַלטן אין איין וואַרפן מיטן עק, ווי ער וואָלט וועלן פרעגן פאַר־

וואָס זיין פריינט, נאָרמאַן, האָט זיך צום עסן ניט צוגערירט, און פאַרוואָס איז ער אַזוי אומעטיק? . . .

נאָרמאַנען האָט, אָבער, איצט געגאַרט א מאָדנע בענקעניש. ס'וואָלט אים איצט געווען אַזוי גוט ווען ער האָט ווער עס זאָל אים טרייסטן זיין שווערן געמיט. ער האָט אָנגעהויבן ריידן צום הינטל מיטאַמאָל, ווי צו זיינס גלייכן:

— הער אויס, מעקאַי: דו מוזט מיך אויסהערן! דיין נשמה איז אַזוי ווי אַ מענטשלעכע. דו האָסט גע'ירש'נט דעם נאָמען פון א גוטן מענטשן. ער האָט פונקט ווי איך ניט געוואוסט, צוליב וואָס ער האָט די ביקס אין האַנט גענומען. דיר דערצייל איך, ווייל דו וועסט מיך פאַר קיינעם ניט פאַר'מסר'ן . . . אויפן גאַס מוז איך שווייגן. די שטאָט דערלויבט דאָך מיר נדבות קלייבן . . .

דערנאָך האָט נאָרמאַן דערציילט וועגן א מיידל, וואָס האָט געהייסן וויאָלאַ. ער האָט פונם בוזעם אַרויסגעשלעפּט א צעקנייטשטע בילד: אָט איז זי, זע מעקאַי, אָט איז זי — א שיינע איז זי, אמת...

— דו הערסט, מעקאַי? ווען איך האָב זיך אומגעקערט פונם שלאַכטפעלד האָט זי מיך אַזוי לאַנג באַדויערט, ביז איך האָב איר כונה אָנגעהויבן צו פאַרשטיין און זי באַפרייט. אָט אַזוי האָב איך איר געזאָגט: דער וויסטער גורל איז ניט אירער, נאָר מיינער אַליין...
— ווייסט וואָס זי האָט מיר געזאָגט, מעקאַי?

— דו ביסט אַן איידעלער מענטש, — האָט זי געזאָגט. איך וועל דיר קיינמאָל ניט פאַרגעסן . . .

נאָרמאַן האָט זיך צעלאַכט מיט א מאָדנעם געלעכטער. די בלינדע אויגן האָבן אָנגעהויבן צו טרערן. עס איז שווער גע־ווען צו דערקענען צי לאַכט ער, צי וויינט ער. דערנאָך איז גאָר פון אים אַרויסגעקומען א ווילדער אויסגעשריי:

— אונדזער לאַנד האָט דעם שונא באַזיגט! אונדזער לאַנד האָט געוואונען . . .

דאָס הינטל מעקאַי האָט אָנגעהויבן צו ביילן. דערנאָך געבליבן זיצן אויף זיינע הינטערשטע צוויי פיסלעך, געדרייט מיטן קאָפּ, דאָ לינקס, דאָ רעכטס. די גרויסע רויטע צונג זיינע האָט געציטערט, ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען נאָרמאַנ'ס האַרץ . . .

יענע נאַכט האָט נאַרמאַן געהאַט אַ בייזן חלום. ער איז גע־
ווען אויפֿן שלאַכטפֿעלד. געלאָפֿן אַ פֿאַרסאָפּעטער מיט אַ ביקס
אין האַנט. אַ באַיאָנעט האָט געפֿינקלט קעגן דער זון. אָט איז
גאָר אַ וואַלד! פֿייגעלעך זינגען אַזוי שיין! אָט איז אַ טייכל! ער
לאָזט זיך גיין באָדן. מיטאַמאָל דערטראָגן זיך פֿונם וואַלד מענטש־
לעכע קולות. זיי שרייען אַזוי הויך, ווי זיי וואָלטן וועלן אויף אײנ־
מאָל זייערע אַלע ווייען אַרויסשרייען. דערנאָך, האָבן זיי גאָר
אויסגעזען, ווי חיות, וועלכע מ׳האָט פֿון אייזערנע שטייגן נאָר־
וואָס אַרויסגעלאָזט . . .

פּלוצים הערט ער וויאָלאַ׳ס שטימע: שים טייערינקער! שים!
איך בין שטאָלץ מיט דיר . . . ער צעשרייט זיך אויף איר: פֿאַר־
נעם זיך פֿון דאַנען! איך זוך דעם שונא, און קאָן אים ניט געפֿינען...
דערנאָך האָט ער זיך צעוויינט ווי אַ קינד . . .

גאַנץ פֿרי האָט דער וועקזייגער געטאַנצט, פֿאַר כעס אַזש היי־
זעריק געוואָרן. און נאַרמאַן האָט זיך פֿון אָרט ניט געקאָנט רירן,
ווי זיין גוף וואָלט אויף שטיקלעך געווען צעבראָכן.

דאָס הינטל האָט מיט זיינע שאַרפֿע אויגן געקוקט דאָ צום זיי־
גער, וועלכער האָט נאָך אַלץ געגרילצט, דאָ צו נאַרמאַנען. זיינע
לאַנגע אויערן האָבן זיך ניט אויפֿגעהערט צו וואָרפֿן, ווי גע׳חידוש׳ט
זיך, וואָס דאָ גייט פֿאָר.

דאָס בעטל האָט אַ סקריפּע געטאָן. נאַרמאַן האָט שווער גע־
אָטעמט. דער דראָזש, וואָס איז אים אין אָוונט באַפֿאַלן איז איצט
ווידער געקומען. די ליפּן זיינע האָבן געשעפּטשעט אומפֿאַרשטענד־
לעכע ווערטער . . . דאָס הינטל האָט אַרויפֿגעטאַנצט אויפֿן בעטל,
געלעקט נאַרמאַנס פּנים מיט זיין צונג, געקרעכצט, געלאָפֿן אהין
און אהער, מיט זיינע לאַפּקעס געגראַבלט די פֿאַרמאַכטע טיר,
אַרויסגעבילט דורך די שפּאַלטן דעם צער פֿון דעם עלנטן מלחמה־
העלד . . .

* * *

# אן איבעריקער מענטש...

יעדן פרימאָרגן כמעט אין דער זעלביקער צייט, ווערט דאָס פּאָר־פאָלק ווי ארויסגעשליידערט דורך די ברייטע סאבוויי־טירן.ביידע בלייבן שטיין פּאָר א סעקונדע אָדער צוויי, אויף דער געדיכטער פּלאַטפאָרמע. קוקן זיך איבער ווי זיי וואָלטן זיך ניט דערקאָנט. ביידע גיבן שטיל א שעפּטשע מיט די ליפּן און צעשיידן זיך. אמאָל פּאסירט, אז די פרוי רופט אים צוריק, צעעפנט איר גרויסן לעדערנעם בייטל און דערלאַנגט אים א פּאָר זילבערנע מטבעות אין די הענט אריין און ער, דער מאן, נעמט זיי ניט גערן. עס דאכט זיך, אז אָט, וועט ער זיי איר צוריקגעבן. דאָך, לייגט ער די מטבעות אריין אין קעשענע און גיט א מין דאנקבארן שאָקל מיטן קאָפּ, ווי א בעטלער, וואָס האָט נאָר־וואָס זיין נדבה געקראָגן . . .

איידער ער גייט אוועק, לאָזט זי אראָפּ די אויגן און זאָגט אים אָן, אז ער זאָל זיך ניט פארגעסן אהיים קומען אין צייט! זיין פארזאמען זיך, וועט דאָך סיי ווי סיי זיין אומזיסט און אומנישט... ער שווייגט. ער קוקט איר נאָך ווי זי גייט ארויף די שטיגן און בלייבט שטיין אויף דער פּלאַטפאָרמע א פארלוירענער, ווי א קינד, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס ארויסגעגליטשט פון דער מאמעס הענט.

אָט אזוי שטייט ער, ביז עס קומט אָן א צווייטע סאָבוויי, און גייע פּאסאזשירן פאלן ארויס און מ׳הויבט אים אָן צו דרייען ווי א פירזייטיקע טיר. אז ניט, שלעפּט מען אים גאָר מיט אין אן אָפּענער סאָבוויי־טיר, וואָס האלט זיך ביים פארמאכן. ראנגלט ער זיך מיט זיי. ארבעט מיט די אקסלען ווי א שווימער אין א וואסער, ביז ער באַפרייט זיך.

אין דרויסן צעפּינטלען זיך מאָדנע אינם טאָג־ליכט זיינע מאטע אויגן, ווי שוין אָפּגעוואוינט. ער בלייבט ווידער שטיין און אין זיינע אויערן קלינגען איצט שארף אָפּ די ווערטער פון זיין פרוי, ער זאָל זיך ניט פארזאמען. ווי באַפעלעריש, טראכט ער זיך. גלייך ער וואָלט עפּעס א אינגל געווען . . . ער הויבט אָן שטעלן פעסטע טריט, גייט אַזוי אָפּ א פּאָר בלאָק און באלד, אזוי ווי עמיצער וואָלט אים א פרעג געטאָן: וואָס איז די איילעניש? אָדער ווי ער וואָלט שוין באצייטנס מיד געוואָרן, צי גאָר געטראכט וואוהין צו

גיין . . . גייט ער פּאַמעלעך, ווי ער וואָלט נאָכגעגאַנגען א טויטן־וואָגן און הויבט אָן פאַנאַנדערוויקלען דעם פּלאָנטער, אין וועלכן ער געפינט זיך אצינד.

וואָס האָט דאָ פּאַסירט? ווי לאַנג איז דאָס גאָר, אז ער איז געווען אַן אָנגעזעענער מענטש אין שאָפּ און אין הויז? אז ער איז אהיים געקומען האָט אים זיין פרוי מאַרטאַ אקעגנגעטראָגן ווארימע ליפּן, אירע אויגן האָבן זיך צעלויכטן און ער האָט זיך אינגאַנצן פארגעסן אָן זיין מידקייט פון דעם שווערן טאָג ארבעט. איר צערט־לעקכייט האָט זיינע גלידער אויסגעגלייכט.

ווי לאַנג איז דאָס גאָר, אז זי און ער זיינען ארומגעגאַנגען אי־בער קראָמען זייער מעבל צו קויפן? ווי מאַרטאַ האָט דאָס אָנגע־קוואָלן פון אים ווי אזוי ער רעדט זיך דורך מיט די קרעמער: זאָלן זיי אים ווייזן בעסערע מעבל! מיט וואָס פאַר א ברייטקייט ער האָט צעעפנט זיין בייטל און באַצאָלט פאַר אַלץ מזומן. ווי מאַרטאַ האָט זיך דעם גאַנצן וועג אהיים צו אים געטוליעט און אין הויז דערציילט פאַר אירע עלטערן זיינע חכמות. און איצט — וואָס פאַר אַן ענדערונג! ער פאָרט מיט מאַרטאַ'ן אין איין וואגאָן און זי מיידט אויס זיינע בליקן, ווי ער וואָלט געווען א פרעמדער. פון זינט זי האָט אָנגעהויבן גיין ארבעטן, געוואָרן די פּרנסה־געבערין, האָט זי דאָך שוין אפילו אויסגעטאָן דאָס חתונה־רינגל: אפשר שעמט זי זיך שוין מיט אים? אפשר גאָר האָט זי שוין אַן אנדערן און זי וואַרט נאָר, אז ער זאָל איר זאָגן א בייז וואָרט, וועט זי אים הייסן גיין פון הויז?

באַלד דערמאָנט זיך אים, אז די שוויגער זיינע האָלט זיך אין איין בונטעווען: זי קאָן ניט אַכטונג געבן אויף זייער קינד! זי האָט גענוג ארבעט ארום איר פאַמיליע! אים פאַלט אָבער איין, אז זיין פרוי מאַרטאַ האָט איר אָנגעשטעלט אזוי צו זאָגן, כדי עס זאָל אים ווערן וואָס שווערער אין הויז . . .

ער הויבט פּלוצים אָן חוזק'ן פון זיך אַליין: נעלסאָן, דער פּיל־פאַביקער מאַשינעסט, איז ביי זיך אין הויז געוואָרן איבעריק . . . פאַרוואָס עפּעס ביי זיך אין הויז? איבעראַל . . . ער וואָלט גע־שוואוירן, אז אַלע פארבייגייער שושקען זיך וועגן אים: אָט גייט אַן איבעריקער מענטש! דער גאַנצער ריטם פון דער גאַס טאַנצט

אוים צום טאַקט: איבעריקער מענטש! אים דאַכט זיך, אַז אַפילו די קינדער, וועלכע גייען אין סקול אַצינד, קוקן אויף אים אויך עפּעס אַזוי מאָדנע . . . וואונדערן זיך אודאי וואָס אַ דערוואַקסענער מענטש דרייט זיך אַרום אַ פאַרלוירענער און ווייסט ניט וואוהין צו גיין . . . ער פילט ווי אָפּצושטעלן זיך און אויסדערציילן זיין שווער געמיט פאַר די פאַרבייגייער, אפשר וועט אים לייכטער ווערן: צי ווייסן זיי אַשטייגער, אַז זיין אייגענע נעסט, וואָס ער האָט ערשט ניט לאַנג צוריק אויסגעבויט, צעפאַלט זיך באַצייטנס? אָט וועט אוועקקריכן נאָך אַ טאָג און ער וועט זיך באַגעגענען מיט אַן אָר־מעטיקן פאַרנאַכט און ווידער אהיים קומען עסן אַ ניט־פאַרהאָרע־וועטען מאָלצייט, וואָס וואַרגט אים אין האַלדז . . . זיין פרוי מאַר־טאַ וועט זיך ווידער מיט אים שאַפן, אַז ער זאָל אויפרוימען די קיך. דערמאָנען אים, אַז ער האָט דאָך ניט געאַרבעט, אָבער זי . . . די דאָזיקע ווערטער שטעכן אים ביז גאָר: אפשר ווייל זי אים טאַקע ווייל טאָן? זי וועט אים נאָך אודאי באַפעלן צו זיצן אין דער היים און אַכטונג געבן אויף זייער קינד . . .

נעלסאָן פילט ווי מודה צו זיין זיך, אַז יעדן פרימאָרגן ווען ער צעעפנט זיינע אויגן, ווייסט ער אייגנטלעך אַליין ניט צו וואָס ער איילט זיך אַזוי, אַז בסך הכל האָט ער שוין כמעט ווי פאַרלוירן די האָפענונג צו קריגן אַ „דזשאָב". ער שפּרינגט אַרויס פון בעט און טוט זיך אָן לפנים פאַר זייטיקע מענטשן: ווי אַזוי קאָן ער בלייבן אין הויז, ווען זיין פרוי איילט זיך צו דער אַרבעט? ער ווינטשט זיך גאָר, אַז מען זאָל איר אויך אָפּזאָגן פון דער אַרבעט, ווייל ער קאָן ניט צוזען ווי איר צאַרטקייט גייט פאַרלוירן אין דעם גערויש פון די מאַשינען אין שאָפּ. ער טאָר דאָך אפילו איר נאַקעטן אָרעם ניט אָנרירן מער, אַלעמאָל באַקלאָגט זי זיך, אַז זי איז מיד . . .

צייטנווייז אַמפּערט זיך נעלסאָן מיט זיינע בייזע מחשבות וועגן זיין פרוי. וואָס אייגנטלעך האָט ער צו איר? ווען ניט זי, וואָלטן דאָך אַלע אין הויז געהונגערט! פאַרוואָס לערנט ער זיך ניט אוים צו טאָן די שטוב אַרבעט פאַר איר? אַלעמאָל מוז זי אים דערמאָנען וועגן דעם. דאָס איז אַן עוולה פון אים! מאַרטאַ איז אַ וואוילע פרוי, אַ געטרייע! ער ווערט גערירט ביז גאָר. אָט וועט ער איר זאָגן אַז פון היינט־אָן און ווייטער וועט ער שוין זיין

אנדערש. ער וועט אלץ אין הויז צוגרייטן פאר איר, פונקט ווי זי פלעגט דאָס טאָן ווען ער האָט אין שאפּ געארבעט . . .

און באלד צע'חוזק'ט זיך א מחשבה אין נעלסאָנ'ס מוח: וואָס וועט זיין דער תכלית פון אים? צי קלייבט ער זיך צו בייטן די ראָלן מיט זיין פרוי מארטא? . . . די גאנצע שטאָט וועט דאָך לאכן פון אים. מארטא וועט דאָס לעצטע ביסל דרך ארץ פאר אים פאר־לירן! צי קלייבט ער זיך שוין באצייטנס אונטערגיין?

אין אזא מאָמענט האָט נעלסאָן געפילט ווי צו פאָדערן הויך אויפן קול: זאָל אים עמיצער זאָגן וואָס ער זאָל אָנהויבן צו טאָן! ער וועט יענעם פאָלגן! זאָל אים עמיצער זאָגן ווער עס האָט זיין לעבן אזוי פארפלאָנטערט . . .

איין טאָג האָט נעלסאָן באשלאָסן ביי זיך מער ניט צו גיין אהיים. מער קאָן ער שוין ניט דולדן די שטעך־ווערטער וואָס ער קריגט ביי זיך אין הויז. עס וועט שוין זיין גענוג פאר אים! ער וועט גיין וואוהין די אויגן וועלן אים טראָגן. ערגעץ אין א פרעמ־דער שטאָט אריין. ער וועט זיך ניט אומקערן צוריק, ביז ער וועט קאָנען שטיין אויף זיינע אייגענע פיס! דאַן וועט ער זאָגן צו זיין פרוי מארטאַ: אויס מיט דיינע פארדינסטן! זאָל זי צוריק אָנטאָן איר חתונה־רינגל און זיצן אינדערהיים אכטונג געבן אויף זייער קינד און צוריק אָנווארעמען זייער קאלטן נעסט . . .

עס איז שוין געווען האלבע נאכט און מארטא איז נאָך אלץ געזעסן ביים פענצטער מיט האלב צוגעמאכטע אויגן און אויפגע־שטורעמט ביי יעדן שאָרך פון יענער זייט טיר. איר זיינען בא־פאלן שרעקנדיקע געדאנקען וועגן איר מאן נעלסאָן. זי האָט מיט אירע הענט געדריקט די שלייפן פון איר מוח, ווי זי וואָלט וועלן אזוי ארום אָפּשטעלן אירע פלייסנדיקע געדאנקען.

די מוטער האָט איר שוין עטלעכע מאָל געהאט דערמאָנט, אז זי דארף גיין ארבעטן, און זי, מארטא, האָט אפילו ניט געהערט וואָס יענע רעדט צו איר. בעת מעשה געקלערט, אז דער פלאָנטער פון איר לעבן איז נאָך מער פארפלאָנטערט געוואָרן . . . שטיל אין הארצן געהאלטן אין איין פארענטפערן זיך פאר איר מאן, אז זי האָט אים קיינמאָל ניט געמיינט וויי צו טאָן. זי האָט אים ליב. דער וואָלקן, וואָס האָט זיך אויף זיי פלוצים אָנגערוקט, האָט פאר זיי

דעם קלאָרן הימל פאַרשטעלט... זאָל ער דאָס אַלץ וויסן.

באַלד האָט זי אין דמיון זיין פּנים געזען. זי האָט געגלעט זיינע פלאַקסענע האָר און ער האָט קיין איינציק וואָרט ניט גערעדט. מאַרטא האָט זיך ביי אים געבעטן: דערציייל, וואו ביסטו געווען? פאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן?

מאַרטא האָט זיך מיט גרויס שרעק אויפגעכאַפּט פון איר דרימל. זי וואָלט געשוואוירן אַז זי האָט נאָר וואָס געהערט איר מאַן וויינען. וואו איז ער אַהינגעקומען? געטישטערט מיט אירע בליקן אַרום זיך. אַפילו אין שלאָף־צימער אים געזוכט. אָפּנים ניט געגלויבט זיך, אַז דאָס איז בלויז אַ חלום געווען. פאַר גרויס פאַרדראָס האָט זי זיך מיט די קליידער אירע אין בעט אַריינגעוואָרפן, פעסט איינגע־גראָבן איר פּנים אין קישן, און טרערן האָבן איר אין האַלדז גע־שטיקט.

נעלסאָן, אַ מידער, אַן אויסגעשעפּטער, האָט זיך געשלעפּט אויף אַ וויי טן וועג, אַליין ניט געוואוסט וואוהין ער גייט. מורא׳דיק אַריינגעגעניצט אין דער פינצטערער נאַכט אַריין, און באַציי טנס געבענקט נאָך מאַרטאַן און נאָך זיין קינד . . .

— — — — — — — — — — — — — — —

# אין דער שטאָט פון גרעסטן וואָוילטאָג

## ד ר ך ־ א ר ץ   פ א ר   א   ה ו נ ג ע ר י ק ן

פּיט איז געשטאַנען לעבן א גרויסן פענצטער פון א רעסטאָראַן און ניט ארונטער געגומען זיינע בליקן פון א גרויס־קיילעכדיקן קאָרן־ברויט, וואָס איז זיך געלאָט אזוי געלעגן פון יענער זייט פענצטער און זיך מיט אים ווי גערייצט. פּיט געדענקט שוין ניט די צייט, ווען ער האָט געהאַט א ריכטיקן מאָלצייט. היינט האָט ער נאָך אין זיין מויל גאָרניט ניט געהאַט. אך, ווי ער וואָלט אזא ברויט צעפלאָכטן! . . .

אָט אזוי קוקנדיק אויף דעם גרויסן קיילעכדיקן ברויט, האָט זיך זיין אפּעטיט צעשפּילט, זיין מויל האָט זיך אָנגעהויבן קרימען, זיינע ציין האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן, א סלונע האָט זיך אָנגעהויבן וועפּן אין זיין מויל. ער האָט געפאַנטאַזירט, ווי ער שניידט דאָס ברויט, עסט קליינע שטיקעלעך און אפילו די ברעקלעך לאָזט ער ניט פארלוירן גיין.

די טיר פון רעסטאָראַן האָט זיך געהאַלטן אין איין דרייען. מענטשן גייען אריין, מענטשן גייען ארויס מיט „טוט־פּיקס" אין די מיילער. זיי גיבן א קוק אויף פּיט׳ן, וועלכער שטעקט אין א פּאָר געלעכערטע שיך, די פינגער פון זיינע גרויסע פיס קוקן ארויס. זיין געלעכערטער אָנצוג איז פול מיט לאַטעס פון פארשיידענע קאָלירן. לאַנג קוקן זיי ניט אויף אים. בלויז א בליק, און מען פארשווינדט.

פּיט׳ס גדערים לאָזן אים ווייסן, אז זיי וועלן זיך לאַנג ניט לאָזן נארן . . . טראַכט ער: „אפשר צעברעכן די שויב, ווער דאַרף דען דאָרט דאָס ברויט? אינווייניק איז דאָך דאָ אזויפיל עסנוואַרג" . . .

אָבער ער דערשרעקט זיך באַלד פאַר זיין געוואַגטן געדאַנק, און לויפט אוועק פון דעם פענצטער. ער הויבט זיך אָן פארדעכטיק ארומ־דרייען אהין און צוריק, אהין און צוריק. „אפשר גאָר אָפּשטעלן א זאַטן פארבייגייער? בעטן א נדבה?" — פאַלט אים איין א געדאַנק. ער טוט דאָס, אָבער זיין קול איז ציטערדיק און שוואַך. ער מאַכט דעם איינדרוק פון עפּעס א שיכור און קיינער הערט זיך צו אים ניט צו.

גייט ער ווידער צו צו דער שויב, באטראכט מיט גרויס צאָרן דאָס ברויט פון יענער זייט פענצטער, וואָס קיינער רירט זיך צו דעם ניט צו. ער פּלאַטשט־צו זיין בלייכע נאָז צום פענצטער, ווי ער וואָלט וועלן זיין נעענטער צום ברויט. זיינע אויגן צעפּינטלען זיך מאָדנע. אָט, אָט צעברעכט ער די שויב.

פּלוצים האָבן אים זיינע גדערים געגעבן דעם לעצטן סיגנאַל. ער האָט דערפילט א דריי אין בויך, א שווינדלעניש פאר די אויגן. אָט זעט ער שוין א סך ברויטן טאנצן פאר זיינע אויגן. ער וויל א כאַפּ טאָן כאָטש איין ברויט, אָבער די הענט זיינען ווי געליימט, זיינע פיס ציטערן און בויגן זיך, זיין קאָפּ צעפּלאַמט זיך אויף שטיקלעך...

פיט פאַלט אום אויפן טראָטואַר.

מענטשן לויפן פון אלע זייטן, זיי רינגלען ארום פיט'ן, נאָר זיי ווייסן ניט וואָס צו טאָן. פונוווייטנס האָט זיך באוויזן א פּאָליסמאַן. ער איז זיך געגאנגען געמיטלעך, לאנגזאם, מיט דער זיכערקייט, אז מען וועט אויף אים ווארטן. ער איז אריין אין דעם רעדל מיט מענטשן און געקוקט אויף פיט'ן ווי אויף א געוויינלעכער זאך . . .

— — — — — — — — — — — — — — — —

— גלין, גלין, גלין, — אן אמבולאַנס האָט זיך מיט גרויס אימפּעט געיאָגט. באַלאָדענע טראָקס, טעקסעס, רייכע אויטאָמאָבילן, פארבייגייער, אלע האָבן זיך אָפּגעשטעלט: „דרך ארץ, פיט פאָרט!..

ווען מ'האָט פיט'ן אריינגעטראָגן אין שפּיטאָל, האָבן זיך אלע דאָרט באצויגן מיט גרויס אָפּשיי. דער דאָקטאָר האָט שטיל באַריכטעט: — „געפאלן א הונגעריקער אין פראָנט פון א רעסטאָראַן"...

די נוירס וואָס האָט פארשריבן, האָט א ציטער געטאָן. און זי האָט געפילט, ווי אירע פינגער גליווערן ביי איר . . .

---

## „טהענקיו, קאָל אגעין"

---

סעלמא האָט ענדלעך געקראָגן א דזשאָב אין א רעסטאָראַן. איר ארבעט איז באַשטאַנען פון זיצן ביי דער קאסע, נעמען געצאָלט פאר די מאָלצייטן און מיט א שמייכל אויפן פּנים זאָגן: „טהענקיו", און ווען דער אָנגעזעטיקטער קונד גייט אוועק, פריינטלעך זאָגן: „טהענקיו" און „קאָל אגעין".

דער אייגנטימער פון דעם רעסטאָראַן האָט זי אָנגעשטעלט, ווייל זי איז יונג און פריש. איר שטימע איז לויטער געזאַנג. ער שטייט אָפטמאָל פונוויטן און קוועלט אָן, בעת סעלמא קלינגט אָפּ אין דער קאַסע און זינגט אוים: „טהענקיו" און „קאָל אגעין".

די ערשטע צייט האָט זיך סעלמא דאָ געפילט ווי אין אַ שטייג. זי איז ערשט געהאַט ארוים פון האַי־סקול, וואו יונגווארג האָט געשטיפט און געלאַכט, ארומגעיאָגט זיך אויף „סקעיטס". אָט איז מען דאָ, און אָט איז מען דאָרט. און דאָ, אין דעם אויסגעפוצטן רעסטאָראַן, דאַרף זי גאָר זיצן אויף איין פּלאַץ אַ גאַנצן טאָג. די אַרבעט איז פאר איר געווען זייער נודנע. איז זי געזעסן ביי דער קאַסע און געטראַכט וועגן איר הויזגעזינט, וועגן די קלענערע ברידערלעך אירע, וואָס ווערן באַגלייט אין סקול אריין מיט קללות, און דערנאָך ווען זיי פארשווינדן, זיצט די אויסגעמאַטערטע מאמע און וויינט. סעלמא ווייסט, אז די מוטער האָט זיי ליב און עס טוט איר באַנג, פאַרוואָס זי האָט זיי געשאָלטן . . . עס איז דערפאַר, וואָס די קינדער מאַנען ביי איר קליינגעלט און זי קאָן זיי ניט געבן און די קינדער ווילן איר ניט גלויבן . . . זי, סעלמא, איז אויך אזוי געווען ווי זיי, נאָר איצט פארשטייט זי שוין, אז זי איז געווען אומגערעכט קעגן דער מאמען.

אָט אזוי זיצנדיק ביי דער קאַסע קלינגען אויך אין אירע אויערן די קריגערייען צווישן דער מאמען מיט דעם טאַטן אירן. דער פאָטער סטראַשעט, אז ער וועט אנטלויפן פון הויז, אויב זי וועט ניט אויפהערן אים צו יאָדען. סעלמא קריגט רחמנות אויף זייביידן. זי באַטראַכט די איבערגעזעטיקטע מענטשן דאָ אין דעם רעסטאָראַן און פרעגט ביי זיך אליין: „ווער וויל, אז עס זאָל אזוי זיין?" . . . אָבער זי קאָן זיך קיין ענטפער ניט געבן.

באלד ווערט זי פריילעך, ווען זי דערמאָנט זיך, אז זי וועט מיט אירע שכירות קאָנען ארויסהעלפן אין שטוב און די מוטער וועט אויפהערן שעלטן זיך, שעלטן אלעמען. איז זי שוין ווי־עס־איז צופרידן מיט איר דזשאַב.

מאכט זיך, אז אן אלטער מאַן מיט בלויע קישעלעך אונטער די אויגן, וואָס זעט אוים ווי סעלמאַ׳ס א זיידע, ווערט אן אָפטער אריינגייער אין אָט־דעם רעסטאָראַן. דריי מאָל א טאָג קומט ער צו

סעלמא'ן באצאָלן פאר זיין מאָלצייט, און יעדעס מאָל גיט ער איר א קניפּ אין באַק און רעדט עפּעס אזא מאָדנע שפּראך צו איר, אז זי פילט, ווי אים גוט אויסצווזידלען, אָדער גאָר אים געבן א שטויס, אז ער זאָל פאלן אויפן דיל . . .

האָט, אָבער, דער אייגנטימער איר געלאָזט וויסן, אז אָט דער אלטער מאן איז א חשוב'ער קונד. זיצט סעלמא ביי דער קאסע א צעטומלטע. זי ווייסט ניט וואָס צו טאָן. זאָל זי פארלאָזן? ווי קאָן זי. זי וויל עסן און באהילפיק זיין איר הויז־געזינט. דולדעט זי, טרערן שטיקן איר בעת דער אלטער רעדט פרעך. זי פארקלעמט אירע אויגן־דעקלעך און ווי אן אויטאָמאט זינגט זי אויס: „טהענקיו", „קאָל אגעין!" : : :

## שלאָפלאָזע שלאָפן שוין...

דאָקטאָר גרין איז געזעסן אין זיין פאַרשטויבטן אָפיס, געוואַרט אויף פּאַציענטן. בעת מעשה געטראַכט וועגן זיין פריינט, דאָקטאָר לין, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך איבער מעדיצין, וואָס ברענגט אים אַריין גאַנץ פיינע ראָיאַלטיס.

— פאַרוואָס זאָל ער, דר. גרין, אויך ניט אָנשרייבן אַ בוך? וואָסי, עס פעלט אים צייט אין דעם קבצנישן געגנט?

די פראַגע איז נאָר איבער וועלכן טייל פון מעדיצין זאָל ער שרייבען זיין בוך. איבער הויכן בלוט־דרוק און נידעריקן בלוט־דרוק האָט מען שוין אַזוי פיל געשריבן. האַרץ־קראַנקהייט איז צו ברייט. ער וועט אַליין דאַרפן לייענען צופיל ביכער, און דאָס האָט ער פיינט...

האָט ער באַשלאָסן אַריינצוכאַפּן זיך אין אַ דעפּאַרטמענט סטאָר, וואו עס זיינען פאַראַן אַ סך מעדיציניש ביכער, און דאָרטן וועט ער שוין זען וואָס עס פעלט. איז פּלוצים אַריין אַן אויסגעמאַטערט מענטשעל מיט רויטע אויגן, גלייך ווי ער וואָלט נאָר־וואָס געוויינט. זיין פּנים שטאַרק אויסגעבליכט. יעדע ווייַלע האָט ער פאַרפלעטשט אַ געניץ און זיך אַנטשולדיקט:

— אָט אַזוי ווי איר זעט מיך, דאָקטאָר, שלאָף איך ניט דורך די נעכט. איך בין אומגליקלעך. איך דאַרף גיין זוכן אַרבעט און איך קאָן זיך אינדערפרי ניט רירן פון אָרט.

דאָקטאָר גרין האָט אים גענומען עקזאַמינירן, אים אָנגעהויבן קלאַפּן און טאַפּן. אים געהייסן דעכען. אים געדרייט אַהין און געדרייט אַהער. דערנאָך האָט ער געצויגן מיט די אַקסלען און געזאָגט:

— עס איז מיט אייך גאָרניט דער מער. איך זע ניט איין פאַרוואָס איר קאָנט ניט שלאָפן. אפשר טראַכט איר צופיל, ווען איר לייגט זיך שלאָפן. הערט אויף טראַכטן!

— דאָקטאָר, אָבער עס טראַכט זיך דאָך. וואָס זאָל איך טאָן?

— אפשר לייגט איר זיך ניט אוועק ווי געהעריק? — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, און באַצייטנס אָנגעהויבן פאַרשרייבן אַ מעדיצין.

— איך בין דאָך עטלעכע און צוואַנציק יאָר אַזוי געשמאַק געשלאָפן. אָט אַזוי זיך געלייגט ווי היינט, — האָט דער פּאַציענט געטענה'ט.

— מיסטער, היינט זיינען אנדערע צייטן. היינט דארף מען זיך לייגן אַנדערש, — האָט דאָקטאָר גרין זיך געוויצלט און אים דער־לאַנגט דעם רעצעפּט, — איר'ט נעמען צוויי פּילן פאַרן שלאָפן.

דער אויסגעמאַטערטער פּאַציענט וואָס קאָן ניט שלאָפן, האָט באַטראַכט דאָס ווייסע שטיקל פּאַפּיר מיט די לאַטיינישע אותיות. שווער אָפּגעזיפצט און געזאָגט:

— איר הערט, דאָקטאָר, דאָס ניט שלאָפן איז זייער א וויכטיקע פּראָבלעם.

— גייט, גייט, איר'ט שלאָפן, — האָט דער דאָקטאָר באַפוילן.

ווען דער פּאַציענט איז ארויס, האָט דער דאָקטאָר גרין אָנגע־הויבן פרייזלעך ארומשפּאַצירן איבערן אָפיס. ער האָט עס געפּאַקט. ער וועט שרייבן זיין בוך וועגן שלאָפלאָזיקייט. ער האָט זיך איצט דערמאָנט, אז די לעצטע צייט זיינען די מערסטע פּאַציענטן פון דעם טיפּ וואָס באַקלאָגן זיך, אז זיי קאָנען ניט שלאָפן.

ער האָט זיך אוועקגעזעצט ביים דעסק און אָנגעהויבן מאַכן נאָ־טיצען: 1) ווי אַזוי מען דארף זיך אוועקלייגן ביים שלאָפן; 2) ווי אָנצושטעלן די טעמפּעראַטור פאַר א ווארימער באַד. און דערנאָך וועט ער אָנשרייבן א פּאָר קאַפּיטלען וועגן דער פּסיכאָלאָגישער זייט פון שלאָפן, וועגן דעם וואָס מענטשן רעדן זיך איין זאַכן, וועגן פעסטן באַשלוס פון דעם מענטשן, אַז ער מוז אַנטשלאָפן ווערן. און אָט האָט ער א בוך. ער האָט באַשלאָסן, אז דער נאָמען פון זיין בוך זאָל זיין „אינסאָמניע" (שלאָפלאָזיקייט).

אָט אַזוי האָט דאָקטאָר גרין זיך א נעם געטאָן שרייבן זיין ערשט בוך. ער האָט אויסגערעכנט, אז עס וועט פאַרנעמען ארום א הונדערט זייטן. האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, אז ער האָט זיך אבי־סעלע צופיל פאַרפלאָנטערט אין פּסיכאָלאָגיע און האָט אָנגעשריבן העכער צוויי הונדערט זייטן. ווי באַלד אַזוי, מוז ער העכערן דעם פּרייז, לויט דעם ווי ער האָט באַשטימט אין פאָראויס.

איידער דאָס בוך איז ארויס פון דרוק, האָט דאָקטאָר גרין אליין אויסגעשטעלט אַן אָנאָנס פאַר די צייטונגען, וואָס האָט זיך גע־לייענט אַזוי:

„אָרים און רייך, אַלע זיינען גלייך. אַלע דארפן שלאָפן ביינאַכט. לייענט דר. גרין'ס בוך, און איר וועט שלאָפן" . . .

די ערשטע קויפערין פון אזא בוך איז געווען א מיטליאָריקע פרוי, וואָס דער מאַן איז פון איר אַנטלאָפן, ווייל זי האָט אַלעמאָל אים שטאַרק געיאָדעט, אַז ער פאַרדינט ניט גענוג. איצט, אַז זי האָט ניט קיין מאַן, יאָדעט זי זיך אַליין. דערווייל קאָן זי ניט שלאָפן. זי איז געקומען צום דאָקטאָר און אים געוואונטשן דאָס אייביקע לעבן:

— טייערינקער, עס איז דען א בוך, ס'איז דאָך א כישוף. גלייך ביים ערשטן קאַפּיטל בין איך איינגעשלאָפן . . .

די צווייטע קויפערין איז געווען נאָך גאָר א יונגע פרוי, וואָס דער דאָקטאָר אירער האָט איר געלאָזט וויסן, אַז זי שוואַנגערט מיט א צווילינג, און זי זאָל זיך באַצייטנס צוגרייטן פאַר דעם. שלאָפט זי ניט פון דאַן אָן. איז זי אויך געקומען קויפן דעם כישוף־בוך.

אויפן צווייטן פרימאָרגן האָט זי אַריבערגעשריען צו אירער א שכנה, וואָס האָט איר רעקאָמענדירט דעם בוך, אַז זי האָט געלייענט בלויז צוואַנציק שורות און זי איז אַנטשלאָפן געוואָרן ווי נאָך א באַר. זי וואונדערט זיך נאָר, ווי אַזוי איז דער דאָקטאָר ניט אַנטשלאָפן געוואָרן אינמיטן דערינען, בעת ער האָט געשריבן דעם כישוף־בוך . . .

אָט אַזוי האָט איינער געלאָזט וויסן דעם צווייטן. און אַזוי האָט דאָקטאָר גרין שוין אויספאַרקויפט זיין ערשטע אויסגאַבע. זיין צווייטע אויסגאַבע קלייבט ער זיך אַרויסגעבן דע־לוקס, מיט גאָר־גאָר שיינע טאָוולען און העכערן דעם פּרייז.

# קאָנקורענטן

בערגער האָט נאָך ניט געהאַט קיין באַשטימטע פּראָפעסיע פאַר זיין זון מארטין. ער האָט זיך געטראכט: „וואָס איז די אייַלעניש? דערווייל איז נאָך מארטין א יונגער צוציק, ער גייט נאָך אין האַי־סקול, קוינט זיך ניט צו ברעכן זיך דעם קאָפּ אויף עטלעכע יאָר שפּעטער".

דאָך האָט פּאַסירט, אז אונטער געוויסע אומשטענדן האָט בער־גער ביי זיך אין געדאנק באַשטימט א פּראָפעסיע פאַר מארטינען. דאָס איז געווען איינמאָל, ווען זיינער א באַלעבאָס האָט באַנקראָ־טירט און אים געבליבן שולדיק שכירות פאַר עטלעכע וואָכן אר־בעט ,און ער איז ארומגעלאָפן א צעטומלטער, ניט געוואוסט וואוהין צו ווענדן זיך. האָט ער א זאָג געטאָן צו זיין פרוי:

— דו הערסט, בעסי, די בעסטע פּראָפעסיע פאַר אונזער בחור וואָלט געווען, א לאָיער.

— וואָס עפּעס א לאָיער? — האָט זיך די מוטער געקרימט.

— ווייל מיר לעבן אין א וועלט פון לויטער שווינדל . . .

בעסי האָט, אָבער, געוואָלט אַז מארטין זאָל זיין א לערער. ער וועט ארבעטן פאַר דער רעגירונג, וועט ער זיין געזיכערט מיט פרנסה . . . זי האָט אויך געטראכט, אז מארטין וועט דאַן האָבן מער געדולד צו לערנען איר לייענען און שרייבן ענגליש. זי שעמט זיך ביי די יאָרן צו גיין אין סקול אריין . . .

אין א צייט ארום האָט פּאַסירט, אז בערגער האָט אָנגעהויבן אונטערקרענקען. ער איז געלאָפן פון איין דאָקטאָר צום צווייטן, איינער האָט געזאָגט, אז ער ליידט אויף א הויכן בלוט־דרוק, א צווייטער האָט גאָר געזאָגט, אז דאָס הארץ איז ביי אים צופיל אָנגעשטרענגט. ער דאַרף האָבן א סך רו . . . האָט בערגער דאַן געטראכט: „ווי גוט עס וואָלט געווען צו האָבן אַן אייגענעם דאָק־טאָר. איצט, ווען די עלטער רוקט זיך אָן . . . ער האָט געקוקט אין שפּיגל, באַטראכט די שווארצע פלעקן אין די ווינקלען פון זיינע אויגן און יאוש׳דיק האָט ער אָנגעהויבן בלעטערן אין זיינע מחשבות:

„ווי לאַנג איז דאָס גאָר, אז ער איז אריינגעקומען אין א שאָפּ אריין און געטראָפן אויף דעם פּרעס־טיש א באַרג מיט קליידלעך,

און דער באַס האָט אים געזאָגט מיט דעם הארבן וואָרט, אז אלץ מוז היינט אויסגעפּרעסט ווערן, און ער איז ניט געגאַנגען אהיים ביז דער טיש איז געווען אָפּגעליידיקט . . . דער באַס האָט אים דאַן געקלאַפּט אין פּלייצע: בראַוואָ, בערגער! האָסט היינט גאַנץ היפּש אריינגעכמאַליעט. קיין ביסל האָבער ניט געלאָזט אויף מאָרגן. אָבער ניט געזאָרגט! די קאַרעטעס ביי די אפּערייטאָרס זיי־נען פול. גיי שלאָף זיך אוים! . . .

בערגער'ן האָט געקרענקט דאָס לשון, מיט וועלכן דער באַלעבאַס האָט זיך באַנוצט, אָבער ער האָט געוואוסט, אז די פירמע איז מיט אים צופרידן, ניט ווי היינט . . .

באַלד האָט ער זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן פאַר זיך אליין: „נאָך אלעמען, שטופּט ער שוין דעם אייזן א פערטל יאָרהונדערט... ער האָט אָנגעהויבן פּרעסן נאָך דאַן, ווען אין די שעפער איז געווען גאַז־אייזנס. ער האָט זיך געשטעלט ארבעטן פאַר זון־אויפגאַנג, און אהיים געגאַנגען איז ער העט טיף אין דער נאַכט . . . מען איז דאָך ניט מער ווי א מענטש . . .

בערגער ווייסט איין זאַך, אז היינט קומט אים אָן זייער שווער צו מאַכן א טאָג ארבעט. דעם באַלעבאַס זאָגט ער א תירוץ, אז די היינטיקע מאָדעס זיינען שווערע. צומאָל מאַכט ער זיך הארץ און זאָגט אים, אז ער קען זיך נאָך היינט פאַרוועטן מיט יעדן פּרע־סער אין טרייד... „וואָס דען, זאָל ער אינגאַנצן שווייגן ווען דער באַ־לעבאָס זאָגט אים, אז ער דאַרף זיך שוין זוכן א מושב־זקנים? וואָלט נאָר דער שאַפּ געווען אָרגאַניזירט, וואָלט ער אים גוט אריינגעזאָגט...

:: :: ::

מארטין האָט געענדיקט „האי־סקול" און די מוטער האָט אָנגע־קוואָלן וואָס ער איז אויסגעוואַקסן אביסל העכער פון זיין טאַטן; וואָס די שטימע זיינע איז שוין מער ניט קיין קינדערשע. אירע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט פרייד, בעת מאַרטין האָט אָנגעהויבן פעסט שפּאַנען איבערן הויז, אז דער דיל האָט אַזש געציטערט אונטער זיינע פיס. זי האָט געשטראָפט בערגער'ן וואָס ער איז אָנגעכמורעט און צעיוירן, פונקט איצט, ווען ער דאַרף זיין פריי־לעך און אויפגעלייגט . . .

— ווי עס זעט אויס, איז א טאטע ניט קיין מאמע . . . — האָט זי אים ארייגגעזאָגט.

— ווען דיר קומט אויס צו שלעפּן דעם וואָגן איינער אליין, וואָלסטו אויך ניט געווען אזוי פרייליך . . . — דאָס האָט בערגער געגעבן אָנצוהערעניש וועגן עול־פּרנסה.

— ווילסטו פון מארטינען אפשר מאכן א פּרעסער? — האָט די פרוי מיט א ציטער אין איר קול געפרעגט.

בערגער האָט זיך געהאַלטן אין איין פארענטפערן פאר זיין פרוי, אז ער האָט גאָר ניט געמיינט, פארקערט, ער אליין וויל אויך אַז מארטין זאָל לערנען. נאָר זי מעג וויסן, אז ער איז שוין ניט קיין יונגערמאַנטשיק . . . אז ער זאָל גיין טאנצן . . .

זיי האָבן אזוי לאַנג פארצויגן דעם געשפּרעך צווישן זיך, ביז מארטין האָט דאָס דערהערט. האָט ער גלייך, אָן צערעמאָניעס, געלאָזט וויסן, אז ער קלייבט זיך צו גיין אין א שאָפּ זיך אויסלערנען א מלאכה. ער וועט ניט זיין, הייסט דאָס, ניט קיין לאָיער און ניט קיין לערער און ניט קיין דאָקטאָר. אזוי האָט ער באשלאָסן.

— וואָס רעדסטו, מארטין?! — האָט די מוטער קוים אויסגע־שטאַמלט.

בערגער האָט זיך געטראכט, אז עס וואָלט ניט געווען קיין קרו־מע זאַך, ווען עמיצער זאָל אים העלפן טראָגן דעם יאָך פון פּרנסה... אָבער ניט אויף אזא אופן. האָט ער זיך אריינגעמישט און געזאָגט:

— זון מיינער, ס'איז געגוג, אז דער טאטע דיינער איז א פּרע־סער. די באַלעבאַטים אונדזערע זיינען גראָבע יונגען... ס'איז ניט פאר דיר. כ'לעבן, ס'איז ניט פאר דיר.

די מוטער האָט צוגעשאָקלט מיט איר קאָפּ: „דער טאטע איז גערעכט”.

מארטין האָט זיי, אָבער, געגעבן צו פארשטיין, אז ער האָט שוין געכאפּט א שמועס מיט עטלעכע בחורים, וועלכע האָבן שוין אויסגעשטודירט און זיי טוט באַנג, זיי האָבן אים אליין געזאָגט. דערנאָך האָט ער זיי אָנגעהויבן סטראַשען מיט גרויסע ציפערן וואָס דער קאָלעדזש פאָדערט: וואו וועלן זיי דאָס נעמען? ער האָט אויך אריינגעשושקעט דער מוטער אין אויער אריין, אז ער האָט שוין א מיידל און ער קאָן ניט ארומגיין מיט קיין ליידיקע קעשענעס.

און אזוי ארום האָט זיך מאַרטין צוגעזעצט צום פאָטער, אַז ער זאָל אים אַרויפנעמען צו זיך אין שאַפּ אַריין און אים אויסלערנען זיין א פּרעסער. ער האָט געזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, אַז אין קאַ־לעדזש וועט ער ניט גיין . . . ער וויל ניט פּטר'ן קיין צייט אומ־זיסט . . .

בערגער און זיין פרוי האָבן געהאַט באַראַטונגען וועגן דעם, ביז זיי האָבן איינגעשטימט אַז מאַרטין זאָל ווערן א שאַפּ־אַרבעטער. טאַטע־מאַמע האָבן זיך געטרייסט מיט דעם, וואָס מאַרטין איז א וואויל׳ער בחור, וועלן זיי ביי אים פּועל'ן, אַז ער זאָל פאַרזעצן זיין לערנען אין די אָוונטן . . .

די מוטער האָט זיך אָביסל געקנייטשט: — עס וועט, נעבעך, זיין צו שווער פאַרן קינד, — האָט זי גע'טענה'ט. נאָך א שווערן טאָג אַרבעט זאָל ער ערשט דאַרפן גיין לערנען . . .

ווען זי האָט, אָבער, אָנגעהויבן חשבונ'ען אין מוח וויפיל געלט עס פאָדערט זיך, אַז מאַרטין זאָל גיין לערנען בייטאָג, האָט זי שוין מער ניט גערעדט. זי האָט דאָס שוין געלאָזט צו די צוויי מאַנצביל. זי האָט געפילט, אַז אירע זיסע האָפענונגען רייסן זיך איבער. און זי קען גאָרניט טאָן צו דעם . . .

מאַרטין האָט זיך אויסגעלערנט דאָס פּרעסעריי אין א קורצער צייט. עס האָט בקויז געדויערט אַ פּאָר חדשים, ביז ער האָט גע־כאַפּט אַלע פּאָרטלען פון דער אַרבעט. דערנאָך איז שוין דאָס גע־גאַנגען ביי אים ווי געשמירט. עס איז ביי אים פאַרשוואונדן די שרעק פאַר דעם אָנגעגליטן אייזן, טאָמער וועט ער עפּעס פאַרברענען. עס האָט גאָר אויסגעזען, ווי דאָס אייזן וואָלט פאַר אים מורא גע־האַט. דאָס צוועלף־פונטיקע אייזן איז אין זיינע הענט ווי א שפּילצייג געוואָרן. יוגנט האָט זיך ווי גערייצט מיט עלטער.

בערגער'ס פרוי האָט גאָרניט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס איר מאַן קומט אהיים פון שאַפּ נאָך מער אָנגעכמורעט און צעיוירן ווי פריער, איידער מאַרטין האָט דאָרט געאַרבעט: „זאָל דאָס מעגלעך זיין, אַז דער טאַטע מיט דעם זון קאָנען ניט דורכקומען? זי וואָלט זייער וועלן וויסן! אָבער מען זאָגט ניט אויס. פרעגט זי דעם מאַן אירן, ציט ער מיט די אַקסלען:

— גאָרניט, גאָרניט! — זי דערקענט אָבער אין זיינע אויגן,

אַז עפּעס פּרעסט אים. נו, פרעגט זי מאַרטינען, אפשר וועט זי ביי אים עפּעס ארויסקריגן. אָבער א נעכטיקער טאָג — ער ווייסט פון גאָרניט צו זאָגן . . .

בערגער האָט זיך געטראַכט: „גיי דערצייל אזעלכע זאַכן צו א פרוי! זי וועט דאָך לאַכן פון אים. אָדער אפשר גאָר פאַרלירן דאָס ביסל דרך־ארץ צו אים . . . גיי דערצייל איר, למשל, אַז דער באָס חוזק'ט פון אים. „עך עקספּיריענסד פּרעסער! זע נאָר, מאַר־טין פּרעסט שוין די צווייטע דרעס און דו קיצלסט נאָך די ערשטע". צי איר דערציילן, אַז אַלטע פּרעסערס באַקלאָגן זיך פאַר אים, אַז די יונגע פּרעסערס טרייבן זיי פּשוט ארויס פון טרייד. ער פילט אַז זיי גיבן אים א שטאָך, ווען זיי זאָגן דאָס אים . . . צי, א שטיי־גער, דערציילן איר, אַז מאַרטין צעפירט זיינע יונגע הענט, פילט ער נאָך עלטער ווי ער איז. ער האָט דאָס געפיל ווי איינער, וואָס שלעפּט זיך נאָך א לויפנדיקן וואָגן . . . זי וועט אים ניט פאַרשטיין.

דערפאַר האָט בערגער באַשלאָסן ביי זיך צו שווייגן. ער האָט אפילו געשוויגן, ווען מאַרטין איז אהיים געקומען און באַרימט זיך פאַר דער מוטער, אַז ער האָט געמאַכט צוויי מאָל אזוי פיל ארבעט וויפיל ער, דער „פּאַפּ". עס האָט אים א צופּ געטאָן ביים האַרצן, דער כלומר'שטער שפּאַס. בערגער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז אמת: „אָבער וואָס איז ער שולדיק? וויל ער דען ניט ארבעטן אזוי שנעל ווי מאַרטין?" א גרויסער בחור ווי ער וואָלט געמעגט פאַרשטיין, אַז א פערטל יאָרהונדערט שלעפּן דעם אייזן, איז ניט קיין שפּילעכל.

מאַרטין האָט אָנגעהויבן גענבן אָנצוהערעניש, אַז ער וועט מוזן ארבעטן פאַר זיך אליין. אוים שותף צום פאָטער, הייסט עס. מאַר־טין האָט אפילו געהאַט גרויס פאַרדרוס צו דאַרפן טאָן אזא זאַך. ער האָט געוואוסט, אַז דער פאָטער וועט זיך ערגערן: „אָבער וואָס האָט ער געזאָלט טאָן, אַז ער האָט שוין באַשטימט דעם טאָג פון זיין חתונה, און ער דאַרף האָבן אזוי פיל געלט! עס האָט אים גענומען עטלעכע וואָכן צייט, ביז וואַנען ער האָט גע'פּועל'ט ביי זיך צו זאָגן דאָס צום פאָטער. ער האָט אָפּגעלייגט פון איין טאָג אויפן צווייטן: „זאָל זיין נאָך א וואָך, זאָל זיין נאָך א וואָך. אָדער אפשר גאָר ענדיקן שוין דעם סעזאָן".

בערגער האָט שטילערהייט געליטן פון אזעלכע אָנצוהערענישן. צייטנווייז איז ער געווען בייז אויף מארטינען, און צייטנווייז האָט ער אים ביי זיך אין געדאנק גאָר פארענטפערט: „נו, וואָס איז ער שולדיק, אז מיר לעבן אין אזא אומגערעכטער וועלט? ער וויל דען ביי מיר עפּעס צונעמען? ער דארף דאָך אָנהויבן בויען זיך אן אייגענע נעסט אויף זיינע אייגענע כוחות; איז וואָס קומט אים פאר דעם?

בערגער האָט אין דער שטיל געזוכט זיך א נייעם דזשאָב, צווישן זיינס גלייכן, וועלכע געדענקען אים ווען ער איז נאָך געווען יונג און געארבעט פונקט אזוי שנעל ווי מארטין, און אפשר נאָך שנעלער. מיט זיי האָט ער וועגן וואָס צו ריידן. פאר זיין זון מארטין איז טויט דאָס אמאָליקע לעבן פון די פארשידענע סטרייקס, וואָס די עלטערע פרעסערס האָבן דורכגעלעבט. נישטאָ וועגן וואָס צו רעדן מיט אים. עס איז אים שוין אויך דערעסן דעם באָס' שטעכווערטלעך:

— בערגער, דו ביסט שוין אויסגעשפּילט . . . בערגער, דו דארפסט שוין לעבן אויף פּראָצענט . . . בערגער, דו פארנעמסט אן אייזן אומזיסט . . . ער האָט זיך געטראכט, ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען ער קריגט א נייעם דזשאָב, וואָלט ער דאָן אָט דעם גראָבן יונג אריינגעזאָגט, אז עס וואָלט אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן זיינע. ער האָט אים זייער א סך צו זאָגן . . . ער וואָלט פשוט אויפגעלעבט ווען ער באפרייט זיך פון אביסל צאָרן . . .

אָבער אומזיסט איז געווען בערגער'ס מי צו זוכן א נייעם דזשאָב. זיינע באקאנטע האָבן אים געלאָזט וויסן, אז ביי זיי איז די לאגע ניט בעסער ווי ביי אים. און ווידער אמאָל דיזעלביקע מעשה:—מיר האָבן אריינגעשלעפּט די יונגע, זיי אויסגעלערנט פרעסן, און איצט מעגן מיר שוין גיין שלאָפן...

האָט זיך בערגער מישב געווען, זיך א נעם געטאָן צו דער ארבעט פונקט ווי אמאָל אין די פריערדיקע יאָרן. ער האָט זיך געטראכט: „וואָס עס וועט זיין, וועט זיין" . . . ער האָט זיך מיט זיינע לעצטע כוחות פארמאָסטן מיט זיין יונגן בחור מארטין. ער האָט קיין איין סעקונדע ניט פארלאָרן אויף קיין אנדערע זאכן, אויסער פרעסן. האָט מען געלאכט, האָט מען געשטיפט — אים

איז קיין זאך ניט אַנגעגאַנגען. זיין איינציקער וואונטש איז ביי אים געווען — אויספּרעסן אַ קליידל פּונקט אַזוי שנעל ווי מאַרטין. און ווידער אַמאָל האָט ער זיך געטראַכט: „וואָס עס וועט זיין, וועט זיין!"

מאַרטין איז געשטאַנען אַ פאַרגאַפטער: — זע נאָר ווי דער אַלטער שיסט! ער האָט שוין מער ניט גערעדט וועגן ווערן אויס שותף. ער האָט זיך געטראַכט, אַז עס זעט אויס, אַז דער טאַטע קען נאָך מאַכן אַ גוטן טאָג אַרבעט, אַז ער וויל נאָר . . .

דער באָס איז צוגעקומען צום פּרעס־טיש און געבליבן שטיין אַ דערשטוינטער, ווען ער האָט דערזען ווי בערגער שאָקלט זיך, וואַרפט זיך אַהין און צוריק, אַהין און צוריק, שווער געסאָפּעט: אָבער וועמען אַרט דאָס?

— דו זעסט שוין, בערגער! אַז מען באַשליסט, אַז מען איז נישט אַלט, אַרבעט מען ווי אַ יונגער, — האָט דער באַלעבאָס זיך געוויצלט, און געוואונקען מיט איין אויג צו מאַרטינען. דאָס איז געווען אַן אָנצוהערעניש אַז ער, מאַרטין, דאַרף זיך אַ שאָקל טאָן, ניט לאָזן, אַז דער טאַטע זאָל אים אָניאָגן.

אָט אַזוי איז זיך אַלץ געגאַנגען גלאַטיק טעג נאָכאַנאַנד.

:: :: ::

בערגער איז אַהיים געקומען אַ מידער, אַ צעבראָכענער. ער האָט געהאַט אַזאַ געפיל, אַז אָט־אָט צעפאַלט זיך זיין בינטל ביינער. אָבער ער האָט זיך גאָרניט באַקלאָגט. די פרוי האָט אים טיף אַריינגעקוקט אין זיינע אויגן און זי האָט זיך דערשראָקן. נישטאָ יענער גלאַנץ מער. די אויגן זיינען זיינען נעפּלדיק, כמעט האַלב־צוגעמאַכט, ווי ביי אַ נאַכט־וואַנדלער. זי האָט געקראָגן רחמנות אויף אים און מוטערלעך געפרעגט:

— סעם, דו שטרענגסט זיך צופיל אָן, ניט אַזוי?

בערגער האָט געשוויגן. ער האָט זיך פאַמעלעך אויפגעהויבן פון בענקל, ווי איינער וואָס טראָגט אַ שווערן זאַק אויף די פּלייצעס, און באַלד האָט ער זיך ווי אַ שיכור אַריינגעהוידעט אין זיין שלאָף־צימער.

:: :: ::

פּונקט פּרייטיק, ווען דער באַלעבאָס איז אַרומגעלאָפן אַ פאַר־

שמייטעַר, געבייזערט זיך אויף די ארבעטער, אז מען זאָל אויפ־הערן זינגען, אז מען זאָל אויפהערן רעדן, ווייל ס'איז ערב שבת און ער מוז שיקן א גרויסן שיפמענט, איז פּלוצים געוואָרן א גע־וואלד, א געפילדער . . . בערגער האָט גע'חלש'ט . . .

מארטין איז געשטאנען א בלייכער און צוגעקוקט ווי מען שפּריצט קאַלטע וואסער אויף זיין טאטנס פּנים, איין ארבעטער צעבראַסטעט אים, און א צווייטער דרייט אים די נאָז. ער האָט געפילט, ווי אָט, אָט צעוויינט ער זיך. איבערן שאַפּ האָבן זיך גע־טראָגן געשרייען: — ליגט אים מיטן קאָפּ אראָפּ! אָט אזוי!

דער באַלעבאָס, א צעשראָקענער, איז געלאָפן אין אָפיס אריין רופן אן אמבולאנס, און בשעת מעשה געוואָרטשעט אין זיך: מיין מזל, מיין מזל . . . באלד איז ער צוריקגעקומען פון אָפיס און צעשריען זיך אויף דעם רעדל ארבעטער, וואָס האָבן ארומגערינגלט בערגער'ן, אז זיי פארשטעלן די לופט. ער האָט געפילט ווי זאָגן זיי, אז ער אליין וועט שוין אלץ באזאָרגן און זיי מעגן זיך זעצן ארבעטן, אָבער עס איז אים געווען עפּעס פריקרע אזוי צו רעדן אצינד . . .

בשעת דער דאָקטאָר האָט זיך געפּאָרעט ארום בערגער'ן, זיך צוגעהערט צום הארץ מיט זיין טרובקע און זיך פארקרימט, האָט דער באַלעבאָס א זאָג געטאָן:

— איך זאָג אלעמאָל, אז עלטערע מענטשן דארפן ניט ארבעטן מער. אָט זעט, צי בין איך ניט גערעכט! עלטערע מענטשן מוזן זיך, נעבעך, אָנשטרענגען.

בערגער האָט קרענקלעך אָנגעהויבן באוועגן א בלייכע האנט. דאָס האָט ער אפּנים געגעבן א צייכן, אז דער באַלעבאָס זאָל אויפ־הערן דרשנ'ען. די ארבעטער האָבן זיך אויך דורכגעשמועסט מיט זייערע בליקן, און מיט די קעפּ אָנגעוויזן אין דער ריכטונג פון דעם באַלעבאָס, ווי זיי וואָלטן זאָגן: „וואָס בעבעט ער דאָרטן?"

דער דאָקטאָר האָט באַפוילן, אז בערגער מוז ליגן אין בעט כאָטש א חודש צייט, דערנאָך וועט מען שוין זען . . .

איז בערגער געלעגן אין בעט. די פרוי זיינע איז געזעסן לעבן אים און זיך געבעטן ביי אים:

— דו נאַר איינער, הער שוין אויף וויינען! וואָס ביסטו, א קינד?

און בערגער האָט געכליפּעט און גערעדט:

— א פערטל יאָרהונדערט געפּרעסט און געפּרעסט . . . וואָס האָב איך פון דעם? כ׳בין דאָך געוואָרן אן איבעריקער מענטש.

די פרוי האָט אים געטרייסט:

— ניט געזאָרגט, דו ווער נאָר געזונט! אונדזער מארטין איז א גוט קינד און ער וועט ארויסהעלפן, וועסט זען.

בערגער האָט שוואַך אָפּגעזיפצט. ער האָט צעגעקלעמט זיינע אויגן־דעקלעך און געזען ווי מארטין יאָגט זיך אָן אויפהער לעבן דעם פּרעס־טיש, ער הענגט אויף נאָך א קליידל און נאָך א קליידל . . . אָט פונקט אזוי האָט ער, דער טאַטע זיינער, אָנגעהויבן,—טראַכט זיך בערגער, און מאָדנע געדאַנקען האָבן זיך אָנגעהויבן פּלאָנטערן אין זיין מוח: „נישט קיין לאָיער און נישט קיין דאָקטאָר און ניט קיין לערער, נאָר א פּרעסער גלייך מיט אים” . . . ער האָט גע־שעפּטשעט שטיל אין זיך: „זאָל כאָטש מארטין ניט האָבן זיין סוף... און טרערן האָבן אים אָנגעהויבן שטיקן אין האלדז. ער האָט גע־פילט, אז אָט־אָט ווערט ער דערוואָרגן . . .

# באַנקראָט...

מר. מאַרגאָלין האָט זיך די לעצטע צייט אביסל צופיל געזאָרגט. די האָר אויפן קאָפּ האָבן אים פאַרלאָזט, מען מעג זאָגן, אויף אייביק, אויף אלעמאָל. דאָס שמירעכץ, וואָס ער באַנוצט העלפט נאָר, אז דאָס גלאטע קעפל זיינס זאָל גלאַנצן און אויסזען ווי העלער, גלאַנציקער צעמענט.

אין וואָס איז באַשטאַנען זיין זאָרג? אביסל צוליב „סטאָקס", וואָס זיינער א פריינט האָט אים איינגעהאַנדלט און פון דעם גאַנצן ביסל מזומן איז אים פאַרבליבן שיינע בויגנס פּאַפּיר מיט בלויע געדרוקטע אותיות און קיילעכדיקע פּעטשאַטן. אז ער קוקט אויף די אקציעס זיינע, ווערט אים אזוי אומעטיק. עס באַווייזט זיך פאַר זיינע אויגן א סך „פּה נקבר'ס". הינטער זיי ליגט באַגראָבן אזוי פיל געלד זיינס... דאָס איינציקע וואָס מאַרגאָלין קאָן איצט טאָן, איז נאָכזאָגן א גוטן שבח זיינע דאָלאַרן . . .

ער האָט זיך אויך געזאָרגט וואָס פון זיין מאַדאַם מאַרגאָלין איז געוואָרן א פּאַס. כאָטש נעם זי ערגעץ אויף א הויכן באַרג און קאַטשע זי אַרונטער. עס איז אים פּשוט א חרפה מיט איר צו כאַפּן א שפּאַציר. ער, א שלאַנקער, א הויכער, איבער זעקס פוס, און זי, גראַדע אויך דיזעלבע מאָס, נאָר אין דער ברייט . . . ער גיט א שפּאַן און זי בלייבט שטיין און פּרייכט שווער. מוז ער גיין פאַרמעגלעך, ווי ביי א לויה . . . אז ניט צעשרייט זי זיך אויף אים:

— וואָס איז ביי דיר, א „האָרס-רעיס", וואָס דו לויפסט? —

זאָל ער זיך גיין קריגן מיט איר אינמיטן גאַס? ס'איז געַנוג אין דערהיים וואָס מען מאַכט זיך אָפּט מיט דער בלאָטע צוגלייך. זי וואַרפט אים אויף, אז איר משפחה האָט אים אריינגעשלעפּט אין ביזנעס. ווען ניט, וואָלט ער נאָך היינט געווען א באָרוועסער, און איצט ברענגט ער אוים געלט אויף פּרעמדע פרויען מער ווי אויף איר. אויך אין דערהיים מוז ער שווייגן. אז ניט צע'חלש'ט זי זיך אזוי, אז די גאַנצע משפחה לויפט זיך באַלד צונויף און מען מוסר'ט אים, און מען סטראַשעט אים מיט געזעץ. איין שוואָגער זיינער האָלט אפילו אָנגעגרייט א קולאַק, ווי איינער רעדט: „עפּן נאָר דיין מיילכל און דו קריגסט א זעץ, אז דו וועסט זען דיין באָבען

אין חלום״ — נו, האָט ער שכל און שווייגט . . .

אָבער מער פון אַלץ זאָרגט זיך מאַרגאָלין וואָס זיין שאַפּ איז אָרגאַניזירט, און לויט זיין מיינונג, האָבן די ארבעטער מער צו זאָגן אין שאַפּ, ווי ער. אמאָל האָט ער געקענט פאַרגלעטן א פאַרלוסט איינס און צוויי. און דער פאַרלוסט איז ניט געפאַלן אזוי שווער אויף אים . . . אָבער היינט ווילן זיי פון גאָרניט וויסן; זיי דאַרפן זיך קריגן זייערס און פאַרטיק . . .

דערפאַר איז ער געזעסן איינמאָל ביים לאָיער אין אָפיס, ווען זיינער אַ קונד האָט באַנקראָטירט, און געבעטן זיך ביים לאָיער: — געפינט אויס, אפשר האָט ער „פּאַליסים״, אפשר „שערס״, אַז ניט בין איך אַן אומגליקלעכער מענטש, דער שאָדן וועט זיין דורכאויס מיינער. עס איז ניט אמאָליקע צייטן . . . — און געדאַכט האָט זיך, אַז אָט־אָט צעוויינט ער זיך.

דער לאָיער האָט אים פאַרזיכערט, אַז ער האָט גוט חוקר ודורש געווען, און אים געזאָגט שטיל אויפן אויער, אַז דער באַנקראָטירטער ווייס גוט פון געזעץ און ער האָט זיך גוט באַוואָרנט . . . פּונקט ווי ער, מאַרגאָלין האָט אמאָל געטאָן . . . און ער בעט אים, אַז ער זאָל זיך אויפירן ווי עס באַדאַרף צו זיין, זיך ניט בונטעווען, ווייל עס וועט זיין אומזיסט: „געזעץ איז געזעץ״ . . .

חוץ מאַרגאָלינען זיינען דאָרט געווען נאָך פיר קרעדיטאָרן, און אויבנאויף האָבן אַלע געשמייכלט. דאָס האָט געזאָלט מיינען, אַז זיי הויבט עס ניט אָן צו אָרן. דערפאַר, אָבער, האָבן זיי דעם באַנ־קראָטירטן אין זייערע הערצער „געבענטשט״: — זע נאָר, ווי ער זיצט און שמייכלט זיך אזוי? עס זאָל אין דיר אזוי פּלאַצן די גאַל, ווי אין מיר . . . — אָדער אַ שטייגער: — פאַרוואָס האָט ער זיך ניט צעבראָכן די פיס, ווען ער איז געקומען צו מיר קויפן קליידלעך!

מאַרגאָלין האָט אויף אים געקוקט ווי א וואָלף אויף א שעפעלע. לאָזט אים נאָר צו, און ער וועט אים ווייזן, ווי אזוי צו קומען און נעמען סחורה ווען ער האָט שוין געהאט די שלעכטע בשורה וועגן באַנקראָטירן, דער לומפּ!

דער לאָיער האָט זיי באַלד אַלעמען אונטערגערוקט לאַנגע בויגנס פּאַפּיר און געהייסן אונטערשרייבן. האָבן זיי געקוקט אין די פּאַפּירן. איינער האָט געוואָלט וויזן דעם צווייטן, אז ער ווייס

וואָס עס טוט זיך אין די קליינע אותיות . . . האָט מען כלומר׳שט ארויסגענומען שפּאַקולן און אָנגעזאָפּטלט אויף בייכיקע נעזער . . . ביים אונטערשרייבן איז דאָס צוגעגאַנגען אויף פאָלגנדיקן אופן: אַזוי שנעל ווי איינער האָט נאָר אונטערגעשריבן, האָט זיך דער צווייטער געטראַכט: „אַז ס׳לוינט זיך דיר, לוינט זיך מיר אויך!״ מאַרגאָלין איז געווען דער לעצטער זיך אונטערצושרייבן. ווי אויף להכעיס האָט דער לאָיער זיין פּאַפּיר באַטראַכט דאָס ערשטע. ער האָט זיך געררויטלט פון זיין חתימה, וואָס האָט אויסגעזען ווי צעקרימטע פלעקלעך. ער האָט געטראַכט זאָגן דעם לאָיער, אַז אַלעמאָל ווען ער איז ניט גוט געשטימט, קומט זיין חתימה אָט אַזוי ארויס. אָבער דער לאָיער האָט דאָס פּאַפּיר גלייך אַוועקגעלייגט און אַלעמען דערלאַנגט די האַנט. ווי איינער רעדט: „איר, דזשענטלמען, קאָנט שוין גיין צו אייערע געשעפטן! איך וועל שוין דאָס איבעריקע פאַרזאָרגן״.

איז געזעסן מאַרגאָלין ביי זיך אין אָפיס, דעם קאָפּ זיינעם אונטערגעשפּאַרט מיט ביידע עלנבויגנס, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַז ער וועט אים ארונטערפאַלן, און געטראַכט זיך: נו, ווער וועט איצט אויסשטיין די איבעריקע פּראָצענטן וואָס מ׳האָט אים אָנגעזעצט? אפשר זאָל ער אריינרופן דעם שאַפּ־טשערמאַן און אים זאָגן אַז בלויז פאַר דעם אומגליקלעכן חודש זאָל מען ארבעטן אביסעלע ביליקער?—ער שאַפּט זיך באַלד מיט זיין „בוקיפּערין״, וועלכע האָט די גאַנצע צייט מורא אַ וואָרט אויסצורייידן. ז י איז גראַדע צופרידן, וואָס ער האָט זיך מיט איר געשאַפט. דאָס איז אַ סימן אַז ער וועט שוין רעדן.

און אָט איז שוין דער שאַפּ־טשערמאַן אין אָפיס. מאַרגאָלין רעדט זייער ווייך, זייער פריינטלעך: „פאַר דעם וואויילזיין פון אַלע באַלמעלאָכעס אין שאַפּ . . . דער באַנקראָט טאָר ניט פאַלן אויף איינעם, עס וועט זיך אָפּרופן שלעכט״ . . .

זאָגט דער שאַפּ־טשערמאַן:

— אַז איר פאַרלירט געלט אין „סטאַקס״, דאַרפן מיר דאָס אויסשטיין?

צעשרייט זיך מאַרגאָלין:

— דאָס איז ניט דיינע ביזנעס!

זאָגט דער טשערמאַן, אז דאָס באַנקראָטירן איז אויך ניט זיינע ביזנעס . . . און נאָך איידער מאַרגאָלין וויל נאָך עפּעס זאָגן, איז שוין דער טשערמאַן נישטאָ.

צעשרייט ער זיך אויף דער „בוקיפּערין":

— וואָס היט איר מיך? גייט אַרויס! איך וויל זאָגן עפּעס, און צוליב אייך קאָן איך ניט . . .

דערנאָך האָט ער ניט געקאָנט פאַרליידן דאָס געזאַנג אין שאַפּ. האָט ער אַריינגערופן זיין פאָרמאַן און אים באַפוילן גלייך אָפּצו־שטעלן דאָס געזאַנג: — וואָס פאַר אַ זינגען אינמיטן דרינען? — האָט ער זיך געקאָכט. איז דער פאָרמאַן אַריין און געבעטן זיך, אז מען זאָל אים נאָכגעבן זיין שגעון, פאַרט אַ באַלעבאָס . . . האָט איין אַרבעטער אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַזוי ווי אָט דער שגעון איז ביי די באַלעבאַטים אַן אייביקער, לכן, דעריבער קאָן מען אַזאַ פאָדערונג נישט נאָכגעבן, און דאָס געזאַנג איז אַלץ געגאַנגען אין קראַפט.

האָט זיך מר׳ מאַרגאָלין אַליין „מטריח" געווען, איז אַריין מיט אַ שטורעם אין שאַפּ, גלייך עס וואָלט ביי אים געברענט אונטער די פּאַכוועס, און האָט זיך צעליאַרעמט:

— וואָס איז די גדולה אויף אייך, וואָס זינגט איר אַזוי?

האָט זיך אָפּגערופן אַ סאָפּראַנע:

— אַז מען זינגט, אַרבעט זיך געשמאַקער . . .

מאַרגאָלין האָט אויף איר אָנגעלאָדן זיינע בייזע אויגן — אויב דו וועסט זיין צו קלוג, וועסטו באַלד גיין אַהיים! — ער איז גע־שטאַנען און געוואַרט, אַז דאָס מיידל זאָל נאָר איין וואָרט זאָגן, און ער וועט צערייסן דאָס באַוול פון איר מאַשין. האָט דאָס מיידל אַריינגעשמייכלט אין מאַשין אַריין, און גראַדע געשוויגן. האָט דאָס אים געברענט ביז גאָר. אָט גראַדע איר האָט ער געוואָלט האָבן פאַרן ערשטן קרבן . . .

אָט אַזוי איז מאַרגאָלין געגאַנגען פון איין מאַשין צו דער צווייטער: — זינגט ניט! עס איז ניט קיין יום־טוב היינט. — דערווייל האָט ער שוין דערזען, אז דער מאַכט צו גרויסע שטעך, און נאָך איינער צו איינגעהאַלטן. לעבן טשערמאַן האָט ער זיך פאַרזאַמט

אביסל לענגער ווי לעבן יעדן אנדערן ארבעטער. ער האָט אים א קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע:

— העי, טשערמאַן, לויף ניט אזוי ווי א בלינד פערדל! פאר מיין געלט קאָן איך האָבן בעסערע גארמענטס! זע נאָר „סטיטשע־לער”, ווי מוראשקעס. אויב דו קאָנסט ניט ארבעטן בעסער, טוט מיר זייער לייד . . . פון היינט אָן און ווייטער וויל איך בלויז גוטע ארבעט.

דער טשערמאַן האָט זיך געבעטן:

— מיסטער מארגאָלין, לאָזט ארבעטן!

— דו ביזט א קאַליקע און דיר וויל איך ניט לאָזן ארבעטן· איז וואָס קומט מיר דערפאַר?

פּלוצים האָבן אלע, סיי יונג, סיי אלט, פארלייגט די הענט, ווי זיי וואָלטן זיך געהאַט אָפּגערעדט.

מארגאָלין איז בלייך געוואָרן און זיך צעפּיענעט:

— ברעכט ניט דעם אַגרימענט, זאָג איך אייך! הויבט גלייך אָן ארבעטן, אַז ניט וועט איר פארלירן די דזשאַבס. איך וואָרן אייך!

אָבער קיינער רירט זיך ניט צו צו קיין ארבעט. דער פאָרמאַן שטייט א פארלוירענער און ווייסט ניט וואָס צו טאָן. ער קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען. דער טשערמאַן זאָגט שמייכלענדיק:

— אַז מיסטער מארגאָלין וועט אויפהערן לעקטשורן, וועלן מיר אָנהויבן ארבעטן . . .

דער פאָרמאַן האָט אָנגעהויבן גלעטן דעם באַלעבאָס איבער די הענט:

— פּליז, רעגט זיך ניט אויף, מיסטער מארגאָלין!

דער טעלעפאָן אין אָפיס האָט זיך צעקלונגען און מארגאָלין איז געוועזן זייער צופרידן, וואָס ער האָט אַן אורזאַך אַוועקצוגיין פון דאַנען . . . און כמעט א פארשעמטער איז ער געלאָפן אין אָפיס. ער האָט גענומען דאָס טרובקעלע אין די הענט און איידער ער האָט אריינגערעדט אין טעלעפאָן, האָט ער א בורטשע געטאָן:

— גראָבע יונגאַטשעס!!!

# ארונטער פון זינען...

(הומאָרעסקע)

על. טי. וואַלדען איז שוין איצט אַ מיטל־יאָריקער מאַן. אַ זעקס־פוסיקער, מיט אַ שמאָלער טאַליע. זיין פּנים אַ לענגלעכס, ווי ביי אַ הירש, מיט בלויע אויגן און דינינקע וויעס; אַ קאָפּ בלאָנדע האָר, ערטערווייז שוין גרוי, וואָס האָט אויסגעזען ווי דער קאַליר פון קלייען. פון זיינע אויגן האָט צייטנווייז געשפּריצט אַן ענערגיש פייערל.

מיט יאָרן צוריק, ווען ער איז נאָך געווען אַ קאַלעדזש־סטודענט, האָבן אייניקע פּראָפעסאָרן זייער געלויבט זיינע לידער. זיי האָבן געזאָגט, אַז ס'איז דאָ האָפענונג, אַז וואַלדען זאָל מיט דער צייט זיין אַ באַרימטער דיכטער.

האָט זיך וואַלדען צופעליק דאַן באַגעגנט מיט אַ סטודענטקע און איז שטאַרק פאַרכאַפּט געוואָרן פון איר גלעקלדיק געלעכטער. ער האָט זיך געטראַכט, אַז מיט אַזאַ ווי זי קאָן מען קיינמאָל ניט זיין אומעטיק. ביי דער צווייטער באַגעגעניש מיט איר, איז אים זייער געפעלן געוואָרן אירע קיילעכדיקע ברוינע אויגן און ביים דריטן מאָל, איז ער אַנטציקט געוואָרן פון אירע חן־גריבלעך אין אירע בלאַסע באַקן. ער וואָלט געקאָנט שווערן, אַז זי איז דאָס איינציק מיידל, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ חן אין זיך. עס איז געוואָרן זיין וואונטש זי זאָל וואָס אָפּטער זיין לעבן אים. האָט ער אָן וועלכע עס איז צערעמאָניעס איר פאָרגעשלאָגן, אַז זי זאָל מיט אים חתונה האָבן. זי האָט אָן צערעמאָניעס אָנגענומען זיין פאָרשלאָג . . .

היינט, ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז פּרנסה וועט ווערן אַ פּראָבלעם ביי אַזעלכע צוויי געלערנטע מענטשן: זי, אַן אויסגעשטודירטע לערערין און ער — אַ באַגאַבטער פּאָעט.

דערווייל איז ער זיך געזעסן און געשריבן לידער. און זי האָט געוואַרט מען זאָל איר לאָזן ווייסן אין וועלכער סקול זי דאַרף גיין לערנען. האָבן זיך, אָבער, אויף זיי אָנגעלייגט זייערע בעלי־חובות. זיי האָבן געסטראַשעט, אַז זיי וועלן צוריקנעמען דאָס ביסל מעבל, מען וועט ארויסשטעלן אין גאַס. דער גראָסערימאַן האָט זיך אויך גע־

בונטעוועט. און צו דעם אלעמען האבן זיך באוויזן סימנים, אז זיין פרוי קלייבט זיך צו פארגרעסערן די משפחה זייערע . . .

האט זיך מישב געווען וואלדען און אוועק צו זיינעם א באקאנטן רעדאקטאר פון א בארימטער צייטונג און פאר אים געעפנט זיין הארץ. דער רעדאקטאר האט זיך געדרייט אויף זיין שטול, געווישט זיינע פארהוכקעטע אויגן־גלעזער און גערעדט זייער געלאסן:

— איך האב דיר ניט איינמאל געזאגט, אז לידער שרייבן ביי דער איצטיקער צייט איז א לוקסוס. איך בין זיכער, אז דו קאנסט זיך מאכן נוצלעך אויב דו זאלסט נאר וועלן.

אזוי ארום איז וואלדען ארויף ארבעטן אין זיין רעדאקציע — ניט אלס פאעט, נאר אלס טעגלעכער שרייבער אונטער א פארשטעלטן נאמען. זיין ארבעט איז באשטאנען פון צוגרייטן נעקראלאגן פאר די רייכע לייט, וואס וועלן פריער אדער שפעטער שטארבן.

ער איז ניט געווען צופרידן מיט זיין ארבעט. עס האט זיך אים שנעל דערעסן דאס ראיען זיך אין די ביאגראפיעס פון די רייכע לייט, באפוצן דאס לעבן פון א הולטאי, מאכן אים פאר א וויכטיקער פערזאן אין געזעלשפטלעכן לעבן, און לויבן מתים, וואס ער האט אזוי פיינט געהאט ביי זייער לעבן . . .

איז אים איינמאל איינגעפאלן א געדאנק. אויב ער טוט אזא ארבעט, וואס ער האט אזוי פיינט, פארוואס זאלן מענטשן ניט וויסן פון דעם? פארוואס זאל ער ניט אנשרייבן זיין אייגענע לעבנס־געשיכטע? אויף וועמען וועט ער זיך פארלאזן צו שרייבן נעקראלאגן איבער אים, ווען ער וועט שטארבן? ווער פאראינטערעסירט זיך מיט אים און ווער ווייסט דען וואס עס טוט זיך ביי אים אין הארצן?

און אזוי האט וואלדען זיך א נעם געטאן שרייבן זיינע איבער־לעבונגען מיט אזא מין נוסח: געווען אזא און אזא מאן, האט ער זייער ליב געהאט צו שרייבן לידער. האט מען אים געהייסן שרייבן דאס וואס ער האט געהאסט: לויב־געזאנגען איבער פעטע מתים.

אויסגעלאזט האט ער אזוי: ער לאזט ניט איבער קיין פארמעגן. זיין פארלאנג איז, אז מען זאל אויף זיין קבר ניט וויינען, אז זיין ליבע פרוי זאל דערציען דעם זון אזוי, אז מען זאל אים ניט קאנען אפנארן. זאל ער ארבעטן פאר א וועלט, וואו מענטשן זאלן קאנען לעבן לויט זייער אייגענעם וואונטש.

ווען ער איז פּאַרטיק געוואָרן מיט זיין קורצער ביאָגראַפּיע, האָט ער דאָס אוועקגעלייגט צווישן אַלע „בכבוד'יקע" מאַנוסקריפּטן און ווידער זיך גענומען צו זיין באַשטימטער אַרבעט.

דאָס מאָל איז ער געזעסן מיט אַ ביסל אַ רואיקערן געמיט. ער האָט זיך אַביסל אַרונטערגערעדט פון האַרץ.

דאַרף זיך מאַכן, אַז וואָלדען זאָל אוועקפאָרן אויף זיין וואַקאַציע און דאָ אין שטאָט זאָל געבן אַ שטאַרב אַפּ אַ מיליאָנער, וואָס זיין נאָמען איז אויך געווען וואָלדען. דער אונטערשייד איז בלויז געווען אין דעם ערשטן נאָמען. אָבער אין גרויס איילעניש, האָט מען זיך אויף דעם ניט אומגעקוקט. אָט אַזוי איז אַריין אין דרוק דער נעקראָלאָג פון דעם לעבעדיקן שרייבער וואָלדען, מיט דער לעצטער פאָטאָגראַפּיע פון דעם נאָר־וואָס פאַרשטאָרבענעם מיליאָנער וואָלדען.

ווען די צייטונג האָט זיך באַוויזן אין גאַס, איז געוואָרן אַ גערודער. די טעלעפאָנען פון דער רעדאַקציע זיינען געגאַנגען כּאָדראָם און דער רעדאַקטאָר איז שוין געווען הייזעריק פון ענטפערן יעדן איינעם.

וואָלדענ'ס פרוי איז גלייך אוועק צו איר מאַן, וועלכער האָט זיך געפונען אויף זיין וואַקאַציע, אויסצוגעפינען צי לעבט ער נאָך.

אַ ריזיקער אויטאָמאָביל מיט גאָר נאָענטע קרובים פון דעם פאַרשטאָרבענעם מיליאָנער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער רעדאַקציע און באַלד זיינען אַלע אַרויף מיט אַ שטורם אויפן רעדאַקטאָר: אַזאַ סקאַנדאַל! זיי וועלן קראַפּירן. די אַלמנה איז געוואָרן היסטעריש, געכליפּעט אָן אויפהער.

דער אַרויסגעבער האָט זיי איינגעשטילט. ער האָט זיי צוגעזאָגט אַרויסצוגעבן גלייך אַן „עקסטרע". ער האָט זיי פאַרזיכערט, אַז דער ענין וועט פון אים אַליין אויסגעפאָרשט ווערן און עס וועט יענעם ניט געשענקט ווערן.

די קרובים האָבן זיך ערשט דאַן באַרואיקט, ווען זיי האָבן געלייענט אין דער ספּעציעלער אויסגאַבע אַ דערקלערונג פון דעם רעדאַקטאָר, אַז איינער פון די מיטאַרבעטער איז פּלוצים אַרונטער פון זינען. די סיבה איז דערווייל נאָך ניט באַשטימט. און באַלד נאָכדעם איז געווען געדרוקט די צוגעפּאַסטע נעקראָלאָגן.

דעם זעכבן טאָג נאָך האָט דער לעבעדיקער וואָלדען דערהאַלטן א טעלעגראַמע, אַז ער קאָן פאַרבלייבן אויף זיין וואַקאַציע אויף אַלע־מאָל.

---

# באַלעבאָסטעס

מרס. לעאָנאַרד האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם איין־פאַמיליע הויז, וואָס ווערט באוואוינט פון די קרוגערס. זי האָט גערופן:

— מרס. קרוגער! מרס. קרוגער!

מרס. קרוגער האָט ארויסגעשטעקט איר צעשויבערטן קאָפּ, צו־זאַמענגענומען איר געבלימלטע קימאָנע, זיך אריבערגעבויגן איבערן האלב־אָפענעם פענצטער, גרייט צו הערן וואָס איר שכנה פארלאנגט.

— איך גיי צום סטיישאָן נאָך א שווארצער. ברענגען אייך איינע?

— א שיינעם דאנק אייך, מרס. לעאָנארד. איך דארף סיי ווי סיי זיין ארום יענער געגנט.

— ניט, איז ניט, — האָט מרס. לעאָנארד זיך כלומר'שט אָנ־געבלאָזן. אין דער אמת'ן איז זי געווען צופרידן וואָס זי וועט ניט דארפן באדינען מרס. קרוגער. זי האָט איר פיינט פשוט דער־פאַר, ווייל זי איז פארמעגלעכער פון איר. צוויי דער־וואקסענע מענטשן מיט איין קינד בלויז באוואוינט מען זיבן צימערן גלייך מיט איר פאמיליע, וואָס באַשטייט פון זעקס דערוואקסענע מענטשן. דערצו האָבן די קרוגערס א שפּאָגל־נייע קאר . . .

מרס. קרוגער האָט א שמייכל געטאָן.

— כ'האָב אייך געוואָלט איינשפּאָרן אַ גאַנג.

— „טהענקיו דזשאָסט די סעים".

אויפן סאָבווי־סטיישאָן זיינען שוין געשטאנען א צאָל נעגער־פרויען און געווארט, אז עמיצער זאָל קומען דינגען זיי צו ראַמען פרעמדע הייזער.

אמאָל האָבן זיי געהאט דאָ אויף דער סטאנציע גענוג לאנגע בענק. זיינען זיי אלע געזעסן און ניט אזוי שנעל מיד געוואָרן. האָט די „סאָבוויי קאָמפּאני" זיי ניט פארגונען און צוגענומען די בענק. דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט א כיוון, אז די נעגער־פרויען, וועלכע קריגן ניט קיין ארבעט, זאָלן זיך ניט קאָנען איינשפּאָרן דעם ניקל צו פאָרן צוריק אהיים. דער רעכענונג פון דער קאָמפּאני איז געווען, אז די שטייענדיקע וועלן שנעל מיד ווערן און ארויסגיין אויף דער

עוועניו, שפאצירן אביסל און דערנאָך, ווען זיי וועלן קומען צוריק, וועט דער „ניקל־פּרעסער" ניט דורכלאָזן, ביז מען וועט אים פאַרשטאָפּן דאָס מויל.

דער פּאָרטער פון דער סטאנציע איז געשטאנען אויף א לייטער, געווישט אן עלעקטרישן לאָמפּ, וואָס איז ארונטערגעהאנגען פון דער סטעליע און בעת מעשה געכאפּט א קוק אויף די מידע נעגער־פרויען.

באלד האָט ער אָנגעהויבן פלירטן מיט א יונגער נעגערטע. ער האָט זי איינגעלאַדן זי זאָל ארויף צו אים אויפן לייטער, וועט זי האָבן א פּלאַץ צום זיצן. דאָס מיידל האָט זיך צעלאַכט, זי האָט זיך אזש געבויגן אין דרייען און פאַרוואָרפן מיטן קאָפּ. געלאַכט הויך אויפן קול מיט א קוויטש. די מערסטע נעגער־פרויען זיינען באַווירקט געוואָרן פון איר געלעכטער און מיטגעלאַכט.

ווען מרס. לעאָנארד האָט זיך באוויזן, איז דער געלעכטער אי־בערגעריסן געוואָרן. בלויז פון צייט־צו־צייט האָט זיך דערהערט א צעפּיצלט געלעכטער. מרס. לעאָנארד האָט זיך ארומגעדרייט לעבן די אייזערנע גראַטעס, ווי ארום א שטייג מיט עופות. זי האָט בא־טאַפּט מיט אירע בליקן די נעגער־פרויען, געזוכט עפּעס א יונגע, א געזונטע, אז זי זאָל איר אָפּפּאַרטיקן די הויז־ארבעט נאָך היינט, ווייל מאָרגן דאַרף זי פאָרן צו א פּאַרטי. זי האָט געטראַכט, אז פאַר די זעלבע דרייסיק סענט א שעה, קאָן זי קריגן א רירעוודיקע. זי האָט באלד א וואונק געטאָן צו איינער, די אינגסטע פון אלע און א צו־פרידענע אוועק מיט איר.

ארום צוועלף אזייגער זיינען די אויסבראַקירטע געפּאָרן אהיים. בלויז מערי, א הויכע, דאַרע פרוי, איז געבליבן. זי וועט נאָך אונטערוואַרטן אביסל האָט זי געטראַכט: וואָס וועט זי אָנווערן? אין דער היים ביי איר איז נאָך ענגער ווי דאָ. אפשר אמאָל האָט זיך א „לעידי" פאַרשלאָפן, ווי עס האָט פּאַסירט לעצטע וואָך. זי האָט זיך שוין דאָן געקליבן אהיים פאָרן, איז אָנגעקומען איינע און זי האָט איר געגעבן צו פאַרדינען. מערי האָלט דאָס פאַר א סוד, זי זאָגט דאָס ניט אויס צו די אנדערע נעגער־פרויען . . .

מרס. קרוגער, אן אויסגערוטע, א זאַטע, איז באלד אָנגעקומען. זי האָט אָפּגעמאָסטן מיט אירע גרינע אויגן די הויכע דאַרע פרוי און געבליבן שטיין א ברוגז'ע. זי האָט זיך געטראַכט: זע נאָר וועמען

מ׳האָט מיר איבערגעלאָזן? אָבער פאַרפאַלן, דערפאַר וועט מערי גיין אַרבעטן פאַר אַ בילי־קערן פרייז. אָט דאָס וואָס מרס. קרוגער האָט געוואָלט.

און מערי האָט זיך אונטערגעגעבן.

מרס. קרוגער איז שפּעטער געזעסן מיט אַ צייטונג אין די הענט און אכטונג געגעבן, אַז מערי זאָל אַרבעטן פלייסיק און איר אַזוי נאָכגעגאַנגען פון איין צימער אין צווייטן. אַז זי וועט מאַכן אַ גוטן „דזשאָב", וועט זי האָבן ביי איר אַ פּאָר טעג אַרבעט יעדע וואָך און זי האָט איר צוגעזאָגט אַ גוטן מאָלצייט.

אין אָוונט, ווען דער מאַן איז אַהיים געקומען, האָט אים מרס. קרוגער דערציילט, ווי אַזוי זי האָט אויסגעכיטרעוועט איר שכנה, מרס. לעאָנאַרד, און געשפּאָרט געלט.

דער מאַן האָט איר אַ גלעט געטאָן איבער איר ווייסן האָלדז און גערעדט צו איר ווי צו אַ קינד:

— אַזוי, „דאַרלינג", דו פאַרדינסט מיר שוין געלט?

— און דו האָסט געמיינט, אַז איך קאָן בלויז פאַרלירן? דו ווייסט וואָס נאָך? איך האָב באַשטעלט, אַז זי זאָל וואַשן און פּרעסן. עס וועט קאָסטן אַ העלפט ווי אין „לאָנדרי".

— אָט דאָס הייסט אַ באַלעבאָסטע, — האָט דער מאַן געשפּאַסט.

מרס. קרוגער האָט זיך געטוליעט צו איר מאַן.

— פּליז, דזשעק, דערצייל דאָס ניט דער מרס. לעאָנאַרד. זאָל זי צאָלן דעם רעגעלן פּרייז, דו הערסט?

דזשעק האָט איר פאַרשפּראָכן ניט צו דערציילן.

# אַ טרייסט

גאַרסאָן האָט זיך דערוואוסט, אז זיין חבר סטאוקס איז פאַר־וואונדעט געוואָרן. ווי ערנסט, האָט ער נאָך אליין ניט געוואוסט. די אמעריקאנער וואָלונטירן האָבן צווישן זיך גערעדט וועגן סטאוקס׳ן במעט סודות׳דיק, ניט געוואָלט אז גאַרסאָן זאָל פון דעם הערן, ווייל זיי האָבן שוין געוואוסט, אז זיין צושטאַנד איז שוין אזוי אויך צע־פאָרן פון די גרויזאַמקייטן, וואָס ער האָט אויפן פראָנט צוגעזען. די נערוון זיינע הענגען פשוט אויף א האָר. אָפטמאָל, טרעפט מען אים זיצן אין א ווינקל און וויינען. אז מען מוסר׳ט אים, שטעלט ער זיך אויף, שפּרייט אויס זיינע הענט ווי צוויי פליגלען און הויבט אָן טרויעריק רעדן:

— גאָט מיינער, ווי אזוי קאָן א וועלט צוזען אזא חורבן? צי דאַרף מען זיי אלע אהער ברענגען צו זען די אכזריות? לייענען זיי דען ניט קיין צייטונגען?

די וואָלונטירן פלעגן אים ווי א קינד איינגעמען, טרייסטן אים, אז עס ווייזן זיך סימנים פון פּראָגרעס אויף דער וועלט. מיליאָנען מענטשן פאָדערן פון זייערע מלוכות צו העלפן דעם בראַוון פאָלק, וועלכן זיי זיינען געקומען העלפן.

גאַרסאָן האָט מיט זיינע צעשראָקענע אויגן געקוקט יעדן סאָל־דאַט אין מויל אריין, זיי דאַנקבאר געוועזן פאַר זייערע טרייסט־ווערטער. זיי פארשטייען אים אזוי גוט! זיין געמיט איז געוואָרן רואיקער. ער האָט שוין אויפסניי געקאָנט קוקן אויף די ביקסן, וועל־כע זיינען אין א הילצערנעם געשטעל געווען אויסגעשטעלט פונקט אנטקעגן. אָט וועט ער איצט רייניקן זיין ביקס . . .

דאָך, מיט א פּאָר טעג שפּעטער, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אז זיין נאָענטער חבר סטאוקס איז בלינד געוואָרן, פארלוירן זיין ראיה, האָט ער זיך גענומען יאָגן, ניט געוואָלט מער הערן קיין טרייסט־ווערטער. זיין הארץ האָט געוויינט אין דער שטיל:

„ס׳איז א פינצטערע וועלט! ווער וויים צי קאָן אים שוין אי־מיצער העלפן . . . היינט האָט דער אומגליק פּאסירט מיט סטאוקס׳ן, מאָרגן מיט אים אליין, און איבערמאָרגן" . . .

גאַרסאָן האָט זיך געדרייט אויף די צעקרימטע וועגן, וועלכע

פירן צום לאַזאַרעט, וואו סטאַוקס ליגט. ער האָט באַטראַכט די וויסטעניש ארום און געהערט פאַרצווייפלטע קולות פון מוטערס, וועלכע ווילן ראַטעווען זייערע קינדער פון דעם שונא׳ס ווילדע הענט, פון די עראָפּלאַנען, וואָס האָבן געזייט טויט. זיינע פויסטן האָבן זיך, ווי אָן זיין וויסן, א הויב געטאָן ארויף און פון צווישן זיינע קריצנדיקע ציין האָבן זיך קללות געריסן. ער איז שטאַרק מקנא געווען די אייגענע לאַיאַליסטישע פליער, וועלכע קאָנען נקמה נעמען מיט זייערע אייגענע הענט . . .

ער האָט זיך גענומען רוקן ביי די שטיינערנע ווענט, ווי איינער, וואָס קלייבט זיך ערגעץ אריינ׳גנב׳ענען און געטראַכט, אז ער וועט כטאוקס׳ן מיט קיין איין וואָרט ניט קאָנען טרייסטן: וואָס וועט ער אים זאָגן? וואָס וועט דער בוך-מענטש טאָן אָן זיין ראיה? ער האָט זיך גענומען ווישן מיט די שפּיץ-פינגער די ווינקלען פון זיינע אויגן:

— עס קומט דאָך אויס, אז מען וועט פאַר אים דאַרפן פאַרלייענען אַלץ ווי פאַר א קינד . . . סטאַוקס וועט דאָס ניט איבערלעבן!

ער האָט זיך אָנגעהויבן דערמאָנען אָן דער צייט, ווען ביידע זיינען געגאַנגען אין קאַלעדזש, וועגן די שאַרפע עסייען, וואָס סטאַוקס האָט געשריבן, ווי פּראָפעסאָרן האָבן די נעזער געקאָרטשעט. אָבער זיין, סטאַוקס׳ פּנים, האָט געלויכטן, די סטודענטן האָבן דאָך געהערט. דאָס אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט. אָט קלינגט אָפּ אין זיינע אויערן די גוטע נאַכריכט אז ענדלעך האָט ער שוין א שטעלע אַלס לערער. דאָס מיידל גלעדיס, סטאַוקס׳ געליבטע, טוליעט זיך צו אים ווי א קינד, ס׳איז איר אזוי גוט: און וואָס וועט איצט זיין? . . .

גאַרסאָנ׳ען איז פּלוצים איינגעפאַלן, אז ער זאָל זיך אינגאַנצן אומקערן צוריק. ער האָט גענומען קריגן רחמנות אויף זיך אליין. ער וועט דאָס ניט איבערטראָגן . . . ער וועט דאָך בלייבן שטיין ווי א נאַר פאַר סטאַוקס׳ן און ניט וויסן וואָס צו זאָגן.

— נו, אַהין אָדער אהער! — האָט ער דערהערט אָן אינערלעכן באַפעל.

און פּלוצים, ווי אימיצער וואָלט אים געהאַלטן פאַר די פּלייצעס און געטרייסלט, האָט ער זיך צערעדט:

„שוין פאַרגעסן דעם זיג ביים עברא טייך? האָסט דאָך אליין

מיט אזוי פיל פייער וועגן דעם גערעדט! עס האָט דאָך געקלונגען ווי א לעגענדע — אָבער ס׳איז געווען אמת״.

ער, גארסאָן, איז דאָך אליין דאָרט געווען. נו, גוט, וועט ער טאַקע דערמאָנען דאָס זיין חבר סטאוקס. מען גיט קרבנות, אָבער דער ליכטיקער טאָג קומט! ניין, ער וועט אים ניט דערמאָנען דאָס וואָרט „ליכטיק״ — פאר קיין פאַל ניט . . .

אין לאַזארעט האָט אויסגעזען ווי גארסאָן וואָלט געווען דער בלינדער. ער האָט זיך עפּעס אזוי מאָדנע געשאַרט ארום די ווענט, קוים געשטעלט די פיס זיינע . . . ער האָט שוין באַצייטנס געהערט סטאוקס׳עס קול, ווי פון א קבר ארויס:

„גארסאָן, מיין לעבן האָט שוין גאָר קיין ווערט ניט. פינצ־טער, שטאָק פינצטער! אלץ איז פאַראיבער!״

אז סטאוקס האָט זיך דערוואוסט, אז זיין חבר גארסאָן געפינט זיך אין לאַזארעט, האָט ער זיך גלייך אויפגעזעצט אויפן בעטל און גערופן הויך אויפן קול:

— גארסאָן, קום נעענטער! לאָמיך פילן דיין אָטעם! . . .

איז גארסאָן שוין געגאַנגען שנעלער. שוין געוואָלט האָבן איבערגעקומען דעם טרויעריקן באַזוך זיינעם . . . „ער וועט דאָס מוזן מאַכן קורץ און שאַרף״, האָט ער באַשלאָסן. זיינע נערוון זיי־נען שוין ביי אים געווען גענוג אָנגעצויגן . . .

סטאוקס האָט געפירט זיינע ווארימע הענט איבער גארסאָנ׳ס אָרעם. דערנאָך זיך אָנגעהויבן נאָכצופרעגן אויף דעם און אויף יענעם. וואָס מאַכט דער? און וואָס מאַכט יענער? און באַלד האָט אָנגעהויבן שפּראָצן א שמייכל אויף זיינע בלייכע באַקן. אין א טאָן פון א זיגער האָט ער אָנגעהויבן רעדן:

— ס׳איז זיי ניט געלונגען מיך צו פארניכטן! מיין צונג איז געבליבן שאַרף, אפשר נאָך שאַרפער ווי פריער. איך וועל פאָרן פון לאַנד צו לאַנד, און פאַר אלע מענטשן דערציילן וועגן דעם שווידער, וואָס רוקט זיך אויף דער וועלט. קיינער וועט מער ניט קאָנען בלייבן גלייכגילטיק! מיינע אויערן וועלן הערן דאָס געזאַנג פון א נייער וועלט . . . מיינע אויגן וועלן . . .

גארסאָן האָט שוין מער ניט געהערט וואָס סטאוקס האָט גע־רעדט. ער איז געבליבן זיצן פארזונקען אין טרויער, געשאָלטן זיינע

אייגענע צעפּיעשטשעטע נערוון, וועלכע פאַרפינצטערן פאַר אים זיי־
נע טעג; ער איז מקנא געווען זיין חבר סטאוקס׳ן, וואָס האַלט זיך
אַזוי בראַוו, ווען זיין אייגן וועלטל איז חרוב געוואָרן . . . ער איז
איצט געווען ווי א פארשעמט אינגל אין דער אָנוועזנהייט פון דער־
וואקסענע. סטאוקס האָט אים נאָך באַדאַרפט טרייסטן . . . דאָס
וועט ער קיינמאָל ניט פאַרגעסן, קיינמאָל ניט!

# אַ טשיקאַווע מעשה מיט אַן ארבעטלאָזן פּרעסער

אַלע, וואָס קאָנען בערקע'ן, ווייסן, אז ער איז אן אויפריכטיקער מענטש, און אז ער האָט ליב זיינע ברידער־ארבעטער, אפילו איצט, ווען ער איז א געקריוודעטער.

אין אָפּיס פון דער יוניאָן רופט מען בערקע'ן: „דער אמת־זוכער". דערפאר ליידט ער אין הלכות פרנסה מער פון אנדערע ארבעטער . . .

היינט האָט בערקע געארבעט. יודל, א גוטער פריינט זיינער, איז קראנק געוואָרן, האָט ער געארבעט אויף זיין פּלאַץ, און בערקע איז באהאנדלט געוואָרן פונקט אזוי גוט, ווי זיין פריינט, וואָס איז א תושב אין שאַפּ.

די פּרעסער האָבן אים עטלעכע מאָל דורכן טאָג געזאָגט:

— בערקע, יאָג זיך ניט. נעם א וואָרט אין מויל אריין. רוי־כער, אויב דו ווילסט, און אויב דו ביסט דאָרשטיק, איז אָט שטייט א גלאָז, גיי און טרינק.

וואָלט דאָך בערקע היינט באדארפט פילן בעסער ווי נעכטן, ווען ער איז געזעסן אין אָפּיס פון דער יוניאָן, איינגעהויקערט, און באפאלן געוואָרן פון א נארישעוואטן שלאָף. אלעמאָל האָט ער פארוואָרפן מיטן קאָפּ און זיך אָנגעקלאפּט אָן עמיצנס ברוסט. און די פּרעסערס האָבן זיך געשושקעט צווישן זיך:

— אפשר מאכט ער א קערטל ביינאכט — ווער קאָן ווי'סן . . .

פילט, אָבער, בערקע היינט פיל ערגער ווי נעכטן. ניט, חלילה, ווייל ער האָט פיינט צו ארבעטן.

אָט אזוי שטייענדיק ביי דער ארבעט איז בערקע'ן ארייגגע־פלויגן א שלעכטע מחשבה אין קאָפּ אריין — וואָלט דען ניט גע־ווען א יושר, אז זיין פריינט יודל זאָל אזוי גיך ניט געזונט ווערן . . .

בערקע האָט אָנגעהויבן שנעל פאָרן מיטן פרעס־אייזן, גלייך ווי ער וואָלט וועלן פארפרעסן דעם קנייטש, וואָס די שלעכטע מחשבה האָט געמאכט אין זיין מוח . . .

אָבער אומזיסט איז געווען זיין האָרעוואניע — די שלעכטע מחשבה האָט זיך נאָך מער צעבאַלעוועט.

— וואו שטייט דאָס געשריבן, אז יודל מוז אלעמאָל ארבעטן, און דו, בערקע, ניט?

בערקע איז געבליבן שטיין ווי איינער וואָס אָט־אָט חלש'ט ער אוועק, און ווען איינער פון די פרעסערס האָט אויף אים אין יענעם מאָמענט א קוק געטאָן, האָט זיך בערקע'ן געדאכט, אז יענער ווייס וועגן וואָס ער טראכט . . . און ער האָט געפילט ווי אויסשרייען, אז אלע זאָלן וויסן וועגן דעם שלעכטן געדאנק וואָס האָט זיך אָנגעזעצט אויף אים.

ווען ער האָט געענדיקט דעם טאָג ארבעט, האָט אים איינער פון די פרעסערס ברידערלעך געפרעגט:

— בערקע, דארפסט האָבן א פּאָר סענט? שעם זיך ניט.

בערקע האָט געשוויגן. און ווען ער האָט געקראָגן די פּאָר דאָלער, האָט ער זיי, צעקנייטשטע, ווי איינפאכע שטיקלעך פּאפּיר, אריינגעלייגט אין קעשענע און מורא געהאט צו פרעגן, צי זאָל ער אריינקומען מאָרגן אָדער ניט. ער האָט זיך געלאָזט גיין צום טיר. דער פרעסער, וואָס האָט אים נאָר־וואָס דאָס געלט געגעבן, האָט אים אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

— ביזט עפּעס ניט צופרידן? זאָג.

— צופרידן, צופרידן, — האָט בערקע אומגעדולדיק געענטפערט.

— קום־צו מאָרגן אויסגעפינען.

— איך האָף, אז יודל וועט אריינקומען, — האָט בערקע געזאָגט, און געפילט, אז עפּעס שטיקט אים אין האלדז, גלייך ווי ער וואָלט דאָס ניט געמיינט.

אין סאָבוויי. ווען בערקע איז געפאָרן אהיים, האָט ער זיך אליין גע'מוסר'ט: — בערקע, וואָס איז פון דיר געוואָרן? ווי אזוי וועסטו זיך באַגעגענען מיט יודל'ען? ווי אזוי קענסטו וועלן, אז דיין פריינט זאָל זיין אי קראַנק, אי געזונט אין דער זעלביקער צייט?

בערקע איז אריינגעקומען אין הויז ארײן א דערשלאָגענער. ער האָט ארויסגענומען די צעקנייטשטע פּאפּירלעך פון קעשענע און אוועקגעלייגט אויפן טיש. די פּאפּירלעך האָבן זיך אָנגעהויבן אויסגלייכן פון זיך אליין, ווי עפּעס א לעבעדיק וועזן וואָלט אין זיי געווען איינגעוויקלט.

בערקע'ס פרוי איז געוואָרן פרייליך. זי האָט אין איר מוח אָנגעהויבן חשבונ'ען, ווי אזוי אויסצעטייטשן דאָס געלט צווישן אירע בעלי־חובות.

— הלואי אויף מאָרגן געזאָגט געוואָרן — האָט די פרוי גאנץ אומשולדיק א זאָג געטאָן.

בערקע האָט זיך צעשריען:

— הער אויף פּלאפּלען!

די פרוי איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל. זי האָט גע־טראַכט, אז ער איז שוין אָפּגעוואוינט פון דער ארבעט, דערפאר פילט ער זיך אזוי שלעכט. זי וועט מיט אים מער ניט רעדן וועגן ארבעט, האָט זי באשלאָסן.

— נו, וואש זיך ארום, בערקע, און גיי עסן!

— איך בין ניט הונגעריק . . .

— פילסט עפּעס ניט גוט?

בערקע האָט גאָרניט געענטפערט. ער האָט זיך ווי א שיכור ארייגעהוידעט אין א צווייטן צימער אין די קליידער זיך א שליי־דער געטאָן אויפן בעט, צוגעמאכט די אויגן, געריבן זיך דעם שטערן אָן אויפהער, דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן ציילן אזוי גיך, אז ער האָט אליין ניט געוואוסט וואו ער האלט אין חשבון.

די פרוי איז באלד ארייגעקומען, זי האָט אָנגעהויבן גלעטן זיין צעשויבערטן קאָפּ האָר, געטאַפּט זיין שטערן און מוטערליך געפרעגט:

— בערקע, שלאָפסטו?

בערקע האָט זיך געמאכט, אז ער הערט ניט. באלד האָט ער א טראכט געטאָן:

„אפשר דערציילן איר? וועט זי אים אויסרעדן דאָס הארץ אביסל: — וואָס איז ער שולדיק, אז אזא געדאנק האָט זיך צו אים ארייגגע'גנב'עט?"

עס איז שוין געווען באלד טאָג, ווען בערקע איז אנטשלאָפן געוואָרן. און גלייך — א חלום: זיין פריינט יודל איז שוין מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע, און די פרעסערס פון שאָפּ בעטן אים, אז ער זאָל ארויפקומען ארבעטן, און ער זאָגט: ניין, ער טאָר ניט ארויפגיין. די פרוי בעט זיך ביי אים: — וואָס ביזטו שולדיק?

די לעבעדיקע דארפן ברויט. ער צעשרייט זיך הויך אויפן קול:

— איך וועל ניט גיין!

די פרוי האָט אים אָנגעהויבן טאָרען:

— בערקע, וואָס שרייסטו?

בערקע האָט זיך אויפגעכאפּט און אָנגעהויבן רייבן זיינע אויגן און זיך טיף איינגעקוקט אין זיין פרוי, גלייך ווי ער וואָלט זי ניט דערקענט. ער האָט זיך גע'ישוב'ט: זאָל ער זיך נאָך צולייגן אביסל שלאָפן, אָדער גיין אויסגעפינען, וואָס זיין פריינט יודל מאַכט.

באַלד איז ער געשטאַנען אויף די פיס. א טרונק געטאָן א גלאָז קאַלטע וואַסער, באַנעצט זיין טרוקענעם גומען און אוועק אין שאַפ אריין. ער איז געווען זייער פּאָרזיכטיק, אז קיינער זאָל אים ניט באַמערקן. און אז ער האָט דערזען ווי זיין פריינט יודל שטייט שוין צוריק אויף זיין אָרט לעבן פּרעס־טיש און וויגט זיך הין און אהער, דאָס אייזן גליטשט זיך פריילעך אין זיינע הענט, האָט בערקע אין הארצן אָנגעהויבן צו זינגען, גלייך ער וואָלט די מינוט באַגליקט געוואָרן . . .

# צו אַ מנין

עס איז געווען אַ כמאַרנער פרימאָרגן. מר. גרין האָט ארויסגע־קוקט דורך א פענצטער פון זיין וואוינונג און באַשלאָסן, אז עס וועט אזוי גיך ניט רעגענען. ער האָט אָנגעהויבן אונטעראייזן זיין איי־דעם, וועלכער האָט זיך ניט אויפגעהערט פוצן.

— ריר זיך, סאלי! איך וועל שוין קריגן א סוף פון דעם מוהל.

סאל האָט זיך געקאָכט:

— ער איז ניט קראַנק צו וואַרטן — ער קריגט גוט באַצאָלט.

— שווייג, דו אַנטיסעמיט, הער אויף שילטן. — האָט דער שווער זיך צעבייזערט.

אויפן וועג, גייענדיק צו דער קינפעטאָרין אין שפיטאל אריין, האָבן ביידע געשוויגן. ביידע זיינען געווען פארטיפט אין זייערע אייגענע מחשבות.

דער שווער האָט געטראַכט וועגן זיין קראָם: אַלץ גייט מיט דער פוטער אראָפּ. ווען דער איידעם זאָל ניט זיין אזא פוילער און וועלן גיין צוריק אין שאָפּ אריין ארבעטן, וואָלט געווען זייער גוט.

סאל האָט זיך איצט דערמאָנט אָן זיינע בחור׳שע יאָרן. אז עס איז ניט געווען איין בויערן־באל, אז ער זאָל געווען אויספעלן. שטענ־דיק איז ער ארומגעגאנגען מיט א בוך אונטערן אָרעם און איצט דאַרף ער זיך גאָר שלעפּן פּראַווען א ברית: — וואָס וועלן זיינע פריינט זאָגן ווען זיי וועלן אויסגעפינען? — גיי דערציייל זיי, אז דער שווער האָט אים באַפרייט פון שאָפּ, דערפאַר קאָן ער ניט גיין קעגן אים.

עס האָט אָנגעהויבן גיין א דריבנער רעגן. סאל האָט אויפגע־שטעלט זיין קאָלנער און געווענדעט זיך צום שווער:

— לאָמיר נעמען אַ טעקסי.

דער שווער האָט אים אָנגעקוקט בייז:

— עס איז דיר גוט, דו ווילסט ניט ויסן וואו עס האלט מיט די „ביזנעס״?

— אָבער איך מוז זיך ניט פארקילן צוליב אייער ברית.

— מיין ברית? — האָט דער שווער א קוק געטאָן אויף סאל׳ן א דערצאָרנטער, אים גרייט געווען צו דערלאַנגען פּעטש.

— איך וואָלט זיך געקאָנט באַגיין אָן דער צערעמאָניע . . . ביי

מיר וואָלט דער בחור געהייסן קראַפּאַטקין: — ניט קיין שיינער נאָמען, אפשר?

— הער שוין אויף פּלאַפּלען, איך קאָן דאָך דיר זייער גוט, וואָס דו זאָגסט, מיינסטו דען? — האָט דער שווער איבערגעשלאָגן.

אזוי שנעל ווי דער שווער מיט דעם איידעם זיינען נאָר אריבערגעטראָטן די שוועל פון דעם גרויסן ווייסן צימער, וואָס איז ספּעציעל צוגעגרייט פאר ברית'ן, איז דער מוהל, אן אויפגערעגטער, זיי אנטקעגנגעלאָפן. ער האָט ארויסגעצויגן זיין שווערן גאָלדענעם זייגער, א קוועטש געטאָן אין קעפּל, און דאָס קיילעכדיקע טירעלע איז אויפגעשפּרונגען.

— איר זעט ווי שפּעט עס איז שוין? — „וואַטסעמערע", שוין א שטונדע אז איך ווארט דאָ. פארגעסט ניט אז כ'האָב נאָך ברית'ן באַריכאַשעם.

דער שווער האָט זיגרייך א קוק געטאָן אויף סאָל'ן:

— נו, וואָס זאָגסטו עפּעס אצינד, תכשיט מיינער? האָסט געדענקט אז דו ביסט איינער אויפן יאַריד?

באלד האָט ער אים פארקלאָגט פארן מוהל: — היינטיקע איידעמס, ווען איך לאָז דאָס צו אים, גיט ער דעם קינד א נאָמען נאָך א גוי . . .

דער מוהל האָט בייז ארויסגעקוקט דורך זיינע געשליפענע שפּאַקולען און אָפּגעמאָסטן סאָל'ן מיטן אויסגעווייקטן קאַפּעליוש, וואָס האָט באַקומען שפּיצן פון דעם רעגן און פון די שפּיצן האָט ארונטערגעקאַפּעט. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, אז זיין צילינדער הוט האָט זיך אזש אביסל אויסגעקרימט. גלייך ווי ער וואָלט געפרעגט: — פונוואנען וואָלט אזא איד ווי איך געמאכט א לעבן?

עס האָבן אָנגעהויבן קומען פעטערס און קאַזינס, און מזל־טוב'ס זיינען געפלויגן אויף פארשיידענע שטימען.

דער מוהל האָט אָנגעהויבן קאַמאַנדעווען:

— מיסטער גרין, זעט אז דאָס קינד זאָל זיין גרייט. אידן, מיר קאָנען זיך שוין שטעלן דאווענען פון פאַרנט.

די פארזאמלטע אידן האָבן באלד אָנגעהויבן שלינגען ווערטער. די מיילער האָבן געטאנצט, אָט, אָט זיינען זיי פארטיג מיטן דאווענען.

דער שווער האָט שטילערהייט איבערגעציילט די אידן און זיך אָנגעהויבן שאַפן מיטן איידעם: נו, אָ, מנין . . .

סאַל האָט זיך געמאַכט טאַמעוואַטע.

דער מוהל האָט זיך באַלד אַריינגעמישט און געזאָגט אויף מאַמע־לשון: — מען דאַרף אַ צענטן און מאַכט דאָס שנעל!

סאַל האָט זיך הילפלאָז געלאָזט גיין. אין דרויסן איז ער געבליבן שטיין און ניט געוואָגט קיינעם אָפּשטעלן.

איינער פון די פּעטערס איז באַלד אויך אַרויסגעקומען און צע־שריען זיך: „וואָס שטייסטו ווי אַ לעקיש?"

סאַל האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און אָפּגעשטעלט אַ יונגנמאַן מיט אַ פּאָר שוואַרצע ברענענדיקע אויגן. סאַל האָט אים געבעטן אַריינצוקומען פאַר אַ פּאָר מינוטן.

דער יונגערמאַן האָט אים צוליב געטאָן און איז אַריינגעגאַנגען.

— אָט האָבן מיר שוין אַ מנין, — האָט פריילעך אויסגערופן דער מוהל, און באַפוילן אַרונטערצוברענגען דאָס קינד.

— דער יונגערמאַן האָט זיכער קיין צייט — רירט זיך, מיסטער גרין, — האָט ער אונטערגעיאָגט דעם שווער.

דער יונגערמאַן איז געבליבן שטיין אַ פאַרוואונדערטער. ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף אַ ווייל, האָט זיך אים אויסגעדאַכט אַז אַלע קוקן אין זיין זייט און לאַכן פון אים. ער האָט זיך באַלד אויפגע־הויבן און אומגעדולדיק אַרומגעדרייט זיך אַהין און אַהער.

באַלד האָט אַ נוירס אַרונטערגעבראַכט דאָס קינד, וואָס האָט גע־האַלטן אין איין קלאָגן, ווי עס וואָלט זיך געבעטן: לאָזט מיך צופרידן.

זי האָט דערלאַנגט דאָס קינד צום מוהל און גלייך פאַרשוואונדן.

דער יונגערמאַן האָט מאָדנע געגלאַנצט מיט זיינע שוואַרצע אויגן, ווען ער האָט פּלוצים דערזען ווי איינער דערלאַנגט דאָס קינד צום צווייטן און דער צווייטער צו אַ דריטן און אַלע שאָקלען דאָס. עס האָט בַיי אים אויסגעזען ווי אַ שפּיל אזא . . . ער האָט געוואָלט שמייכלען, נאָר אַלע האָבן אויסגעקוקט אזוי טויט־ערנסט, האָט ער ניט געוואָגט.

באַלד האָט מען אויך אים מכבד געווען מיטן קינד. זיינע הענט און פיס האָבן ביי אים אָנגעהויבן ציטערן. ער האָט זיך געשראָקן, אַז ער זאָל דאָס קינד ניט אַרונטערלאָזן אויפן דיל.

ווען זיינע הענט זיינען באַפרייט געוואָרן, האָט ער זיך שנעל גע־לאָזט לויפן צו דער טיר. סאַל האָט אים, אָבער, צוריקגעהאַלטן.

— וועיט עי מינוט, ווי העוו גוד שנאַפּס.

דער יונגערמאַן איז געבליבן שטיין א פאַרקלעמטער. ער האָט זיך פאַרשטעלט די אויערן. ער האָט ניט געקאָנט פאַרליידן דעם קינד'ס געוויין, וואָס איז שוין אַזש הייזעריק געוואָרן.

באַלד איז אַלץ געווען פאַריבער. דער עולם האָט געטרונקען און אַלע אין כאָר האָבן געווינטשעוועט: „לחופּה, לתורה, למעשים טובים".

סאָל האָט אָנגעגאָסן א גלעזל בראַנפן און דערלאַנגט דאָס דעם יונגערמאַן. ער האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן און גלייך איבער־געקערט דאָס גלעזל בראַנפן אין האַלז אריין. דער שווער האָט אים גלייך אונטערגעטראָגן א שטיק האָניק־לעקאַך.

דער יונגערמאַן האָט זיך אָנגעהויבן פילן אביסל מער היימיש. ער האָט זיך פאַררויטלט און געפרעגט ווי אַזוי מען רופט די פּאַרטי...

דער שווער האָט אים מאָדנע אָנגעקוקט:—וואָס־זשע, ביסט דען ניט קיין איד?

אַלע זיינען געבליבן שטיין מיט די גלעזלעך אין דער לופטן און אומגעדולדיק געוואַרט אויף אן ענטפער.

דער יונגערמאַן האָט מיט גרויס שטאָלץ געלאָזט ווּיסן, אז ער איז אן איטאַליענער. ער האָט זיך גאַנץ ברייטלעך אָפּגעזעגנט און איז אוועק.

א ווייל האָט געהערשט א שטיל־שווייגעניש צווישן עולם. דער שווער האָט אויסגעזען זייער באַ'צער'ט. באַלד איז געוואָרן א טומל:

— וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? געהערט א מעשה?

סאָל האָט פריילעך אויסגערופן:

— מיר דאַרפן זיך איבערגייין . . .

דער שווער האָט אים שטילערהייט א זידל געטאָן:

— גראָבער יונגאַטש!

איינער פון די פעטערס, וואָס האָט זיך זייער שטאַרק געאיילט עפּעס זיין קראָם, האָט געוואָלט אַלץ פאַרגלעטן. ער האָט געזאָגט:

— איך האָב דערקאָנט אין זיין שאָקלען זיך, אז ער איז א איד. און אפילו אז ניט, איז וואָס? — עס איז נישטאָ קיין דין אז צו א ברית מוז זיין א מנין.

דער מוהל איז אים אריינגעפאָרן אין די רייד.

— אידן, הערט זיך צו קיינעם ניט צו און גייט אהיים. ערגערט

זיך ניט, ער איז א איד גלייך מיט אונז אלע. איך קאָן זייער גוט דעם יונגענמאַן. ער איז דאָך מיינער א קאַנדידאַט. איך בין דאָך געווען זיין מוהל.

דער שווער איז געוואָרן פריילעך: — טאַקע?

— אודאי, אודאי, — האָט דער מוהל פאַרזיכערט.

דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערגיין און סאַל איז געווען אזוי צופרידן פון דער פּאַסירונג, אז ער האָט זיך ניט געקאָנט איינהאלטן, און ווי א קינד האָט ער זיך געריימט מיט איינעם פון די פעטערס:

— דאָס האָט מיין גאָט געטאָן. טאַקע מל געווען מיין קינד, אָבער ווער איז געווען דער צענטער?

דער פעטער האָט אים אריינגעשושקעט אין אויער אריין: — סאל, ביסט א צעדרייטער...

## א מתנה דער פרוי...

לובין איז געגאנגען שטאַרק פאַרקלערט. ביים אריבערגיין פון איין גאַס צו א צווייטער, האָט ניט איין דראַיווער אים געזידלט, און לובין האָט אפילו ניט געוואוסט אז דאָס קומט אויף זיין חשבון.

וועגן וואָס האָט, אייגנטלעך, לובין געטראַכט? צום ערשטן איז דאָס געווען וועגן זיין בצמצום'דיקער פּרנסה. ער איז ניט איינגאַנצן אַרבעטלאָז. א שטיקל אָנשפּאַר פאַרמאָגט ער. א שאָפּ אזעלכן, וואָס וואָלט זיך באַנוגנט מיט א העלפער פון אים. ער איז ווי א ישיבה־בחור, וועלכן ס'האָט אויסגעפּעלט טעג, כמעט אַלע וואָכן פון יאָר. אָט דערפאַר האָט ער זיך אזוי געיאָגט צו באַגעגענען עפּעס א באַקאַנטן אַרבעטער, וואָס זאָל אים רופן אויף א טאָג אַרבעט. און די באַקאַנטע זיינע זיינען אַזוי צעשפּרייט און אָט־אָט גייען זיי אין די שעפּער אַרויף. ער וויל קיין איינעם פון זיי ניט פאַרשפּעטיקן. ער האָט געטראַכט וועגן די קינדער, וועלכע וואַקסן אונטער און וועלן זיך דאַרפן ראַנגלען מיט דער איצטיקער וועלט, וואָס איז לויט זיין מיינונג, געגליכן צו אַן אָפּגרונט.

ער האָט געטראַכט וועגן זיין פרוי, דער מאַמען פון זיינע קינדער: מיידלווייז איז זי געווען אַזאַ געפּוצטע, מיט אַזויפיל געשמאַק, און איצט וואָלט זי צופרידן געווען, אַז זייער טעכטערל מרים, וועלכע האָט זיך צעוואַקסן ווי א בוים, זאָל אויסדריקן אירע ניט־דערפילטע פאַרלאַנגען . . . פאַר זיך אַליין אַרט איר שוין ניט. לויט זיין מיינונג איז זי א גרויסע בריה, אַן איינבערענגערין. א שאָד אים אויף איר. זי איז ביי אים א מאַרטירערין . . .

לובין האָט גאָרניט געפּועל'ט מיט זיין זוכעניש. ער האָט זיך געטראַכט: דער היינטיקער טאָג בלייבט ניט פאַרקויפט. באַלד האָט ער זיך אריינגעדרייט אין דערבייאיקן פּאַרק אָפּצורוען זיך אַביסל. זיצנדיק אויף א באַנק דאָרטן, האָט ער געהאַט גרוים פאַראיבל אויף זיין מוח. אָט זיינען אים די פיס מיד געוואָרן. רוען זיי זיך איצט אָפּ, אָבער דער מוח האָט זיך ערשט גענומען צו דער אַרבעט. ער וועט אים באַלד באַקלערן. צייטונגען ליגן פאַרלאָזטע, וועט ער נע־מען איינע, זיך פאַרטיפן וועגן דער גאָרער וועלט. אים איז שוין דערעסן צו טראַכטן וועגן זיין אייגענער לאַגע. ער האָט צעשפּרייט

פאר זיינע אויגן די ערשטע צייטונג וואָס איז אים צום האנט געקומען. אים איז ניט קיין חילוק . . . צוליב גרויס־שטאָטישע געוואוינהייטן, האָט ער בלויז באטראכט דעם דאטום. ער וויל ניט לייענען קיין נעכטיקע נייעס: יאָ, ס'איז די היינטיקע! שווארץ אויף ווייס — דער 16טער. לובין האָט זיך א צאפל געטאָן. נאָכאמאָל געקוקט אויף דער צייטונג צי האָט ער ניט קיין טעות.

זע נאָר, היינט איז דאָך שרה'ס געבורטסטאָג! ס'טייטש, ווי אזוי האָט ער דאָס היינטיקס יאָר פארגעסן? ער האָט זיך דערמאָנט אָן אן ארטיקל פון א געוויסן דאָקטאָר, וואָס ער האָט אנומעלטן גע־לייענט אין זיין צייטונג, אז ווען א מאן פארגעסט אָן דעם געבורטסטאָג פון זיין פרוי, איז א סימן, אז ער האָט זי ניט ליב . . . דעמאָלט האָט ער גאָר ניט געטראכט וועגן דעם ענין, נאָר איצט איז לובין געווען אויסער זיך: אָט יענער דאָקטאָר מוז אודאי שטאמען פון די סאמע רייכע. ער פארשטייט ניט א נאָש־בראָט . . . דעם דאָקטאָר אויף צו־להכעיס לויפט ער גלייך אוועק קויפן זיין שרה'ן א מתנה.

ער איז געוואָרן זייער אויפגעלייגט. געטראכט אז ער וועט קומען אהיים, וועט ער האָבן א יום־טוב. עפּעס אזא לאַנגער אינדער־וואָכן ביי אים אין הויז. ער וועט איר די מתנה דערלאנגען און זיי וועלן זיצן ביז העט שפּעט ביינאכט און דערמאָנען זיך אין א סך פריילעכע אָוונטן, אין די ערשטע וואָכן ווען זיי האָבן זיך באגעגנט, פון דעם ערשטן באָל, ביי וועלכן זיי האָבן זיך געטראָפן און זיך אזוי צוגעקלעפּט איינער צום צווייטן, ווי איין מענטש געוואָרן. ווי אזוי זיי פלעגן זיך אָפּפירן אהיים. ער זי צום ערשטן. ביי איר וואוינונג איז זי שטיין געבליבן: איצט וועט זי אים אָפּפירן. אָט אזוי ביז אין ווייסן טאָג אריין . . .

לובין איז געשטאנען א באגייסטערטער אין דער קראָם פון פאר־שיידענע אנטיקן. ער האָט געקוקט מיט ווארימע אויגן אויף דער בלאָנדן מיידל, די „סיילסליידי", וועלכע האָט אויף איר הויכן קלאָרן האלדז אָנגעמאָסטן א שנירל רויטע קרעלן. ער האָט פאר זיך געזען די פרוי זיינע. ער האָט געטראכט, אז זיין שרה וועט אויסזען נאָך שענער, ווייל זי איז א ברונעטקע. ער וועט נאָך צו דעם שנירל קרעלן זיך הייסן ווייזן א פּאָר רויטע אוירינגלעך: אָך, וועט זי זיך פרייען! אָט הערט ער איר קול: צו וואָס האָט ער באדארפט אויסגעבן געלט?

זי זאָגט דאָס מיט א שמייכל. איר פּנים רויטלט זיך ווי מיידלווייז, ווען ער האָט איר א גאָלדן זייגערל דערלאנגט. זי טוט דאָס אָן. די קינדער, פרייליכע, קושן דער מאמען . . .

איז וואָס זאָגט ער, איינפּאקן די קרעלן? — פרעגט אים דאָס בלאָנדע מיידל פון יענער זייט גלעזערנעם, באלויכטענעם קאסטן.

לובין ענטפערט כלומר'שט מיט א שמייכל, נאָכדעם ווי ער האָט אלע קעשענעס בודק געווען: ער האָט פארגעסן דאָס געלט אינדער־היים . . .

— אפשר צושיקן? — שלאָגט אים דאָס מיידל פאָר.

— ניין, ניין, ער וועט שוין זיין דאָ מאָרגן . . .

דאָס מיידל האָט צוריק אריינגעלייגט די קרעלן אין דער באַ־לויכטענער גלעזערנער שאפע. כלומר'שט האָט זי אים געטרייסט, אז ס'מאכט ניט אויס.

לובין, א פארציטערטער, האָט זיך ארויסגעאיילט פון דער קראָם. ער האָט געפילט, אז זיינע באקן בריען אים פון שאנד. ווי אזוי איז ער אזוי ניט אויסגערעכנט און קומט אריין דולן א ספּאָדעק אומזיסט און אומנישט. ווער ווייס וואָס דאָס מיידל טראכט זיך וועגן אים.

אין אָוונט, ווען מיט לובינ'ען זיינען געזעסן ביים טיש די קינדער מיט דער פרוי, האָט ער אלץ ניט געקאָנט פארגעסן ווי אזוי דאָס מיידל אין קראָם האָט אים אָפּגעמאָסטן, געמיינט אז ער איז ניט ערנסט. דערנאָך האָט זיך אים אויסגעדאכט, אז די קינדער סוד'ען זיך וועגן אים: דער טאטע האָט גאָרניט געבראכט דער מאמען. ער מעג זיך שעמען!

און אז די פרוי האָט אויף אים א קוק געטאָן, וואָלט ער גע־שוואוירן, אז אָט־אָט פרעגט זי אים: האָסטו פארגעסן, הא? . . . ער האָט געטראכט: אפשר זאָל ער איר דעם וועג פארלויפן? אין מוח האָט געשריען ביי אים: בעסער פארשווייג אינגאנצן! בעסער . . .

לובין האָט זיך געשטארקט: נאָכן עסן וועט ער איר אָפּווינטשע־ווען. ער וועט איר זאָגן, אז ער האָט די וואָכעדיקייט געוואָלט פאר־טרייבן, אָבער אים האָט זיך ניט איינגעגעבן . . .

# ער וועט זי קיינמאָל ניט פארגעסן...

עס איז געווען אין מיטן העלן טאָג. די זון האָט געשמאָלצן די רעשטלעך שניי פון דאָ און דאָרט — אַ סיגנאַל צום ווינטער, ער זאָל מאכן פלאץ פאר דעם פרילינג, וואָס שטייט שוין ביי די טויערן פון שטאָט.

פרענק האָט זיין ארבעט געטאָן ווי א געניטער שניידער. גע־האָט אויסגעטאָן די ווינטער־קליידער פון די וואקסענע פיגורן און זיי אָנגעטאָן לייכטע פרילינג־קליידער פון דער סאמע לעצטער מאָ־דע. צווישן אַט־די וואקסענע פיגורן האָבן זיך געפונען פארשיידנ־ארטיקע פנים׳ער שארף־ברוינע, מילך־ווייסע, און אנדערע מיט בלא־סע און רויטע בעקלעך. די געזיכט־צוגן, ענלעך צו די לעבעדיקע פרויען, וואָס באלאגערן אָפט די שויפענצטער.

פרענק האָט זיין ארבעט געטאָן ווי א געניטער שניידער. גע־זען, אז די קליידער זאָלן זיין אָנגעצויגן ווי געהעריק, קיין איין קנייטשעלע זאָל זיך אין ערגעץ ניט אָפלייגן. בעת מעשה האָט ער זיך אונטערגעזונגען אין דער שטיל אַן אַריע פון אַ פּאָפּולערער אָפּערע. ווען ער האָט איינע געהאט באקליידט, האָט ער זיך אבי־סעלע פארנויגט, מעשה דזשענטלמען, און אָפּגעשטופּט זי אויף די רעדלעך אָן אַ זייט. ס׳הייסט: דו ביסט שוין פארזאָרגט מיט א פרילינג־קלייד, טאָ גיב אנדערע אויך א „טשענס!”

אָט אזוי איינע נאָך דער צווייטער. און אָט ציט ער ארויף א חתונה־קלייד אויף דער פיגור מיט דעם בלאסן פנים און רויטע בעקלעך. ער כאפּט א לעצטן בליק, איידער ער שטופּט זי אָפּ. פּלוצ־לונג גיט אים עפּעס ווי אַ שאָס אין קאָפּ אריין. זיין געזאנג ווערט איבערגעריסן. ער טוט זיך אַ וואָרף, און פון ערגעץ פון אים רייסט זיך ארויס: מאַריע! מאַריע!

אים הויבט זיך אָן צו דוכטן, אז זי באוועגט זיך . . . מאַריע, מאַריע . . . — ווי קומט זי אהער?

אָט הערט ער איר שטימע: „נעם מיך ארום!” ער נעמט ארום די פיגור. זיינע הענט ציטערן אים. אין קאָפּ ביי אים איז א מיש־מאש פון צעבראָכענע געדאנקען. ער וויל זיך אויפהויבן און אנט־לויפן. אָבער ער קאָן זיך ניט רירן. בלייבט ער זיצן מיט צוגעמאכ־

טע אויגן . . . אַט זעט ער זיך פּלוצלונג מיט מאַריע'ן אין אַ פּאַרק . . . זי לויפט אים נאָך און קאָן אים ניט כאַפּן. זי סאָפּעט אַזוי שווער. ער קריגט רחמנות אויף איר און פאַלט אויפן גראָז און זי גלייך אויף אים. זי לאַכט אַזוי הויך . . . פרענק שטרעקט אויס די פאַרשטייפטע הענט זיינע און נעמט אַרום דעם חלל אַרום זיך.

די סצענע בייט זיך שנעל־שנעל, ווי אויף אַ פילם. זי ליגט שוין מער ניט אויפן גראָז. איצט זעט ער זי אין אַן אָפענער טרונע מיט אַ פאַרפרוווירענעם שמייכל אויף איר בלאַסן פּנים.

פרענק הויבט זיך אָן רייסן די האָר פון קאָפּ. אַט הערט ער אַ געשריי: „העי, מענטש, וואָס טוסטו?" פון דרויסן טראָגן זיך אַריין לייכטע קלאַנגען פון מיידלשע אָפּצאַסן און געלעכטער.

מיט זיין גאַנצן כוח האָט זיך פרענק אַ הויב געטאָן פון בענקל. גענומען ווישן זיך דעם שווייס פון זיין שטערן. ער האָט דערפילט אַ שטייפקייט אין קאָפּ. דאָס בלוט האָט זיך ווילד געיאָגט צום מוח־צו, און געשטאָכן ווי מיט נאָדלען. ער באַשליסט — ער וועט מער אויף דער דאַזיקער פיגור ניט קוקן. אָבער די בליקן לאָזן זיך בשום אופן ניט אָפּרייסן, ווי זיי וואָלטן געווען צוגעשמידט צו איר. ער גיט אַ קריץ מיט די ציין און פאַרדרייט זיך. אָבער ער דערהערט גלייך ווידער מאַריע'ס קול: „דו ווילסט מיך ניט זען?" און אַט גלעט זי אים. אַט ליגן אירע בלאַסע הענט אויף זיינע אַקסלען . . .

אין דרויסן האָט זיך געיאָגט אַן אַמבולאַנס. פרענק האָט אַ ציטער געטאָן. דער מאָנאָטאָנער גלאָק האָט אַזש ביז הייזעריק ווערן געליאַרעמט צום טאַקט: מאַריע איז טויט! מאַריע איז טויט!

פרענק איז אַרויס פון פענצטער. ער איז געלאָפן טרינקען קאַל־טע וואַסער און טרינקענדיק פאַרגאָסן איבער זיך ווי אַ קליין קינד. ער איז געווען כמעט זיכער אַז אַלע אָנגעשטעלטע אין סטאָר קוקן אויף אים, באַטאַפּן אים און פאַרשן. זיי ווילן וויסן וואָס ער לעבט איבער. אַט גייט ער צו צום מענעדזשער, זיינער אַ שטיקל איי־גענער. ער וועט אים זאָגן, אַז ער מוז אַהיים גיין, ער איז קראַנק.

ניין, ניט אַהיים וועט ער גיין! נאָר צו מאַריע'ן אויפן בית־עולם. ער'ט זיצן דאָרט ביז שפּעט אין דער נאַכט, ווי ער פלעגט דאָס טאָן אין די ערשטע טאָג נאָך איר טויט. ער וועט הערן ווי זי זינגט אויס: „גיי, מיין טייערער, צווישן די לעבעדיקע! דו

ביסט ניט שולדיק אין מיין טויט!״ דאן וועט ער זיך אפשר פילן בארואיקט . . . ניין, ער וועט זיך קיינמאָל ניט בארואיקן, ווייל ער איז יאָ שולדיק. אָט הערט ער די ווערטער פון דאָקטאָר אין מאַריע׳ס גוסס׳דיקע מינוטן!

— אין איר פאַל מיט אַן ערשטלינג האָט זי געמוזט זיין די גאַנצע צייט אונטער א דאָקטאָר׳ס אויפזיכט . . . ער הויבט זיך גלייך אָן פארענטפערן, אז ער האָט ניט געארבעט. דער ספעציאַליסט פון „מאַטוירניטי״-האָספּיטאָל האָט געוואָלט א גרויסע סומע געלט האָט ער זיך געלאָזט איינרעדן פון איר מוטער, אז די קימפּעט זאָל זיין אין דער היים: ווער האָט געוואָלט וויסן? . . .

ווען מאַריע האָט צוגעמאַכט די אויגן אירע און געבליבן ליגן מיט א פארפרוירענעם שמייכל אויף איר פּנים, האָט ער דאן געשוואוירן, אז ער וועט נעמען נקמה פאר איר טויט . . .

שפּעטער האָט ער איינגעזען, אז ער איז ניט דער איינציקער באַ׳עוול׳טער און צעשמעטערטער. עס איז דאָ א לאַנגע קייט פון עוולות . . . ער פילט, אז ער איז אוממעכטיק. זיינע נערוון זיינען ביי אים ניט קיין געזעצטע און זיינע אייגענע פריינט זאָגן אים אָפטמאָל, אז ער ווייס אליין ניט וואָס ער וויל . . . דערפאר, אפּנים, פילט ער זיך אזוי שולדיק קעגן זיין מאַריען, ער קאָן זיין שבועה ניט האלטן . . .

פרענק איז צום מענעדזשער ניט געגאנגען. ער האָט זיך געשראָקן, אז ביי דעם איצטיקן מאָמענט וועט ער ניט קאָנען דולדן זיינע טרוקענע רייד — „פרענק, דו מוזט פארגעסן אָן איר!״ ער וועט אפשר גאָר אויסלאָזן זיין ווייטיק צו אים. ער וועט זיך צעשרייען הויך, אַז אַלע זאָלן הערן, אז ער קאָן איר ניט פארגעסן און אפשר וועט מען גאָר לאַכן פון אים? . . .

און אָט זיצט ער צוריק אין שויפענצטער. ער נעמט זיך צוריק צו זיין פריערדיקער ארבעט. ער זינגט איצט „אווע מאַריע״. אין זיינע אויגן גלאַנצן טרערן און ער זעט דאָך אזוי דייטלעך ווי זיין מאַריע פּאָרעט זיך מיט פארשיידענע וואָזאַנעס, וואָס זי אַליין האָט געפלאַנצט. ער לאָזט איצט זיינע געדאַנקען פליסן גאַנץ פריי. אָט דערמאָנט ער זיך ווען זיי האָבן זיך אריינגעצויגן אין דעם נייעם געגנט. מאַריע איז געווען אַנטציקט פון די בוימער ארום. זי האָט

יעדן בוים ארומגענומען און געקושט. דערנאָך האָט זי דעם געגנט א נאָמען געגעבן נאָך איר איטאַליעניש שטעטל „לאַ פּאַלמאַ“, וואו זי איז געבוירן געוואָרן.

אָט זיצט זי און נייט זאַכן פאַרן מענטשעלע, וואָס דאַרף קומען אויף דער וועלט.

זי לאָזט אים וויסן, אז ס'וועט זיין א מיידעלע . . . ער סטראַשעט מיטן פינגער, אז ס'מוז זיין אַ אינגעלע . . . און אז זי האָט צוגעשטימט, האָט מען שוין געדערט וועגן דעם וואָס זיי וועלן מאַכן פון אים. זי האָט געוואָלט א זינגער; ער — א פידל־שפּילער . . .

עס האָט אים אָנגעהויבן שטיקן אין האַלדז: „אָט רירט זיך די קאַרעטע מיט דער טרונע“.

אָט איז שוין נאָך אַלעמען! ער ליגט אויפן בעט און סטראַשעט. אז דאָ אין דער דירה וועט ער פאַרבלייבן אויף זיין גאַצן לעבן. די קרובים בעטן זיך יעדערער באַזונדער: „קום צו מיר! קום צו מיר!“ אָבער ער איז געבליבן פאַר'עקשנ'ט: ניין, ער קאָן די דירה ניט פאַרלאָזן, זי וועט קומען צוריק!

און אז ער האָט דאָך געמוזט פאַרלאָזן די וואוינונג און אנדערע מענטשן האָבן שוין דאָרט געוואוינט. איז ער נאַכט נאָך נאַכט אהין געקומען, געשטעלט זיך הינטער די פענצטער און אהין אריינגעבליקט. אָט דאַכט זיך אים שפּאַצירט זי ארום און פרעגט זיך נאָך נאָך אים . . . יאָ, זי זוכט אים. עס איז דאָך אומעגלעך, אז מאַריע זאָל קאָנען זיין אָן אים . . .

— — — — — — — — — — — — — — —

פרענק'ן האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן. ער איז ווי א שווערער קלומפּ ארונטערגעפאַלן אויפן דיל. אויפגעכאַפּט האָט ער זיך ערשט אין שפּיטאָל. דאָקטוירים האָבן זיך לעבן אים געפּאָרעט. און ער האָט אָפּט געדערט ווי פון הויך: מאַריע! מאַריע!

## צו וואָס האָט ער עס באַדאַרפט?

### (הומאָרעסקע)

זאראָף איז געווען פאררעכנט פאר דעם בעסטן דענטיסט אין זיין געגנט.. פאציענטן האָבן אויף אים געזאָגט, אַז ער האָט אַזאַ לייכטע האַנט, אַז מען פילט גאָרניט ווען ער שלעפּט אַ צאָן; ער איז אַזוי פלינק, אַז איידער וואָס ווען — ער איז נאָך ניט פאַרטיק מיט אַ וויץ דערציילן — און ער האָלט שוין דעם צאָן אין זיינע הענט.

זאראָף האָט געהאַט אַ טבע אונטערצווזינגען זיך ביי דער אַרבעט. אויף זיין גלאַטן ראַזירטן פּנים איז אַלעמאָל געווען אָנגעגרייט אַ שמייכל. דערפאַר האָבן זיך זיינע פּאַציענטן געמערט, און זיין אָפּים איז כמעט אַלעמאָל געווען געפּאַקט. אַזוי אַרום האָט זאראָף גאָרניט געהאַט וואָס צו באַקלאָגן זיך אויף זיין פּראָפּעסיע.

האָט זיך זיינער אַ פריינט, אַ בראָוקער, פון דעם דערוואַוסט, איז ער געקומען צולויפן אין אָפּים אַריין און זיך צוגעזעצט צו זאַראָפ׳ן, אַז ער זאָל קויפן שערס (אַקציעס). ער גאַראַנטירט אים, אַז זיינע שערס וועלן גלייך אַרויף; ער האָט אים אויסגערעכנט פאַרשיידענע באַקאַנטע, וואָס האָבן זיך שוין באַזאָרגט מיט אַ צאָל שערס. האָט געערדט מיט איבערצייגונג, גאָרניט ווי קיין ביזנעסמאַן, אַ בראָוקער, נאָר ווי אַ פריינט, ווי ער וואָלט באמת בלויז אויסן געווען זאַראָפ׳ס טובה. עס האַנדלט זיך אין גאָלדענע שערס, אַז עס איז פּשוט אַ פאַרברעכן, אַז זיי זאָלן אַריינפאַלן אין פרעמדע הענט.

זאראָף האָט זיך, אָבער, געקווענקלט:

— ווער וויל דאָס רייך ווערן? איך בין ניט דער מענטש פאַר דעם.

האָט זיך דער בראָוקער צעלאַכט פון אים: כי, כי, כי און כע, כע, כע, און דערנאָך האָט ער גענומען חוזק מאַכן פון זאַראָפּ׳ס פּראָפּעסיע:

— ווען מ׳גיט מיר טויזנט דאָלער אַ טאָג צו דאַרפן אַריינקוקן יעדן איינעם אין פּיסק אַריין, זאָל איך שלעכטס־האָבן, אויב איך וואָלט דאָס געטאָן . . . זאראָף האָט זיך אַביסל פאַררויטלט:

— וואָס רעדסטו, וואָס? ס׳איז דאָך אַן אידעאַל צו היילן מענטשען . . .

— אָבער צום ערשטן דאַרף מען זיך פאַרזאָרגן! — האָט אים דער בראָוקער איבערגעשלאָגן.

און אַזוי האָט דער בראָוקער אָנגעהויבן קומען צו אים כמעט יעדן טאָג, און אַלץ די זעלבע מעשה:

— דאָס גליק קלאַפּט אין דיין טיר! לאָז דאָס אריין! עס וועט דיר אמאָל באַנג טאָן . . .

האָט זאַראַף אָנגעהויבן טראַכטן: „אפשר טאַקע קויפן אביסל „סטאָק״? עס איז טאַקע ניט אזא גרויסער פאַרגעניגן אַלע יאָרן צו קוקן יענעם אין מויל אריין. אָפּטמאָל פילט ער טאַקע ניט אזוי פויגלדיק פון דעם און ער מוז שווייגן . . . דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט, אז ער קריגט גאָר א קליינעם פּראָצענט אין באַנק פאַר זיינע אָפּגעשפּאָרטע געלטער. ער ווייס אויך, אז זיין פרוי איז ניט צופרידן מיט זיינע לאַנגע שטונדן אין אָפיס. זעלטן-ווען קאָנען זיי גיין פאַרברענגען צוזאַמען. ער האָט אָנגעהויבן קריגן רחמנות אויף זיך, אויף זיין פרוי, עס איז אים ניט גוט הייסט עס און ער דאַרף זיך ראַטעווען, און איצט האָט ער די מעגלעכקייטן . . .

ענדלעך האָט ער איינגעשטימט צו קויפן שערס. און אז שוין יאָ קויפן, פאַרוואָס ניט וואָס מער? ווייל לויט זיין פריינט האָט אים פאַרזיכערט, זיינען די שערס פון זיין קאָמפּאַני אַזעלכע „גראָטענע״, אז זיי גייען בלויז אַרויף און ניט אַרונטער . . . ער האָט אים, זאַראַפ׳ן געגעבן צו פאַרשטיין, אז דאָס איז א נייע קאָמפּאַני, און נייע קאָמפּאַניס זיינען געגליכן צו קליינע קינדער, וואָס האַלטן אין איין וואַקסן . . .

אין א פּאָר טעג אַרום, נאָכדעם ווי זאַראַף איז שוין געווען גע־בענטשט מיט א האַלבער מאה שערס, האָט ער אָנגעהויבן איינזען, אז זיין פריינט איז טאַקע געווען גערעכט, ווייל די שערס זיינען זיינען געשטיגן. עס האָט אים שוין באַנג געטאָן, פאַרוואָס ער האָט ניט געקויפט הונדערטער שערס. פונדעסטוועגן האָט ער בלומר׳שט א פרעג געטאָן זיין פרוי, צי ער זאָל פאַרקויפן די שערס. די פרוי האָט אים געענטפערט: „אפשר״ . . . האָט ער איר, אָבער, געגעבן צו פאַרשטיין, אז די שערס מאָנען אים ניט קיין עסן, און אזוי ווי פיל מענטשן וואַרטן, וועט ער אויך וואַרטן . . . זאָלן זיי נאָך אבי־סעלע אונטערוואַקסן . . . דער בראָוקער איז געווען צופרידן צו

הערן אים אזוי רעדן. דאָס זיינען דאָך געווען די רייד וואָס ער האָט אים ערשט ניט לאַנג אריינגערעדט . . .

זאַראַף איז געווען אזוי פאַרקאָכט אין זיינע שערס, אז ער האָט זיך גאָר פארגעסן אָן זיינע פאַציענטן. ער איז זיך געזעסן פאַר־טיפט אין א צייטונג און געליייענט די קליינע אותיות וועגן דעם „סטאָק־מארקעט". אָט זעט ער די און די שערס זיינען ארויף א האלבן פאָינט, און יענע זיינען גאָר ארונטער, אָבער זיינע האלטן זיך אויסגעצייכנט.

די פאַציענטן זיינען געזעסן אומגעדולדיק און געשושקעט זיך אין דער שטיל:

— ער האָט דאָך קיינעם ניט אינווייניג, פארוואָס־זשע רופט ער אונדז ניט? . . . אייניקע זיינען אפילו חוצפה'דיק און קוקן אריין דורך די דורכזיכטיקע פאַרהאַנגען.

און זאַראַף איז פארטיפט אין מחשבות. ער טראַכט, וואָס ער וועט טאָן מיט דעם גרויסן ריוח פון זיינע שערס . . . און ער צע־לייגט א פּלאַן, אז ער און זיין פרוי וועלן מאכן א רייזע איבערן ים, זען פארשיידענע לענדער, זיין פרוי האָט זיך דאָס ביי אים פארדינט. און ער אליין וועט פשוט אויפלעבן, אלץ האָט זיך אים שוין דאָ צו־געגעסן . . . ווען זיי וועלן צוריק־קומען, וועט ער זיין א פרישער מענטש, וועט ער אפשר עפענען א גרויסן אָפיס מיט עטלעכע שטולן, און אליין טאָקע ניט ארבעטן מער. אָדער אפשר גאָר אויפגעבן זיין פּראָפעסיע? ער וועט שוין דאן זען . . . זיין פרוי האָט ער ניט איבערגעגעבן זיינע מחשבות. ער האָט זי געוואָלט איבערראַשן . . . ער וועט דאָס מאכן פונקט צו זייער צען יאָריקן חתונה־טאָג . . .

פאַציענטן האָבן אָנגעהויבן קומען ווייניקער צו אים. זיי האָבן פשוט פארלאָרן דאָס געדולד צו וואַרטן ביי אים אין אָפיס. אָבער זאַראַף האָט זיך ניט גענומען צום הארצן דערפון. ער האָט גע־טראַכט וועגן זיינע שערס פון דער יונגער אויל־קאָמפּאַני. עס איז נאַטירלעך, אז די שערס זאָלן זיך הויבן און הויבן, אויל איז דאָך א גאַנגבאַר ארטיקל.

אָט אזוי זיינען זיך געלאָפן טעג, וואָכן, חדשים. אין א לוי־טערען פרימאָרגן, אין די ערשטע טעג פון פרילינג, איז זאַראַף גע־קומען אין זיין אָפיס מיט א רויטער בלום אין זיין לאַץ און זיך אונ־

טערגעזונגען. אַ פּריש, מחיה׳דיק ווינטל האָט געגלעט זיינע בלאַסע באַקן און זיך געשפּילט מיט זיינע בלאָנדע האָר. ער האָט זיך אוועקגעלייגט אויף אַ דיוואַן, וואָס איז געשטאַנען אין זיין פּריוואַטן צימער. געמאַכט זיך באַקוועם, פאַמעלעך צענומען די מאָרגן־צייטונג און גלייך זיך גענומען צו די קליינע אותיות וועגן „סטאָק־מאַרקעט". קיין אַנדערע נייעס האָבן אים, וואָס אַן אמת, גאָרניט אינטערעסירט. פּלוצים דערזעט ער אַ שטיקל נייעס וועגן זיין קאָמ־פּאַני: ער לייענט איינמאָל, און צווייטמאָל. עס איז אים קאַלט גע־וואָרען אין אַלע זיינע אברים: ווי איז דאָס מעגלעך? ער לייגט אוועק די צייטונג און בעט זיך ווידער איבער מיט איר, ער לייענט ווידער אין די אותיות, דאַכט זיך אים, שרייען אים אַריין אין די אויערן: „דיין קאָמפּאַני האָט באַנקראָטירט!"... „דיינע שערס זיינען גאָר ניט ווערט!"... זאַראָף האָט זיך גענומען רייסן די האָר פון קאָפּ: למאי האָט ער נעכטן ניט פאַרקויפט זיינע שערס? — און ווי קאָן דאָס זיין? פון אויך איז געוואָרן וואָסער?

שרעקלעכע געדאַנקען האָבן אים אָנגעהויבן מאַטערן. אַ מאַטער־ניש וואָס מ׳קאָן גאָר קיינעם ניט פאַרטרויען און קיינער קאָן דאָך דאָ גאָרניט העלפן. אָט וועט ער אָפּרופן זיין פריינט דעם בראָוקער, אָבער וואָס קען ער אים העלפן — ער וועט צוריק מאַכן פון וואָסער אויך?...

פון יענעם טאָג אָן איז זאַראָף געוואָרן נאָך גלייכגילטיקער צו זיין פּראָפעסיע, אַריינגעקומען שפּעט אין זיין אָפיס, און אין מיטן טאָג פאַרשוואונדן. ער איז אַרומגעגאַנגען ווי צעמישט, ניט געגעסן, ניט געטרונקען און געטרויערט נאָך זיינע שערס. עטלעכע פון זיינע פּאַציענטן האָט ער געשיקט צו ספּעציאַליסטן. אַנדערע האָט ער געהייסן קומען אַן אַנדער טאָג, שפּעטער, נאָר שפּעטער.

קומט אַריין צו אים איינער פון זיינע בעסטע פּאַציענטן. אַ מאַן פון אַ פאַמיליע, וואָס כמעט אַלע האָבן שלעכטעציין: ווי אַזוי פאַר־לירט מען אַזאַ פאַמיליע? איידער וואָס ווען, זיצט שוין דער פּאַ־ציענט ווי צוגעוואַקסן צו דער שטול, און ער בעט זיך:

— דאָקטאָר, שלעפּט מיר אַרויס דעם צאָן, אַז ניט גיי איך אַרונטער פון זינען!

זאַראָף איז געוואָרן בלייך ווי אַ מת, זיך אָנגעהויבן רייבן די

הענט זיינע, ווי אין א גרויסן פראָסט. געקנייטשט מיט זיין שטערן אזוי מאָדנע, און געקוקט אויף דעם פּאַציענט זיינעם ווי אויף זיין גרעסטן שונא.

ענדלעך האָט זאראָף גע'פּועל'ט ביי זיך צו נעמען זיך צו דער ארבעט, געטראַכט זיך: „וואָס וועט זיין, וואָס וועט זיין" . . . ער איז נאָכלעסיק צוגעגאַנגען צו א גלעזערנע ווייס שאַפּקעלע, ארויס־גענומען פון דאָרט א פּושקעלע מיט ווייסע פּילן, אריינגעוואָרפן צוויי אין מויל אריין און פארטרונקען מיט אביסל וואסער, דאן האָט ער דעם פּאַציענט אָנגעטאָן א ווייסע סערוועטקע, אריינגעשטאָכן אין זיין גומען אביסעלע „קאָקעין" און אליין זיך דערווייל צוגעזעצט אָפּרוען. ער האָט דערביי צוגעמאַכט די אויגן, ווי ער וואָלט תפילה געטאָן, עס זאָל קיין שלעכטס ניט פּאַסירן מיט זיין פּאַציענט . . .

בשעת ער האָט געדרייט מיטן צוועגגל דעם צאָן, האָט ער ווי־דער צוגעמאַכט די אויגן. ניט געקאָנט קוקן אויף דעם פּאַציענט'ס גרימאַסן אויפן פּנים. דער פּאַציענט האָט אָנגעהויבן שרעקלעך צו שרייען. זאראָף איז צעטומלט געוואָרן און זיך געבייזערט:

— וואָס קוויטשעט איר? לאָזט ארבעטן!

דער פּאַציענט האָט זיך מיט אלע זיינע כוחות איינגעהאלטן, אבי שוין פּטור ווערן פון זיינע ווייטיקן. זאראָף האָט זיך געמאַכט הארץ, א שטאַרקן שלעפּ געטאָן דאָס צוועגגל און ארויסגעשלעפּט א האלבן צאָן. דער פּאַציענט האָט אויפגעהערט שרייען, אָבער פּלוצים האָט זאראָף א געשריי געטאָן און ארונטערגעלאָזט זיך אויפן דיל א פאר־חלש'טער. דער פּאַציענט האָט אים אָנגעהויבן ראַטעווען. גע־שפּריצט אויף אים קאלטע וואסער, געדרייט אים די נאָז, גערופן אים ביים נאָמען, ביז ענדלעך איז אים געלונגען צו דערמונטערן אים.

זאראָף האָט געעפנט די אויגן, געקוקט אויפן פּאַציענט. דער פּאַציענט האָט געקוקט אויף אים. ס'האָט אויסגעזען ווי איינער פרעגט דעם צווייטן: „ווער האָט וועמען דאָ ארויסגעשלעפּט א צאָן?"

# זי זינגט ניט מער...

פרענסים איז געווען זייער קאַפּריזנע. פאַר דער מינדסטער עולה וואָס עס איז קענגן איר באַגאַנגען געוואָרן, האָט זי באַלד געוויינט. אָפּטמאָל אפילו געטופּעט מיט די פיס ווי א קינד וואָס וויל עפּעס אויספירן ביי דער מאמען. עס האָט זיך ארומגעטראָגן א קלאַנג אין שאָפּ, אז זי האָט זיך אמאָל געלערנט זינגען. און אז מבינים האָבן אויף איר געלייגט גרויסע האָפענונגען, אז מיט דער צייט וועט זי אָנשפּאַרן זייער ווייט . . . דער פאָטער אירער, איז געווען זייער שטאָלץ מיט איר, אָט, אָט, וועט קומען א צייט, און די ערשטע טאָכטער זיינע וועט ווערן אַן אָפּערע זינגערין. נאָר אינמיטן דערינען האָט ער זיך אוועקגעלייגט אין בעט אויף א פאַר־קילינג און שוין מער ניט אויפגעשטאַנען צוריק . . . אָט אזוי ארום איז פרענסים געוואָרן די שפּייזערין פון די שוועסטערלעך און ברי־דערלעך, וואָס זיינען מיט איר פאַרבליבן. איינס קלענער פאַרן צווייטן.

ווי באַלד אזוי: הייסט עס, דאַרף מען אויף איר ניט האָבן קיין פאַראיבל . . . דערצו נאָך, איז פרענסים אזא: ווערט איר נאָר לייכטער אויפן הארצן, איז זי גרייט צו קושן יעדן איינעם, וואָס האָט נאָר א גוט וואָרט פאַר איר. נאָך עפּעס: זי טראָגט אויף קיינעם ניט קיין שנאה. אָפּגעליידיקט איר שווער הארץ, איז ווי־דער געלאַכט און געשטיפּט: היינט פאַרוואָס זאָל מען אזעלכע פיינט האָבן?

דערצו האָט זי קיינמאָל ניט געוואָרט, אז מען זאָל זי בעטן עפּעס צו זינגען. און אז זי האָט נאָר אָנגעהויבן, האָבן זיך שוין געפונען בעלנים אריינצופּלעכטן זייערע שטימען און דער שאָפּ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָפּערע־זאַל. די מאַשינען — אַן אָר־קעסטער. מאַטע אויגן האָבן אָנגעהויבן גלאַנצן. ווי פייערן פון פרייד וואָלטן דאָרט געהאנגען. פרענסים האָט זיך דאַן דערפילט ווי אַן אמת׳ע דירינגענטין. אירע דערשראָקענע באַקן האָבן זיך אָנגעהויבן טונקען אין א לעבעדיקער פאַרב. אירע פּלייצעס אויס־גלייכן זיך ווי זי וואָלט באמת געווען אויף א בינע . ׳ .

דער באַלעבאָס האָט לכתחילה ניט געוואָלט ליידן, אַז מען זאָל זינגען. „וואָס איז דאָס פאַר אַ שאַפּ ביי מיר?״ „אַז איך וועל וועלן הערן זינגען, ווייס איך וואוהין צו גיין״ — האָט מען אים געלאָזט ווּיסן: ערשטנס, אַז דאָס זינגט מען ניט פון זיינעטוועגן אליין, און צווייטנס, מעג ער זיך טאַקע שעמען: וואָס טומלט ער זיך? אַז זיין ארבעט ווערט דאָך אויפגעמאכט נאָך פריער ווי מען באַדאַרף . . . האָט ער געהויבן מיט די אַקסלען. „ס'איז גלאַט ניט שיין צו זינגען אין אַ שאַפּ . . .

מיט דער צייט האָט ער זיך, אָבער, צוגעוואוינט. און צייטנווייז פלעגט ער שטילערהייט אין זיך אויך מיטזינגען. עפּעס ווי אָן זיין ווּיסן.

פּלוצים, האָט פרענסיס געלאָזט ווּיסן, אַז זי גייט חתונה האָבן. און אַז זי וועט שוין מער ניט צוריקקומען אין שאַפּ אריין, ווייל זי ווערט אַ קרעמערקע. זיינען ארבעטער געבליבן זיצן צעטומלט, דאָס אויפגענומען ווי עפּעס אַ שלעכטע בשורה . . . ביי איינזיקע האָבן זיך געריסן ווערטער פון מויל: „סטייטש, פאַרוואָס קומט דאָס אונז? וואָס וועלן זיי טאָן אָן אַ דיריגענטין? ס'וועט דאָך ווערן אַזוי אומעטיק אין שאַפּ . ..

פונדעסטוועגן, אַז דער טאָג איז געקומען ווען פרענסיס האָט זיך מיט זיי באַדאַרפט צעשיידן, האָט מען איר צוגעגרייט אַ שיינע מתנה. אַלע האָבן צעשטייער געגעבן. קיינער האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט. פאַרקערט, איינער האָט געוואָלט דעם צווייטן אַריבערשטייגן: פאַר פרענסיס'ן, מיטן גרעסטן כבוד — דערנאָך האָבן זיך כמעט אַלע באַטייליקט אויסצופּוצן דעם שאַפּ פאַר דער חתונה־פּאַרטי. די מענער האָבן אויסגעקערט דעם דיל אַזוי ריין, אַז דער באַלעבאָס האָט צוגעגעבן, אַז פון זיין זייט האָט ער דעם שאַפּ נאָך ניט געזען אַזוי ריין און ציכטיק ווי היינט.

די מיידלעך זיינען פּשוט מיד געוואָרן פון דעקאָרירן דעם שאַפּ. ווייל אַלע האָבן געפאָדערט, אַז מען זאָל זייער ווינקל ניט אויסמיידן. די פרעסערס האָבן געקלונגען מיט זייערע אייזנס: — ליענטעם פאַר דעם פרעס־טיש, אויב ניט, איז אויס אונטערפרעסן... — דער קאַטער האָט געסטראַשעט, אַז ער וועט שניידן שמאָלע פּייפּינג, אויב מען וועט זיין ווינקל אויספעלן. אנדערע האָבן גע־

פֿאַרטאַג, אז מען זאָל אפילו דעם אָפּים דעקאָרירן. פּרענסים האָט זיך דאָס פֿאַרדינט . . . און די מיידלעך האָבן אַלעמען צוליב גע־טאָן.

אין שאָפּ האָט דאַן געהערשט אַ מאָדנע שטימונג, אָט פֿריילעך, אָט אומעטיק. אין איין ווינקל: — אַ שאָד, אַ שאָד, אַזאַ קול'כּל צו פֿאַרלירן . . . — אין אַ צווייטן ווינקל: — נו, זאָל איר גאָט העלפֿן, זאָל זי כאָטש אויפֿגעריכט ווערן. זי האָט די ווערט . . .

און אַז פּרענסים האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַן אויטאָמאָביל, וואָס האָט אויף איר אין גאַס געוואַרט, האָט מען אויף איר אויס־געליידיקט גאַנצע זשמעניעס מיט קאָנפֿעטי, אַזוי, אַז ס'איז שווער געווען צו וויסן וואָס פֿאַר אַ קאָליר קלייד פּרענסים טראָגט. דער אויטאָמאָביל איז געווען באַפּינטלט, אַז מען האָט שוין קיין דאַך ניט אַרויסגעזען. דעם טראָטואַר ניט צו דערקענען, ציגעלן פֿון אונטן צעמענט. אַלע האָבן געוואָלט יוצא זיין, ווי עס וואָלט גע־ווען אַ הייליקע מצווה דאָס צו טאָן... אפילו דער באַלעבאָס איז געשטאַנען מיט אויסגעשפּרייטע הענט, ווי ער וואָלט זאָגן: „איך האָב אויך געטאָן מיין פֿליכט".

קולות האָבן זיך געטראָגן הויך און נאָך העכער ביז צו דער זון, וואָס האָט נאָך ערגעץ געשטעקט אויף די שפּיצן פֿון די הויכע מויערן. זיי האָבן אָפּנים געוואָלט, אַז פּרענסים זאָל הערן יעדנס שטימע באַזונדער. אַז אַלעמען פֿון זיי איז אַ שאָד, וואָס זי פֿאַר־לאָזט. זאָל זי דאָס טאַקע געדענקען . . .

און אַז מ'האָט שוין מער דעם אויטאָמאָביל ניט אָנגעזען, זיינען זיי געבליבן שטיין ווי פֿאַרבענקטע קינדער, וואָס זייער מוטער פֿאָרט אוועק אין אַ וויטן, וויטן וועג.

די ערשטע פּרימאַרגנס איז דער נאָמען פּרענסים געווען ווי צו־געקלעפּט צו אַלעמענס ליפּן. אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן זינגען און באַלד זיינען די טענער איבערגעריסן געוואָרן. האָט מען זיך אָנ־געהויבן באַקלאָגן:

— ניטאָ פּרענסים, אַז זי זאָל אונדז צעוויגן. אָן איר האָט דאָס זינגען קיין טעם ניט . . .

אָבער ביסלעכווייז האָט מען אָנגעהויבן פֿאַרגעסן אָן איר. בלויז אַמאָל האָט זיך געהערט אַ פֿאַרלאַנג פֿון אַן אַרבעטער, אַז מען

וואַלט באַדאַרפט זיך אַרונטערכאַפּן צו איר אין קראָם אַריין, אויס־געפינען ווי אַזוי עס לעבט זיך איר, און צי בענקט זי נאָך זיי. האָבן אַנדערע געלאַכט פון אים:

— גיי שוין, גיי! זי האָט שוין מער ניט וואָס צו טאָן? יענע איז פאַרנומען אַ גאַנצן טאָג מיט אָנקלינגען מטבעות . . . זי לאַכט שוין פון אונז . . . דער „רעזשיסטער" זינגט שוין פאַר איר...

שפּעטער האָט מען שוין אינגאַנצן אויפגעהערט ריידן וועגן איר, גלייך ווי אַזעלכע האָט גאָר אין דעם שאַפּ קיינמאָל ניט געאַרבעט. פאַרגעסן . . . .

* * *

זיינען זיך איינמאָל אין אַ מיטיק־שעה געזעסן געמיטלעך אַ צאָל פרויען, געגעסן זייערע מאָלצייטן און בעת־מעשה גערעדט וועגן טאָג־טעגלעכע פּאַסירונגען. סעלמאַ, אַ פינישערין האָט מיט גרויס פאַרדרוס גערעדט וועגן די רייכע, וואָס האַלטן זיך אין איין גט'ן און אין איין חתונה האָבן, און די אָרימע שרעקן זיך אפילו איינמאָל חתונה האָבן . . .

ראָזי די עקזעמענערין האָט זיך באַקלאָגט, אַז די מוטער אירע דערגייט איר טאַקע די יאָרן, אַז ס'איז שוין צייט פאַר איר צו גיין חתונה האָבן, אָבער איר בחור מאַכט זיך גאָר טאַמעוואַטע . . . וואָס דער סוף וועט זיין, ווייסט זי ניט . . . דזשאַנעט, אַ צווייטע פי־נישערין, האָט יאוש'דיק געשאָקלט מיט איר קאָפּ און פילאָזאָפיש גע'מוסר'ט:

— אָט אַזוי זיינען מיר שוין, צום ערשטן אייַלט מען זיך און דערנאָך טוט באַנג . . . וואָס קומט מיר שוין אַרויס, אַז איך האָב שוין אַ מאַן, אַ אינגעלע שיין ווי דער טאָג. נו, זיץ איך און טראַכט איבער אַ גאַנצן טאָג, זע איך בלויז געפאַר פאַר אים . . . כ'האָב דאָך ניט קיין רואיקע מינוט. די אַרבעט איז מיר שווער, אוי ווי שווער! צי לוינט זיך דאָס . . .

— דו ביסט אַ משוגענע מאַמע, — האָט ראָזי איר אַריינגע־פאָרן — איך וועל אַזוי ניט זיין . . .

— דו וועסט זיין פונקט אַזוי משוגע, ווי זי, — האָט בעסי די אָפּערייטאָרין מיט זיכערקייט אין איר טאָן, געזאָגט, — אַלע מאַ־מעס האָבן ביי מיר איין פּנים . . . וואָס איך זאָג, אָבער, איז

ריכטיק. אז ארבעטער האָבן ניט קיין רעכט צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט, אָט וואָס!

— דו וועסט שוין אויסגעפינען, — האָט דזשאַנעט ווי אויסגעשריען. און איר פּנים האָט ביי איר אָנגעהויבן רויט ווערן.

— אָבער פּרענסים איז געווען קליגער פון אונדז אלעמען,—האָט ראָזי, אין א טרויעריקן טאָן, געזאָגט. סעלמאַ האָט איר איבערגעשפּארט. אז לויט איר מיינונג איז פּרענסים גאָר ניט געווען אזא חכמה. נאָר וואָס־זשע דען? זי האָט פּשוט מער מזל פון זיי אלעמען, דאָס אלעס . . .

אָט אזוי, האָט מען זיך שוין צערעדט וועגן פּרענסים'ן. צי איז זי טאקע געווען א שיינע, צי ניט. און וואָס זאָגט איר מאן אויף אירע קאפּריזן? נאָך עפּעס: ווי קומט עס, וואָס זי האָט די גאנצע צייט ניט געלאָזט וויסן, אז זי גייט ארום מיט א בחור? גאָר פּלוצים, זי גייט חתונה האָבן . . . זיי זיינען געווען אזוי שטארק פארטיפט אין זייער געשפּרעך, אז זיי האָבן גאָר ניט געזען ווען, און ווי אזוי פּרענסים איז אריינגעקומען אין שאָפּ אריין. עפּעס ווי א שאָטן האָט זי זיך אריינגעשארט. זי איז א ווײלע געשטאַנען הינטער זייערע פּלייצעס, און אפּנים ניט געוואָלט, אז מען זאָל רעדן צופיל לשון־הרע אויף איר . . . אָדער אפשר האָט איר געדולד געפּלאַצט. האָט זי אָן וועלכע עס איז צערעמאָניעס, דעם געשפּרעך זייערן איבערגעריסן. ס'האָט געהייסן: אָט איז זי דאָ פּערזענלעך! אויב זיי ווילן עפּעס וויסן וועגן איר, וועלן זיי באַלד אויסגעפינען . . .

אלע פיר, נאָר־וואָס באַריידעוודיקע, האָבן מאָדנע געגלאָצט מיט זייערע אויגן. ניט אַנדערש, אז ס'איז א חלום. דאָס לשון איז ביי זיי ווי אָפּגענומען געוואָרן. בעסי האָט אָנגעטאָן אירע גרויסע שפּאקולן, ווי זי וואָלט איר טאקע באמת ניט דערקענט. פּאר א ווײלע האָט געהערשט א שטיל־שווייגעניש. די מיילער אָפענע, די פּנים'ער פאר'חידוש'טע: — ווי קומט זי אהער?

סעלמאַ האָט זיך ניט געקאָנט איינהאלטן מער:

— וואָס זיצן מיר דאָ ווי די גולמ'ס? ס'איז דאָך פּרענסים!!! וואָס טוסטו? וואָס מאכסטו?

— טאַקע שיין פון דיין זייט, וואָס דו ביסט אונדז ענדלעך גע־קומען זען.

באַלד איז געוואָרן א געקושעריי. מען האָט איר באַוואָרפן מיט פאַרשידענע פראַגן, וועגן איר מאַן, וועגן דער קראַם. דזשאַנעט האָט דערווייל הינטערוויילעכס אַוועקגעלייגט אירע נייגעריקע בליקן אויף פרענסיס טאַליע . . .

פרענסיס האָט אויסגעזען זייער אויסגעבלייכט. אין די ווינקלען פון אירע אויגן — שוואַרץ. זי האָט זיך שווער אַוועקגעזעצט, גלייך ווי זי איז שוין ניט געזעסן ווער ווייס ווי לאַנג. זי האָט גע־כאַפּט א זייטיקן קוק צום מאַשין, אויף וועלכן זי האָט געאַרבעט, דערזען אז ער איז נאָך אַלץ צוגעדעקט מיט דעם זעלבן קויטיקן שטיק לייוונט, פּונקט ווי זי האָט אים איבערגעלאָזט. דאָס מיינט, אז קיינער אַרבעט נאָך ניט אויף אים . . . זי האָט געטראַכט ווי אזוי אויסצומיידן די אָפענע מיילער, וואָס וועלן איר ניט צורולאָזן, ביז זי וועט זיי ענטפערן אויף זייערע פראַגן: אָבער וואָס קאָן זי זיי דערציילן? זי האָט געפּילט ווי אָט־אָט שרייט זי אויס: „פרעגט מיר גאָר ניט, ווייל איך וועל אייך גאָר ניט דערציילן" . . . פרענ־סיס האָט אפּנים געוואָלט זיין זיכער, אז מען וועט איר צורולאָזן, האָט זי זיך צוגעשאַרט צום מאַשין, אַרונטערגענומען דאָס שטיקל לייוונט, באַטראַכט אים ווי זי וואָלט צו אים שטילערהייט געזאָגט: „מ'דאַרף אָנהויבן פון דאָס ניי" . . . בליקן האָבן זיך אָנגעהויבן דורכשמועסן: „פרענסיס, מיר פאַרשטייען... מיר פאַרשטייען"...

ראָזי האָט זיך געווישט אירע אויגן, זי האָט איצט דערזען פאַר זיך צעריסענע האָפענונגען . . . אומזיסט פרענסיס'ן מקנא גע־ווען . . . נישטאָ היינט קיין זיכערער שריט, הייסט עס . . . —

כמעט אַלע אַרבעטער האָבן איינגעשטימט, אז פרענסיס זאָל צוריקקומען אַרבעטן מיט זיי. בלויז דאָ און דאָרט האָט זיך דער־הערט אן אומעטיק קול:

— מיר האָבן דאָך אַליין ניט קיין אַרבעט . . .

דער טשערמאַן האָט דערויף געזאָגט:

— זאָל זיך אונדז דאַכטן, אז פרענסיס איז ניט אַוועקגעגאַנגען.

דאָס האָט זיך צעטראָגן פון מאַשין צו מאַשין:

— טאקע, טאקע, זאָל זיך אונדז דאכטן, אז זי איז ניט אוועק־געגאנגען.

* * *

איז געזעסן פרענסים ביי איר מאשין. דאָס רעדל האָט זיך געדרייט ווי אמאָל. ארבעטער זיינען געזעסן מיט אָפענע מיילער, גרייט צום זינגען, זאָל זי נאָר אָנהויבן און עס וועט שוין גיין א גאנג. אלע וועלן זינגען נאָך מער ווי פריער. פרענסים, אָבער, איז געזעסן דעם קאָפּ געזונקען אין מאשין און געטראכט וועגן די שווערע חובות, וואָס זיי זיינען שולדיק געבליבן, וועגן די טעג און נעכט, וואָס זי האָט אין קראַם פארלוירן, וועלכע וועלן זיך שוין קיינמאָל מער ניט אומקערן צוריק, וועגן איר מאן, וואָס גייט ארום א דערשלאָגענער: ווער וויים וואָס פון אים וועט ווערן? דאָס אלץ האָט איר שטארק געדריקט. זי האָט געפילט ווי אויסשרייען צו די נייגעריקע מיילער, אז עס זינגט זיך איר ניט מער . . .

---

## ברידער

דזשיי. ב. קאָנראַד, אַ מענטש אין די דרייסיקער, מיט פלאַק־סענע, גלאַנציקע האָר, ווי צוגעפרעסט צום קאָפּ, מיט אויגן בלויע, אָנגעפילט מיט פרייד, האָט שוין לאַנג פארגעסן דאָס יאָר, אָדער דעם טאָג, ווען ער איז אָנגעקומען אהער, אין דעם שטאַטישן שפּיטאָל אלס „אַמבולאַנס״־טרייבער. ער האָט געוואוסט איין זאַך, אז דאָ דאַרף מען אים האָבן אויף אלעמאָל . . . ווי באַלד אזוי, איז נישטאָ וואָס צו זאָרגן זיך. ער האָט שוין לאַנג אויפגע־געבען זיינע יוגנט־חלומות וועגן שטייגן הויך, און נאָך העכער. ער איז ווי געבוירן געוואָרן פאַר דער ארבעט וואָס ער טוט.

צומאָל האָט זיך אים געטראַכט וועגן זיין עלטערן ברודער, וועלכער איז יאָרן נאָכאַנאַנד געווען אַ סטודענט. באַצירט דאָס הויז מיט דיפּלאָמעס, און איצט וואַנדערט ער ארום פון שטאָט צו שטאָט, זוכט פּרנסה — זוכט אַן ארבעט, ער ווייסט אליין ניט ביי וואָס. ער באַדויערט אָפט זיין ברודער׳ס גורל. דערנאָך ווערט ביי אים זיין ארבעט נאָך חשוב׳ער. ער וואָלט אפילו דעם ברודער־געזאָגט, אז ער האָט מער שכל פון אים. יענער האָט זיך מיט פליגל באַזאָרגט, האָט מען אים זיי אונטערגעהאַקט . . .

די ערשטע צייט האָט ער וועגן זיך אויך אזוי געדענקט, אָבער יענע טעג זיינען שוין לאַנג ארויס פון זיין זכרון. היינט ווייסט ער איין זאַך: דער טעלעפאָן קלינגט: דאָ און דאָ איז אַ צע־שעדיקטער פאַראַן! איז ער באַלד אויף די פיס אָט זיצט ער ביים ראָד פונם „אַמבולאַנס״, צעלאָזט זיך מיט דער שרעקנדיקער סי־רענע, פאַר וועלכער אלע פארבייגייער יאָגן זיך שנעל אָן אַ זייט. פּאָליציי שטעלט אָפּ דעם גאַנצן פארקער און ער האָט דערפון גרויס הנאה, ווי דער דרך־ארץ פון דער גאַס געהערט אים אליין...

ביים אריינקומען אין שפּיטאָל האָט קאָנראַד זייער געליטן, ווען ער האָט באַדאַרפט אויפהויבן אַ צעשעדיקטן, ביי וועלכן מ׳האָט קיין פּנים ניט ארויסגעזען. אז מ׳האָט דעם קרבן אויפן בעטל אין „אַמבולאַנס״, ווי אין אַן אויוון אריינגעשאַרט, האָט ער, קאָנראַד, זיך שטאַרק פארקרימט. דעם גאַנצן וועג וועגן אים גע־טראַכט: צי לעבט ער נאָך, צי וועט ער דאָס אויסהאַלטן ביז׳ן

שפיטאָל: זאָל ער זיך בעסער אַ יאָג טאָן. יעדע מינוט איז טייער . . . און אז ער איז געלאָפן אויף ווי ווייט אים איז נאָר מעגלעך געווען, האָט ער שוין איבערגעטראַכט, אז צו גיך לויפן טויג אפשר אויך ניט . . .

האָט קאָנראַד געפירט אין זיין „אַמבולאַנס" אַ זעלבסט־מערדער, וועלכן מ'האָט ביים האַנט געפּאַקט, האָט ער זיך געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן: צוליב וואָס? אומעטיקע מחשבות פלעגן אים באַפאַלן אויף טעג נאָכאַנאַנד און אים ניט פאַרלאָזן. אפילו נאָכדעם ווי דער זעלבסט־מערדער איז שוין צוריק אויף זיינע פיס געווען. זיך שוין געוויצלט מיט די דאָקטוירים.

דערנאָך האָט קאָנראַד אליין ניט געוואוסט ווי אזוי, און ווי אַרום, ער איז געוואָרן גלייכגילטיק צו אַלץ. ער האָט זיך אַ יאָג געטאָן נאָך אַ צעשעדיקטן, יענעם אריינגעפּאַקט, ווי עפּעס אַ סחורה. ער האָט זיך שוין אפילו געקאָנט וויצלען מיט אַ נוירס, בעת זיינער אַ געבראַכטער קרבן האָט ביי גסיסה געהאַלטן. ער האָט זיך שוין מער ניט געשראָקן בעת מ'האָט אויפגעשטעלט דאָס באַרימטע ווענטל, וואָס טיילט אָפּ לעבן פון טויט. אַלץ איז ביי אים מיטאמאָל געוואָרן געוויינלעך: אָט אזוי איז עס! ער איז געווען זייער דאַנקבאַר צו די ארומיקע, וועלכע האָבן אים געהאָלפן פאַרהאַרטעוועט צו ווערן. צו קאָנען פאַרברענגען באַגלייך מיט זיי אין די פרייע שעה'ן.

איינמאָל האָט קאָנראַד געבראַכט אין אַמבולאַנס אַ קרבן, ביי וועלכן דאָס האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן גאַס. האָט קאָנראַד וועגן אים ניט געטראַכט, נאָר וועגן מיס קעלי, אַ נוירס אין שפּיטאָל: אַ וואויל מיידל, ס'איז דאָ אויף וועמען אַ קוק צו טאָן. ער איז געווען אויפגעלייגט: היינט, מאָרגן, וועט ער איר דערקלערן זיין פּלאַן, האָט ער צו זיך אַליין געשמייכלט.

אין שפיטאָל האָט מען דעם לעצטן קרבן געוואָלט צוריק ברענגען צום לעבן, אָבער ס'איז געווען צו שפּעט: איז וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט קאָנראַד'ן? ווי אזוי האָט מען דעם קרבן גערופן? די נוירסעס האָבן אזוי לאַנג בודק געווען די קעשענעס פון דעם מת, ביז וואָנען זיי האָבן געפונען אַ בריוו, וואָס ער האָט בדעה געהאַט צו שיקן זיין פרוי. אפשר ניט עטיש צו עפענען אן איינ־

טימען ברייוו, אָבער די נוירס, מיס קעלי, האָט געפילט, אז זי טוט דאָך דאָס „צוליב זיין טובה וועגן״ . . . זי האָט פארשריבן אויף א געדרוקטן קארטל אלץ וואָס עס איז דעם שפיטאל נוגע, אויס־געפילט אלע צעווירעטע קעסטעלעך.

פארטיק געוואָרן מיט דער פען, איז זי איבערגעלאָפן מיט אירע בליקן צי האָט זי קיין טעות ערגעץ וואו ניט געמאכט. זי האָט א ציטער געטאָן: דער נאָמען איז קאָנראד און זי האָט ביז איצט גאָר ניט באמערקט. דער נאָמען איז דאָך איר אזוי גוט באקאנט . . . נארישקייטן: ווי וואָלט געווען, ווען דער נאָמען פונם מת וואָלט געווען קעלי? וואָלט דאָס דען געמיינט, אז ער איז אירער א קרוב? א נעבעכטיקער טאָג!

מיס קעלי האָט זיך, אָבער, ניט בארואיקט. זי האָט זיך דער־מאָנט אז דזשיי. ב. קאָנראד, דעם וועלכן זי האָט ליב, האָט איר מיט א צייט צוריק דערציילט וועגן זיינעם א ברודער, וועלכער האָט א שטוב מיט קינדער און קאָן זיי ניט מפרנס זיין . . .

אזוי טראכטנדיק, איז אָנגעקומען דער לעבעדיקער קאָנראד. ער האָט א שטאָך געטאָן מיס קעלי׳ן מיט א פינגער און בשום אופן ניט געקאָנט פארשטיין, פארוואָס זי לאכט ניט: זע נאָר, א נוירס זאָל פלוצים זיין באזאָרגט! אפשר איז זי אים ניט גערן צו זען מער? אָבער דאָס איז דאָך אומעגלעך! ערשט מיט א פּאָר שעה צוריק האָבן זיי גערעדט וועגן זייער ביידנס תכלית . . . וואָס אייגנטלעך האָט זי אזוי איינגעגראָבן אירע אויגן אין אָט דעם קארטל?

קאָנראד האָט זיך אריבערגעבויגן איבער מיס קעלי׳ס אקסל, גענומען לייענען און געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער זעט דאָרטן גאָרניט קיין אויסערגעוויינלעכעס. זאָל ער אָקאָרשט נאָכאמאָל לייענען. מיס קעלי האָט דאָס קארטל צוגעשאַרט נאָענט צו אים: ער זעט פּאָרט גאָרנישט!

מיט א פּאָר סעקונדן שפּעטער, האָט זיך קאָנראד דערמאָנט, אז אין גרויס איילעניש האָט ער אויפן קארטל דעם נאָמען ניט איבערגעלייענט. דער קרבן מוז אודאי זיין פון די קעלי׳ס: נו, איז וואָס?...

קאָנראד האָט זיך צעוויינט ווי א קינד. צום ערשטן מאָל זייט מים קעלי געדענקט אים, איז ער פאר איר געשטאַנען מיט אזא צעשויבערטן קאָפּ. ער מוז גלייך די מינוט זען דעם מת!

מים קעלי האָט אים גענומען אונטערן אָרעם אין „מאָרג״ אריין. ער האָט זיך געהאלטן אין איין פּאָרוואָרפן:

— געפירט אן אייגענעם ברודער, און אפילו ניט געוואוסט! ווען ער ווייסט פון דעם, וואָלט ער גלייך אויפן פּלאַץ געזוכט א וועג אים צו ראטעווען. ער וועט זיך דאָס קיינמאָל ניט פארגעבן...

מים קעלי האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, האָט זי מורא געהאט, אז די ווערטער וועלן פון איר מויל ארויסקומען פארפרוירענע. זי האָט זיך שוין לאנג אָפּגעוואוינט פון ווערטער, וועלכע קאָנען עמיצן טרייסטן. האָט זי געשוויגן. די ליפּן האָבן ביי איר ניט אויפ־געהערט צו ציטערן.ביידע זיינען געבליבן שטיין מיט געבויגענע קעפּ. קאָנראד האָט געמורמלט א תפילה אין דער שטיל.

# צו־קינד...

ערשט ניט לאנג צוריק איז מארטא געזעסן ביי איר מאשין מיט א פרייליכער הארץ. געזען פאר זיך דאס אנקומען פון שיינע טעג אין איר לעבן, אזעלכע, וואס זי האט נאך ביז איצט ניט געהאט. די וועלט האט איר אנגעהויבן זייער געפעלן ווערן: וואס איז דער וואונדער? זי, מארטא, א פשוט'ע ארבעטער־מיידל, האט נושא־חן געווען ביי א מאלער און ער האט זיך מיט איר פארבונדן אויף אייביק . . .

אמת, פון דער פראקטישער זייט, גייט נאך ניט אלץ גלאטיק מיט אים. קיין סטודיא האט ער נאך ניט. בעלנים אויף זיינע בילדער זיינען נאך אויך נישטא. אבער דאס אלץ ארט איר ניט. זי גלויבט אלץ וואס איר אנדזשעלא זאגט איר, אז ס'וועט ניט נעמען לאנג און מען וועט זיך פון אים דערוויסן. דאן וועט זי דארפן זיין מיט אים אין זיין סטודיא. איר גיין ארבעטן וועט זיין נוצלאז, ווייל די צוגעגרייטע בילדער זיינע זיינען א פארמעגן . . .

האט טאקע מארטא'ן ניט אנגעהויבן צו ארן וואס עטלעכע טעג נאך דער חתונה האט זי שוין באדארפט צוריק קומען אין שאפ אריין ארבעטן. זי האט נאך געארבעט מיט מער חשק ווי פריער. קיינער האט איר ניט געקאנט אריבעריאגן. די מאשין איז ביי איר געווארן עפעס ווי א מוזיקאלישער אינסטרומענט. זי רוישט ניט מער, נאר זי זינגט. די ארבעטער האבן ביי איר אנגעהויבן אויסזען חנ'עוודי־קער. ניט מער די, מיט וועמען זי האט צוזאמען געארבעט פאר די לעצטע זעקס יאר, נאר אלע איינס און איינס אזעלכע וואוילע מענטשן געווארן . . .

דערפאר האט זי יעדן אינדערפרי ניט פארפעלט כמעט אלעמען פון שאפ צו באגריסן. טאקע ביי די נעמען אנגערופן. יעדן א באזונדערן גוט־מארגן אויסגעזונגען. זיך אפילו נאכגעפרעגט וואס דער און דער מאכט. און אז עמיצער האט זיך פארקרימט, עפעס גיט געפילט גוט, האט זי א גלעט געטאן די פלייצעס און, ווי א מומחה, געגעבן גוטע האפענונגען. דערנאך זיך מיט גרויסן פאר־נעם אוועקגעזעצט ארבעטן.

אָט אזוי איז מאַרטאַ טאָג־איין, טאָג־אויס, געזעסן ביי דער מאַשין, געשטעפּט זיידענע קליידער און בעת מעשה געוועבט אירע זוניקע מאַרגנס. אָט זיינען פאַר אירע אויגן צייטונגען אויסגעשפּרייט פול מיט ליוב אויף אַנדזשעלאַ׳ס בילדער. אירע אויגן ווערן צוויי מאָל אזוי גרויס. זי שמייכלט צופרידן: ס׳איז איר כבוד פּונקט ווי זיינער. זי האָט דאָך אים אזוי פיל ארויסגעהאָלפן! יאָ, ער אנערקענט דאָס! ער רעכנט זיך אפילו מיט איר מיינונג, ווייל ער ווייסט אז קליינערהייט האָט זי אויך געהאַט א שטאַרקן פאַרלאַנג צו מאָלן. געקראָגן קאָמפּלימענטן פון אירע לערער פאַר אירע דעמאָלטדיקע צייכענונגען. וואָס איז זי שולדיק, אז שלעכטע צייטן זיינען געקומען און זי האָט אלץ געמוזט אויפגעבן? אָפּטמאָל דוכט זיך איר, אז זי דריקט אויס דורך אנדזשעלאַ׳ס הענט איר פאַרלאַנג צו מאָלן... דוראויס צופרידן מיט דעם איז זי ניט· זי וואָלט גיכער ווען מאָלן מיט אירע אייגענע הענט. אנדזשעלאַ, ווייזט אויס, פאַרשטייט דאָס, ווייל ער האָט איר שוין געזאָגט א פּאָר מאָל, אז דאָס רעדל וועט זיך א דריי טאָן, וועט ער צעבלאָזן אין איר די פונקען פון איר איינגעשלאָפענעם טאַלאַנט. אָפּטמאָל שפּאַסט ער אפילו, אז זי וועט נאָך אפשר ווערן זיינע א קאָנקורענטקע. זי האָט א פיינעם חוש צו קאָמבינירן פאַרבן.

אז זי דערמאָנט זיך אָן די דאָזיקע ווערטער, כאַפּט זי אים פּלוצים ארום קושן:

— אַנדזשעלאַ, ביסט א גוטער!

די אָוונטן זיינען פאַר דעם פּאָר פאָלק געווען אזעלכע קורצע: דאַכט זיך ערשט פון שאַפּ געקומען און ס׳איז שוין האַלבע נאַכט! —האָט זיך אָפּט מאַרטאַ באַקלאָגט. אַנדזשעלאַ האָט כמעט אַלעמאָל, ווי א באַריכט אָפּגעגעבן, וועמען ער האָט אלץ דורכן טאָג געזען, און וואָס מבינים זאָגן וועגן זיינע בילדער. איין קונסט־מבין האָט אים שוין באַצייטנס צוגעגליכן צו דעם באַרימטן מאָלער ראַפאַעל...

מאַרטאַ האָט זייער ליב געהאַט צו הערן זיינע פילאָזאָפישע רייד וועגן דער צוקונפט. ער האָט געזאָגט אזוי: איבער זאַכן, וועלכע דאַרפן ערשט קומען, איז דאָ מער וואָס צו ריידן, ווי וועגן פאַרווירקלעכטע . . . זיי זיינען אינטערעסאַנטער, ווייל מיר זעען זיי פון א דיסטאַנץ.

צומארגנס, אז זי איז אין שאפ געקומען, האט זיך איר נאר גע־וואלט, אז עמיצער זאל זיך נאכפרעגן וועגן איר גוט לעבן. ניט איינמאל האט זיך ביי איר ארויסגעכאפט גוטמוטיקע שטראף־רייד צו די אנדערע מיידלעך:

— קינדער, וואס ווארט איר? — שוין אין איין אטעם דערציילט ווי געטריי אנדזשעלא איז צו איר, אז ווען זי קומט אהיים, איז דער צימער אויפגעראמט. אפילו א מאלצייט אנגעגרייט. זיין קאכן איז זייער געשמאק! זיי וואלטן געמעגט אמאל קומען פארזוכן׳

די מיידלעך פלעגן מיט איר שפאסן: שוין עטלעכע חדשים נאך דער חתונה און זי איז נאך אלץ פארליבט! און מארטא האט גע־לאכט הויך אויפן קול.

:: :: ::

מיטאמאל האט מארטא אנגעהויבן אריינצוקומען שפעט אין שאפ. אויסגעזען בלייך, ארום די ווינקלען פון די אויגן — געל. אז דער פארמאן האט זיך געבייזערט אויף איר האט זי געשוויגן. מיט אומעטיקע טריט געלאזט זיך גיין צו איר מאשין, זיך ארונטערגעלאזט ווי א שווערער קלומעק, אז דאס בענקל אונטער איר, האט אזש א סקריפע געטאן. און מיט אירע שפיץ פינגער, האט זי זיך קוים, קוים צוגערירט צו די צעשניטענע טיילן סחורות, ווי זיי וואלטן געוועז אומריין. אוועקגעשטעלט איר פוס אויפן טרעטער זייער לייכט, מיט א מין מורא אין הארצן. אויסגע־זען ווי איינע וואס לערנט זיך ערשט שטעפן. באלד איז זי אינ־גאנצן פארשוואונדן אין „דרעסינג רום״. אט אזוי עטלעכע מאל דורכן טאג . . .

און אז מארטא איז נאר פון איר מאשין אוועק, האבן זיך די אפערייטארס אנגעהויבן פריי דורכשמועסן:

— א מבין ווי זי זעט אויס!

— וואס, א שטייגער, האט דער כודאזשניק געהאט צו איר?

— גארניט, איר ווייסט ניט וואס ס׳קומט נאך א חתונה?

— א נאמען נאכן פארמאן!

— ש־ש־ש! אט קומט זי צוריק!

ליל, איר שכנה, האט אנגעהויבן פארשן, געוואלט, אז מארטא זאל איר דערציילן וועגן איר צערודערטקייט. זי האט זיך ניט גע־

וואָלט משער זיין . . . מאַרטאַ האָט זיך גלייך פאַררויטלט, געשוויגן א ווייַלע און דערנאָך מיט א שמייכל געזאָגט:

— געדענקסט, ליל, ווי דיר האָט זיך געוואָלט מיר איבערריאָגן? נו, איצט איז דיין צייט!

אין רעסטאָראַן האָט ליל פּלוצים דערזען, ווי מאַרטאַ כאַפּט זיך בלויז צו אַזעלכע רייצנדיקע מאכלים, גאָר ניט ווי איר טבע איז געווען. געצויגן אין זיך די שאַרפע ריחות מיט אַזאַ ליידנשאַפט, ווי זי וואָלט זיך גאָר ניט געקענט אָנזעטיקן מיט זיי· אירע נאָז־לעכער האָבן פּשוט ניט גערוט. און אַז דאָס עסן איז שוין לעבן איר אויפן טיש געווען, האָט זי בלויז פאַרזוכט פון דאָ און דאָרט, און גלייך פאַרדרייט מיט דער נאָז. שוין מער אויף קיין זאַך ניט גע־קענט קוקן. גע'חוזק'ט פון זיך אַליין:

— דזשי, בין איך געוואָרן א נאַשערין! . . .

ליל האָט איר אָנגעהויבן באַדויערן, וואָס זי דאַרף נאָך אַלץ קומען אין שאַפּ אריין אַרבעטן. זי ווייסט פון דערפאַרונג, אַז אין אַזעלכע טעג איז אפילו הויז־אַרבעט צו שווער. מען דאַרף האָבן א סך רו, זיין אויף דער פרישער לופט, צוגרייטן זיך פאַר שווערע טעג, וועל־כע דאַרפן ערשט קומען . . . זי האָט, אָבער, באַשלאָסן ביי זיך וואָס ווייניקער צו ריידן וועגן דעם מיט מאַרטאַ'ן. זי וויל איר ניט אָנשרעקן. דאָס וועט בלויז איר לאַגע פאַרערגערן. חוץ דעם, האָט זי געזען, אַז מאַרטאַ האָט זיך אַלץ געשעמט מיט איר צושטאַנד... געבראַכט זיך א כאַפּאַט אַזאַ צו פאַרדעקן איר פיגור, און טוט אים קיינמאָל ניט אויס! איר האָט זיך געהאַלטן אין איין אויסדרוקטן, אַז אַלעמענס בליקן טאַנצן אַרום אויף איר טאַליע · . . ליל האָט ביי זיך געטראַכט: זאָל מאַרטאַ דענקען, אַז ס'איז נאָך אַלץ א סוד פאַרן שאַפּ!

שפּעטער־צו האָט מאַרטאַ אָנגעהויבן ריידן אָביסל פרייער וועגן זיך. געדערדט צו איר שכנה ליל, ווי צו אירער אַן עלטערער שוועס־טער. אַלץ איז געווען אין א יאוש'דיקן טאָן: צו וואָס האָט זיך איר דאָס געלוינט! . . . צי האָט זי געהאַט א רעכט דערויף? . . . זי האָט דאָך בלויז א פּנים פון חוזק ביי אַלעמען אין די אויגן... דער־ציילט, אַז אַנומעלטן האָט זי געלייענט א בוך וועגן א רייכער פרוי אין אירע אומשטענדן, ווי די שטוב־מענטשן זיינען פאַר איר גע־

שטאַנען, ווי פאַר אַן עלטסטן, בעת זי איז דורכגעגאַנגען. אירער אַ באַפעל האָט געמוזט צו דער מינוט אויסגעפאָלגט ווערן. די מוטער האָט געזאָגט, אַז די טאָכטער אירע רעדט אין נאָמען פון אַ נייעם דור . . . מאַרטאַ האָט דערביי שווער אָפּגעזיפצט: וועט עמיצער אַזוי ריידן וועגן איר? . . .

ליל איז שטאַרק פאַרקלעמט געוואָרן פון אַזעלכע רייד׳ זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן. דערנאָך האָט זי ווי דעקלאַמירט: עס וועט קומען אַ צייט, ווען אונדזער דור וועט אויך זיין אָנגעלייגט . . .

אָט אַזוי זיינען זיך טעג און וואָכן געגאַנגען. מאַרטאַ איז אין די העכערע חדשים אריין. אפשר אינגאַנצן דעם חשבון פאַרלאָרן...

און צייטנווייז, ווען זי האָט איר אָרעמס אויסגעשטרעקט, לאַנגע נעט געשטעפּט, האָט זי צום ערשטן מאָל דערפילט אַ צאַפּלעניש אונטער דער ברוסט. אַ געמיש פון פרייד און שרעק האָט איר דאַן ארומגענומען. זי האָט אַ שטיקל ציטער געטאָן. מורא געהאַט ווייטער צו שטעפּן. אפילו מורא געהאַט אויפצוהויבן זיך פון בענקל... געזעסן אַ ווײַלע אַן אומבאַהאָלפענע, מיט ניט באַשטימטער אחריות אויף זיך.

אַ צווייטן מאָל ווען דאָס האָט פּאַסירט, האָט שוין מאַרטאַ גע־שמייכלט צו זיך אַליין, גלייך געוואָרן לעבהאַפטיק׳ די מאַטע אויגן צעצונדן, די באַקן צעפלאַמט, ווי זי וואָלט נאָר־וואָס אַ ערשטן מאַנס־בילשן קוש געקראָגן. איר האָט זיך געדוכט, אַז ווען דער גערויש פון די מאַשינען זאָל אָפּגעשטעלט ווערן, וואָלט זי געהערט דאָס פּיעסטשען זיך פון דעם באַהאַלטענעם נפש׳ל. עס שטרעקט אודאי אַ הענטל צו איר . . . געפילט, ווי אָט וועט זי איר פרייד ארויס־שרייען פאַר אַלעמען. אין אירע אויערן האָט זיך באַצייטנס גע־זונגען אַ וויג־ליד . . .

אין יענע נעכט האָט זי וועגן דעם נפש׳ל גע׳חלומ׳ט: ס׳איז אַ אינגעלע! אַנדזשעלאַ האָט געטראָפן! מיט איר גאַנצן כוח דאָס געטוליעט צו זיך. געקוקט אים אין די אויגעלעך: אינגאַנצן ווי דער פאָטער! געקיצלט דאָס מיט אַ פינגער אין בייכל. דאָס פּיצל האָט געלאַכט און זי מיט דעם צוזאַמען. ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט זי מיט צעשראָקענע אויגן דאָס נפש׳ל ארומגע־זוכט, דערנאָך געבליבן זיצן אויפן בעט אַ באַטריבטע, אַ טרויעריקע.

פלוצים האָבן זיך מאָדנע טעג אָנגערוקט. מאַרטאַ'ן האָט זיך נאָר געדאַכט, אַז דאָס בענקל, אויף וועלכן זי איז ביז אַהער געזעסן, איז מיטאַמאָל קלענער געוואָרן . . . זי האָט אַלעמען אין שאָפּ פיינט באַקומען. אפילו איר בעסטער שכנה ליל, וועלכע האָט איר אַלעמאָל געטרייסט, אַז אַנדערע צייטן וועלן קומען. זי האָט פאַר־לאָרן דאָס געדולד אויך צו איר. אפילו ניט געהערט מער וואָס ליל האָט צו איר גערעדט. אירע נערוון זיינען ביי איר געוואָרן אַזוי שאַרף אָנגעצויגן, ווי סטרונעס אויף אַ פידל. אָט,אָט וועלן זיי פּלאַ־צען! דער גערויש פון די מאַשינען האָט אויף אירע אָדערן געטאַנצט. די געלעכטערס פון די מענטשן אַרום — געגריצט אין אירע אויערן. און די רייד זייערע — עפּעס אָן אַ סדר, ווי אַלע וואָלטן איר אויף צו להכעיס מיט די צונגען געקלאַפּט... בעת דער צושניידער קעגנ־איבער האָט פּאַרזיכטיק געפירט זיין מאַשין איבער די סחורות אויף דעם לאַנגן טיש, האָט מאַרטאַ שטאַרק געפּינטלט מיט די אויגן, געצוקט מיט די אַקסלען, געהאַט דאָס געפיל, ווי אַ צאָל זקנים וואָלטן זיך צעקרעכצט.

אפשר טויזנט מאָל דורכן טאָג האָבן איר מחשבות געשראָקן, אַז זי וועט דאָס אַלץ ניט איבערלעבן. זי וועט שטאַרבן. דאָס קינד אויך! אַנדזשעלאַ וועט בלייבן איינער אַליין . . . נאָך אַזעלכע מחשבות איז זי ווידער געלאָפן אין „דרעסינג רום” זיך אויסוויינען אין דער שטיל. דאָרטן האָט זי זיך אַליין אָנגעהויבן מוסר'ן: פאַרוואָס רעכנט זי אַזוי אויס איר מאַן? זאָל מען פון דער דירה אַרויסשטעלן! זאָל ער הונגערן! זי קען זיך שוין באַגיין אָן עסן . . . זי וויל בלויז אַ שטיל אָרט. ניט מער!

באַלד האָט זי ווידער געקראָגן רחמנות אויף איר אַנדזשעלאַ'ן: „ער לויפט דאָך יעדן טאָג אַרום זוכן פּרנסה! ער איז דאָך אַזאַ גוטער! איר איז דאָך שוין אַלצאיינס” . . .

אין אָוונט האָט זי פונדעסטוועגן אויסגעלאָזט איר גאַנצן צאָרן צו אים: וואָס האָט ער זיך אַזוי אויסגעפּוצט? וואָס פאַר אַ יום־טוב איז דאָס אויף אים? און אַז אַנדזשעלאַ האָט זי געוואָלט באַ־רואיקן, דערציילט איר מיט גרוים באַגייסטערונג, אַז ער מאָלט שוין באַצייטנס אַ בילד פון דעם נייעם נפש, ער איז זיכער, אַז ס'וועט זיין אַ אינגל! מיט איר אָנבליק! — האָט זי זיך פּשוט פאַרשטעלט

די אויערן און געטופּעט מיט די פּיס. זאָל ער גלייך אויפהערן צו פּלאַפּלען! גלייך די מינוט! זי האָט זיך אריינגעוואָרפן אין בעט אריין מיט די קליידער אויף זיך און שטילערהייט צעקלאָגט זיך: קיינער וויל איר ניט באַרעכענען! אפילו איר אייגענער מאַן אויך ניט . . .

:: :: ::

ליל איז איינמאָל אינמיטן העלן טאָג מיט מאַרטאַ׳ן צו א דאָק־טאָר אַוועק. מאַרטאַ האָט שוין לענגער אין שאַפּ ניט געקענט פאַר־בלייבן. יענעם פרימאָרגן האָט זי עטלעכע מאָל ביים מאַשין מיטן קאָפּ פאַרוואָרפן, ווי ער וואָלט געוועז מיט בליי אָנגעפּילט. די גאַנ־צע ארבעט האָט זיך אָפּגעשטעלט. אלע ארבעטער האָבן זי ארומ־גערינגלט. יעדער פון זיי האָט זיין חלק רחמנות בייגעשטייערט. און ווען מאַרטאַ איז שוין צוריק אויף אירע פיס געשטאַנען, האָט איר נאָך אלץ געשווינדלט פאַר די אויגן. די מענטשן, ווי שיכורים געהוידעט זיך צוזאמען מיט די מאַשינען זייערע. אָט־אָט פאַלן זיי אַנידער׳ דעם זשום, טיף אין די אויערן, ווי א צאָל בינען וואָלטן דאָרטן ארומגעפלויגן.

דער דאָקטאָר האָט לאַנג געהאַלטן איינגעגראָבן זיין טרובקע אויף מאַרטאַ׳ס הויכן לייב. געקנייטשט מיטן שטערן און געגעבן איר שטראָף־רייד: זי מוז זיך אומבאַדינגט אָפּהיטן . . . אומבאַדינגט!

ליל האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און מאַרטאַ האָט גלייכגילטיק געשמייכלט . . .

# א פייער

בענדזשאַמין איז אַרויסגעקומען פון „סאַבוויי" אַ צעווירענער, זיין קאַפּעליוש איז געווען צעדרייט, דער שניפּס אויף אַ זייט, זיין צייטונג צעפליקט. ער האָט שטאַרק מקנא געווען די חברה־לייט, וועלכע זיינען צוזאַמען מיט אים געפאָרן אין איין „קאַר". די יונגוואַרג האָט אַזוי הארציק געלאַכט. ווען די סאַבוויי האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט און פּאַסאַזשירן האָבן אָנגעהויבן פאַלן איינער אויף דעם צווייטן, ווי שיכורים. דאָס איז ביי דער יונגוואַרג געווען אַ שפּיל אַזאַ.

— אפשר איז ער אויך אַמאָל אַזוי געווען, — האָט בענדזשאַמין געטראַכט. אָבער איצט פילט ער זיך אויסגעמאַטערט אַזוי, ווי מען פילט זיך נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט.

בענדזשאַמין האָט דערזען פון ווייטן דעם „קאַטער" פון דעם שאַפּ, וואו ער אַרבעט, האָט ער זיך פאַרגעסן אָן זיין מידקייט. ער האָט אָנגעהויבן גיין מיט שנעלע טריט ביז ער האָט אים אָנגעיאָגט.

ביידע אַרבעטער האָבן זיך אָפּגעגעבן גוט־מאָרגן און בענדזשאַמין האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז ער וועט אַ טאָפּ טאָן דעם דופק פון שאַפּ, צי וועט נאָך זיין אַרבעט כאָטש פאַר נאָך עטלעכע וואָכן.

— איך האָב גראָדע געטראַכט וועגן אייך, — האָט בענדזשאַמין אַ זאָג געטאָן:

— וואָס האָט איר געטראַכט? — איז דער „קאַטער" געוואָרן נייגעריק.

— אייך אַ פרעג צוטאָן וועגן שאַפּ. איר האָט דאָך עפּעס, ווי מען זאָגט, דעם שליסל צום שאַפּ, פאַרט אַ „קאַטער".

סעם דער „קאַטער" האָט זיך אָנגעהויבן גרויסן ביי זיך:

— אודאי ווייס איך. — ער האָט בענדזשאַמינ׳ען אַ קלאַפּ געטאָן אין די פּלייצעס.

— אַבי געזונט, מיר האָבן נאָך „אָרדערס" אפשר אויף צען וואָכן.

ביי בענדזשאַמינ׳ען האָבן די אויגן אָנגעהויבן גלאַנצן.

— טאַקע? — האָט בענדזשאַמין לייכטער אָפּגעאָטעמט.

— איר הערט, סעם? איך ווייס ניט, צי ס׳איז נאָך דאָ אַ

מענטש, וואָס זאָל אזוי פיינט האָבן יענעם שולדיק צו זיין, ווי איך.

— ווער האָט דען ליב? — האָט סעם מיט א שמייכל געזאָגט.

— דאָס איז אויך אמת, אָבער איך האָב דאָס שרעקלעך פיינט...

ביי דעם וואָרט „פיינט" האָט זיין גאנצער קערפּער א ציטער געטאָן.

— איר הערט, סעם: איך גיי פאַרביי מיין גראָסערימאַן און איך זאָג אים גוט־מאָרגן, ענטפערט ער מיר עפּעס אזוי מאָדנע, ווי איינער רעדט: ווער דאַרף דיין גוט־מאָרגן? באַצאָל בעסער דיין חוב!

— קלערט זיך ווייניקער אריין, — האָט סעם איבערגעשלאָגן. ער האָט א קוק געטאָן אויף זיין האַנט־זייגערל.

— מיר דאַרפן זיך אביסל צואיילן.

ביידע ארבעטער האָבן אָנגעהויבן גיין גיכער און בענדזשאַמין האָט ווידער אָנגעהויבן אויסדערציילן זיין ביטער האַרץ.

— איר ווייסט, סעם, פאַרוואָס איך רעד אזוי? ווייל איך בין אַן אָנגעפּלאָגטער. — בענדזשאַמין האָט אויפגעהויבן צוויי פינגער און באוויזן:

— צוויי יאָר צייט, ניט פאַר אייך גערעדט, זיך ארומגעדרייט אָן א דזשאָב. מיינע פיס זיינען מיר געוואָרן ווי צוויי קלעצער פון דעם ארומשלעפּן זיך גאנצע טעג. עס האָט מיך פּשוט ארומגעטראָגן. איך האָב זיך איינמאָל, אפילו אין א זונטיק, אויפגעכאַפּט און געלאָפן. כ'האָב אליין ניט געוואוסט וואוהין. דער עול פון פּרנסה האָט ניט געלאָזט רוען . . .

— אָבער צו וואָס דאַרפט איר זיך גאָר אין גאנצן דערמאָנען אָן יענער צייט? — האָט סעם איבערגעשלאָגן. — ביי אונדז אין שאַפּ וועט איר קומען צו זיך. „רייבט קלאָוקס" און טראַכט ווייניקער.

בענדזשאַמין האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט.

— וואָס האָט פּאַסירט? איר האָט עפּעס פאַרגעסן אין דער היים? — האָט סעם געפרעגט.

— זעט נאָר: דאַכט זיך, אז די בעלי־מלאכות פון אונזער שאַפּ קומען אונדז אַנטקעגן, — האָט בענדזשאַמין מיט א ציטער אין קול געזאָגט.

סעם האָט זיך גוט איינגעקוקט.

— דאַטסרייט, אָט איז טאַקע בערל דער פּרעסער . . .

בענדזשאמין האט זיך אנגעהויבן קראצן אין קאפ:

— וואס זאל דאס באדייטן?

— ס'איז גארניט, דער פארמאן האט זיך מסתמא פארשלאפן, — האט סעם געטרייסט און ביידע האבן אנגעהויבן שפאנען שנעלער.

באלד זיינען זיי געווען אויסגעמישט מיט אלע ארבעטער.

— נו, סעם, — וואס זאגט איר עפעס אויף אייערע באלעבאטים? עס ווילט זיך זיי רייכער ווערן, — האט איינער פון די ארבעטער זיך געקאכט.

— א טויט וואלט איך זיך זיכער געריכט אויף זיי. עס ליגן דאך בערג מיט ארבעט, — האט א צווייטער ארבעטער אונטערגע־כאפט.

— א וועלט אן א ברעקל יושר, — האט נאך איינער זיך גע־כעס'ט.

בענדזשאמין האט אנגעהויבן פרעגן מיט די הענט, ווי ער וואלט זאגן:

— וואס וועט זיין מיט מיינע חובות?

די ארבעטער האבן זיך געלאזט גיין. בענדזשאמין איז געבליבן שטיין ווי צוגעקאוועט צום פלאץ. ניט אנדערש, אז זיי ווילן אים אפטאן א שפיצל, ווייל ער איז א נייער ארבעטער אין שאפ, האט בענ־דזשאמין געטראכט. עס גלויבט זיך אים ניט. אז עפעס האט פאסירט מיט דעם שאפ.

בענדזשאמין האט זיך צוגעשארט צו דעם מויער, וואו דער שאפ איז געווען.

אויפן טראטואר איז געלעגן א בערגל פון שטיקער צעברענטע מעבל, וואלענע סחורה און צעווארפענע לאנגע, ווייסע בלעטלעך פא־פיר מיט געלע פלעקן.

בענדזשאמין האט ארויפגעקוקט אויפן צווייטן שטאק, וואו ער האט ערשט נעכטן געארבעט, און דערזען פארסמאליעטע שאלעווא־ניעס, קיין סימן פון פענצטער איז מער ניט געווען. א מאן מיט א בלויער אוניפארם האט זיך דארטן ארומגעדרייט.

בענדזשאמין איז געבליבן שטיין א צעטומלטער, ווי א קינד וואס די עלטערן האבן צווישן א געדיכטן עולם פארלוירן.

# היינטיקע צייטן

מיט אן אומעטיק פנים האָט די פרוי, לינע, באטראכט דעם ליידיקן אָרט, וואו דאָס געלט איז ערשט געלעגן. זי האָט געהאלטן אינמיטן אויפראמען. דער מאן האָט דאָס געלט דאָרט אוועקגעלייגט און זי האָט אָט ערשט מיט אים זיך געאָמפּערט ווי אזוי זי וועט אויסקומען אַ גאַנצע וואָך מיט אזוי ווינציק. און דאָ איז מיטאמאָל נאָך אַ דאָלער אנטרונען געוואָרן. אין יעדן ווינקעלע האָט זי שוין געזוכט. זי האָט אויפגעהויבן איר מידן קאָפּ, באגעגנט זיך מיטן מאַנ׳ס בליקן, געשוויגן אַ ווײַלע, דערנאָך גערעדט ווי צו זיך אליין, אין אַ טאָן פול צער:

— פארפאלן!

— וואָס הייסט פארפאלן! — האָט זיך דער מאן גע׳כעס׳ט, — קיין גנבים זיינען דאָ ניט געווען!

די פרוי האָט אַ שארפן קוק געטאָן אויף אים. איר איז ניט גע־פעלן געוואָרן זיינע אָנצוהערענישן. זי ווייסט שוין, וואָס ביי אים ליגט אויף דער צונג . . .

דער מאן האָט טאקע חושד געווען זיין זון דעיווי׳ן. אַ גרויסער בחור אויסגעוואקסן. גייט שוין אודאי ארום מיט מיידלעך: איז וואו זאָל ער פאר אים נעמען אויף אלע זיינע באדערפענישן? ער וואָלט אזוי וועלן, אז די פרוי זאָל וויסן פון זיינע מחשבות, אָבער ער וויל זי ניט נאָך מער מצער זיין. ער דערמאָנט זיך, אז אנומעלטן האָבן זיך ביי אים שארפע ווערטער ארויסגעגליטשט וועגן דעיווי׳ן: ער גייט ניט זוכן קיין ארבעט ווי מען דארף; ער שטייט ניט אויף גענוג פרי; לאָזט דעם זייגער גריילצן און פארדעקט זיך גאָר איבער די אויערן . . . ער, דער טאטע אין זיינע יאָרן, האָט ניט גערוט. שוין געווען אַ פארדינער . . .

דער פרוי זיינער האָבן זיך דאַן געשטעלט טרערן אין די אויגן: איין שטיקל קינד, וואָס ווילסטו פון אים האָבן? זי האָט אים אריינ־געשושקעט אין אויער אריין, אז קינדער פון אָרימען גראד אנטלויפן היינט פון די היימען . . . ווען דאָס פאסירט ביי איר, וואָלט זי דאָס ניט אריבערגעטראָגן . . .

איז ווי אזוי קאָן ער גיין איצט חושד זיין דעיווי'ן? זי וועט דאָך אים דעם קאָפּ פּארוויינען. זי וועט זאָגן: נאָר א טאַטע קאָן אזוינס אויסטראַכטן! צי ווייסט ער דען ניט, אז דעיוו פארשטייט גוט די לאַגע פון הויז? אָט האָט ער אָנגעהויבן צו רויכערן, און באַלד אַליין אויפגעהערט. דאָס איז לוקסוס פאַר אים, האָט ער געזאָגט. היינט ווי אזוי קאָן מען האָבן ווענן אים שלעכטע מחשבות? ער וועט ניט נעמען קיין סענט אָן איר וויסן. פאַר קיין פאַל ניט...

ווי באַלד אזוי, איז דער מאַן געווען צופרידן, וואָס ער האָט זיך ניט צעפלאָפּלט ווענן דעיווי'ן: סטייטש, אזא בלבול! אָן עק זאָל נעמען, ער וועט צוליב א דאָלאַר ניט א תל־מאכן פון זיין שלום־בית! נאָך דאָס פעלט אים . . . ער וועט אַרונטער נעמען דעם דאָלער פון זיינע אייגענע הוצאות פאַר דער וואָך, זאָגן איר, אז אָט האָט ער נאַרוואָס געפונען דעם שאָדן. זאָל זי א שמייכל טאָן: זי וועט זיך פרייען. דאָס הויז איז דאָך אזוי זשעדנע אין א שמייכל..

די פרוי האָט פּלוצים גענומען אויסגלייכן איר קערפּער, א פּאָר מאָל געקוקט צו דער טיר, וואו זי האָט נאַרוואָס געזוכט דעיווי'ן זיך אַרויסרוקן. באַלד האָט זי זיך צוריקגענומען צו איר אַרבעט. גע־טראַכט: מער וועט זי שוין דעם שאָדן ניט זוכן.

דעיוו איז געגאַנגען מיט דעם מיידל גאָלדי, צו וועמען ער האָט מיט עטלעכע טעג צוריק געזאָגט, אז זי איז די איינציקע, וואָס זיין האַרץ ציט אים צו איר . . . און געפרעגט אויב זי האָט אויך אזא געפיל . . . גאָלדי האָט אים אָפּגעענטפערט מיט א קוש. קיינער, קיינער איז צו דעיוו'ן ניט גלייך געווען. ער האָט אפילו באַ־שלאָסן דער מאַמען אויסצוזאָגן, אָבער ער האָט דאָס נאָך ניט גע־טאָן, מורא געהאַט, אז זיין באַזאָרגטע מאַמע, וועט זיך מיט דעם ניט פרייען. און ער וואָלט דאָס איר קיינמאָל ניט פאַרגעבן . . . אָבער איצט, האָט ער געטראַכט ווענן עפּעס אַנדערש . . .

גאָלדי האָט אים שוין צום צווייטן מאָל געזאָגט, אז ער זעט איר אויס אזוי אומעטיק: ווי אזוי קאָן זי מיט אים זיך גיין אַמוזירן? אפשר זאָלן זיי דאָס לאָזן פאַר אַן אַנדערש מאָל?

דעיוו האָט זיך כמעט אָן זיין וויסן צעשריען:

— ניין, ניין! היינט גייען מיר זיך אַמוזירן. די שלעכטע שטימונג איז שוין באַלד פאַראיבער. ס'איז . . .

גאָלדי האָט אים געגלעט זיין הויכן האַלז, און ווי א מוטער אָנ־געהויבן צו פאַרשן: זי וויל וויסן פארוואָס האָט ער אזא שטימונג. ער, דעיוו זאָגט אָבער — ס'איז פערזענלעך . . .

— האָסט שוין פארגעסן, וואָס דו האָסט מיר צוגעזאָגט? קיינע סודות! . . . האָט גאָלדי אים דערמאָנט.

דעיוו איז געשטאַנען אין פארלעגנהייט: ער קאָן גאָלדי'ן דעם אמת ניט דערציילן! זי וועט דעם גאַנצן דרך־ארץ פאר אים פארלירן. נו, טאקע, וואָס הייסט נעמען געלט אָן דער מאַמעס וויסן! אים אליין טוט שוין אויך באנג. אויב ער טראכט נאָך א ווייל־ע וועגן דעם, לויפט ער צוריק אהיים. ער וועט זאָגן דער מאַמען . . . ניין, ער קאָן גאָלדי'ן ניט פארלאָזן! זי וועט זאָגן אז ער מאכט חוזק פון איר. צו וואָס האָט ער זי אהער געבראכט?

דעיוו האָט אָפּגעקערט זיין פנים אָן א זייט. דערציילט גאָלדי'ן, אז ער האָט זיך צעקריגט מיט זיינעם א פריינט. און איידער זי זאָל ביי אים וועלן פרעגן פארוואָס, האָט ער זי א צי געטאָן פאר אן אָרעם און כלומרשט פרייליך אויסגערופן:

— מיין טייערע, מיר גייען אין די מואוויס!

אין דעם קוים־קוים באַלויכטענעם פּלאַץ, וואו מען זעט בלויז שאָטנס פון מענטשן, האָט זיך דאָס פּאָרל באַזעצט. דעיוו האָט מיט זיין רעכטער האַנט גאָלדי'ן ארומגעאַרעמט. צוגעדריקט זי אזוי נאָענט צו זיך, אז איין בענקל וואָלט שוין גענוג געווען פאר ביידן... געטראַכט: זאָל זי אים ניט חושד זיין, אז ער איז נאָך אַלץ אומעטיק.

ביידע האָבן זייערע בליקן אויפן לייוונט געלאָזט הענגען. גאָלדי האָט שוין אפילו געלאכט פון א קאָמישער פּאַסירונג דאָרט. דעיוו האָט גאָר זיין מוטער דאָרט געזען. אָט איז די קיך זייערע! די מאַמע גייט ארום א פאר'חושכ'טע און זוכט דעם שאָדן . . . אָט הערט ער זיין פאָטערס שטימע: היינטיקע קינדער, ער ווייסט, אז מען טרינקט זיך פאר א סענט . . . דעיוו טענה'ט זיך מיט אים אויס ביי זיך אין הארצן: וואָס האָט ער געזאָלט טאָן? לאָזן גאָלדי'ן פאר אים באַצאָלן? אָדער אפשר זי אינגאַנצן ניט באַגעגענען? די שטוב איז דאָך אים אזוי דערעסן. שטענדיק איז אזוי אומעטיק! דער ביסן ברויט ווארגט אים אין האַלדז . . .

עס האָט דעיווי'ן אָנגעהויבן שטארק לאַנגווייליקן צו קוקן אויפן

ליוונט. ווען ער איז איצט אליין, וואָלט ער גלייך ארויסגעלאָפן. נישטאָ קיין געדולד דאָ צו זיצן . . . אין די אויערן שרייט: וואָס וועט זיין דער תכלית? ער האָט געדענקט, אז דאָ וועט ער זיך אין זיין לאגע פארגעסן, צום סוף האָט ער אומזיסט דער מאמען עגמת־נפש פארשאפט . . . ער האָט זיך געוואָלט טרייסטן: נאָכאלעמען האָט ער דאָך ביי קיין פרעמדע ניט גענומען. ער וועט דעם דאָלער אומקערן צוריק! זאָל ער נאָר אָנהויבן ארבעטן . . . די צערודערטע נערוון זיינע האָבן אים, אָבער, ניט געלאָזט טרייסטן זיך: ס'איז ניט מענטשלעך צו גיין זיך אמוזירן אויף דער מאמעס חשבון! ניט שיין, ניט שיין . . . דער טאטע איז גערעכט! ניין, ער איז ניט גערעכט!

אינדרויסן, ווען ביידע זיינען ארויסגעקומען גרייט צו גיין אהיים, האָט גאָלדי זיך צוגעזעצט צו אים: זי וויל הערן זיין מיינונג וועגן די בילדער! דעיוו האָט זיך פארקלערט, כאָטש עפעס צו דערמאָנען זיך. ער האָט דאָך באלד זיינע בליקן פונם ליילעך אוועקגעכאפט, איז פון וואנען זאָל ער וויסן! ער האָט א ווײלע געשוויגן. באלד זיך דער־מאָנט, אז דער עולם האָט שטארק געלאכט. זיינען אויערן געקלע־בערט . . .

— א שיינע קאָמעדיע! — האָט דעיוו פלוצים אויסגערופן.

— פארוואָס־זשע זעסטו ווידער אויס אזוי אומעטיק?

— איך? — האָט דעיוו כמעט געשריען — ס'דאכט זיך דיר אויס! איך בין פרײלעך, זייער פרײלעך! — ער האָט איר גלייך א כאפ געטאָן אונטערן אָרעם, זי אָפגעפירט אהיים. בעת ער האָט איר ארומגענומען צו געזעגענען זיך מיט איר, האָט אים גאָלדי אריינגע־שושקעט אין אויער אריין: א צווייטן מאָל, אויב ער וועט זיין אזוי אומעטיק, זאָל ער בעסער זיצן אין דערהיים! זי וועט מיט אים אין ערגעץ קיין שפאן ניט מאכן . . .

דעיוו האָט געשוויגן. ס'האָט אים וויי געטאָן. ער האָט זיך ווי א שיכור אוועקגעהוידעט. געטראכט, אז ער וואָלט באדארפט עפענען זיין הארץ פאר זיינע פריינט.ביז ווען וועלן זיי זיך אלע נארן איינער דעם צווייטן? נאָך א יאָר און נאָך א יאָר קלאָפט אין זייערע טירן, רופט צום דערוואקסענעם לעבן: וואָס איז זייער ענטפער? זאָל מען זיך איינער פארן צווייטן מתודה זיין, וועט זיי אלעמען לייכטער ווערן . . . זאָלן זיי אים אן עצה געבן . . .

אין הויז האָט דעיוו געטראָפֿן די מוטער זיינע ביים קיך־טיש. אונטערגעשפאַרט איר קאָפּ אויף אירע עלנבויגנס פון וועלכע גרינע אָדערן האָבן ארויסגעקוקט. זי האָט ווי פאַר אים געוואַרט. מחשבות האָבן דעיוו'ן געטריבן: גיי בעט זי איבער! זי וועט פארגעבן . . . ער האָט זיך אויף די שפּיץ פינגער צו דער מוטער צוגעשאַרט, און מיט כלומר'שט צוגעמאכטע אויגן געבליבן שטיין, אָנגעהויבן צו שפּילן זיך מיט אירע גרויע האָר פון קאָפּ.

די מוטער האָט אויסגעדרייט איר פּנים צו אים און געפרעגט:

— האָסטו זיך עפּעס אמוזירט, מיין זון?

דעיוו האָט זיך דעפילט דערמוטיקט פון דער מוטערס ווערטער. ער האָט זי שוין געהאַט ארומגענומען. איר פארזיכערט, אז ער האָט גוט פארבראַכט. זי האָט אים געקוקט אין די אויגן אריין, ווי געזוכט דאָרט א ביסל פארבליבענע פרייד, און אויף איר פּנים האָט זיך א גוטמוטיקער שמייכל באוויזן . . .

# אויף פּראָבע

וואָס איז פינף טעג אין א מענטשנס לעבן? אָפטמאָל, איידער מען קוקט זיך ארום, זיינען זיי ווי פייגל אוועקגעפלויגן.

אָט אזוי פילאָזאָפירט מארקוס, בעת ער דרייט א לאַנגן מאַנטל אונטער דער בלאַנקער נאָדל פון זיין מאַשין. ער שטעפט און טראַכט. אים קומט אויפן זינען טרויעריקע טעג, ווען ער איז הינטער גראַטעס געזעסן פאר פּאָליטישער ארבעט, אמאָל אין זיין פריער יוגנט. און אים דאַכט זיך, אז יענע טעג זיינען ניט געקראָכן אזוי פּאַמעלעך, ווי דאָ אין שאָפּ. ער איז ביי זיך כמעט זיכער, אז איידער די פּראָבע־טעג וועלן זיין פאַריבער, וועט זיין קאָפּ זיין איינגעטונקט אין גרויע האָר. וואָס איז דער וואונדער? אז אלע מאָל ווען ער גייט נאָך אר־בעט, קלאַפּט אים דאָס הארץ אזוי שטארק. דעם גאַנצן וועג הערט ער עפּעס א שושקעריי אין די אויערן: „דו וועסט מער קיין ארבעט ניט קריגן! פּאַק זיך איין!״

דערזעט מארקוס ווי זיינע צוויי באַלעבאַטים רעדן עפּעס צווישן זיך, דוכט זיך אים, אז דאָס רעדן זיי וועגן אים, וועגן זיין ארבעט. זיי קוקן שוין ארוים ער זאָל פאַרטיק ווערן מיט זיינע פּאָר מאַנטלען און זיי וועלן אים שוין הייסן גיין: „יאָ, זיי קוקן טאַקע אין זיין ריכ־טונג! אָט לאָזט זיך טאַקע איינער פון זיי אהער צו די מאַשינען״...

צוליב אזא סאָרט טראַכטעניש האָט איינמאָל פּאַסירט, אז מארקום האָט אריינגענייט די שער זיינע אין א גרויסן קאָלנער. זיין גליק, וואָס ער האָט זיך געכאַפּט אין צייט, אז ניט וואָלט ער שוין געווען פון יענער זייט טיר.

— פאַרוואָס קומט דאָס אים? — ווילט זיך אים אויסשרייען, — אז ער זאָל דעם גאַנצן טאָג ארומשוועבן צווישן יאָ און ניין? וואו איז אהינגעקומען זיין צוטרוי צו זיך? אָט זעט ער באַקאַנטע פּנים׳ער, וואָלט ער זיך באַדאַרפט פילן היימלעכער. בויערט דאָס גאָר זיין מוח: איז דאָס גוט פאר אים, אָדער ניט? . . . וועלן זיי אריינוואַרפן א גוט וואָרט פאר אים, אָדער גאָר פאַרקערט? . . .

ארבעטער זינגען לידער און מארקוס איז זיי שטארק מקנא. עס ווילט זיך אים זיי מיטהעלפן. ער האָט אזוי ליב געזאַנג, אלע זיינע יאָרן געזונגען ביי דער ארבעט. אפילו זיין מאַשין פלעגט מיטזינגען.

עס האָט ווי געקיצלט אין גאָרגל. אָט, אָט, צעזינגט ער זיך און זיין שכן קלאַפּט אים אין פּלייצע: „א פיינע שטימע ביי אייך!" אָבער ער מוסר'ט זיך באַלד: „די פירמע קאָן דאָס נאָך באַטראַכטן ווי חוצ־פּה. דאָס פּאַסט פאַר אַן אַלטע האַנט! . . . און ער האַלט זיך אפילו צוריק פון א שמייכל טאָן, ווען ער הערט א וויץ דערציילן. זיינע ליפּן בעטן זיך: „גיב א שמייכל!", אָבער אים דאכט זיך, אז מען היט אים פון אַלע זייטן, זיין יעדן ריר, און ער קאָן ניט וויסן וואָס עס קאָן אים ברענגען שאָדן, און וואָס ניט.

מאַרקוס איז זיכער ביי זיך, אז די ארבעטער באַטראַכטן אים פאַר א לעקיש, א קאַלב, וואָס ווייסט בלויז איין זאַך: שטעפּן, און ניט מער. פאַרדריסט דאָס אים ביז גאָר און ער הייבט זיך אָן אויס־טענה'ען מיט זיי ביי זיך אין געדאַנק, אז ער איז פּונקט אַזוי ריידעוו־דיק ווי זיי, פּונקט אַזוי וויציק ווי זיי, נאָר געבונדן פון דער צייט, מער פון זיי אַלעמען. אָן אָט דעם שאַפּ הענגט אָפּ זיין מאָרגן. די פינף טעג פּראָבע וועלן דאַרפן באַשטימען, צי ער וועט קאָנען וואוינען אין א דירה מיט מענטשן גלייך, אָדער גאָר געפינען זיך מיט זיין ביסל אָרימקייט אויף דער גאַס . . .

פאַרנאַכט, ווען דער וואַנט־זייגער הייבט אָן אָפּטער באַטאַפּט ווערן פון ארבעטער־בליקן, ווען דער גרויסער ווייזער האָט שוין אויס־געמאָסטן דעם גאַנצן ציפער־בלאַט זעקס מאָל ארום און ארום; עס ווילט זיך אייניקע וויסן, צי וועלן זיי נאָך קענען פאַרטיק ווערן מיט די מאַנטלען וואָס זיי נייען, אַנדערע ווילן שוין פּטור ווערן פון די מינוטן, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן הענגען אויף דער וואַנט, און שוין גיין אהיים. פּונקט דאַן באַפאַלט מאַרקוס'ן א ציטערניש. די באַוול האַלט זיך אין איין רייסן. זיין פּנים רויטלט זיך פאַר בושה, די שער פאַלט אים פון די הענט און קלינגט אָפּ אויפן דיל. באַלמעלאַכעס וויצלען זיך, אז דאָס איז א סימן פון א גוטן סעזאָן . . . מאַרקוס הערט דאָס אפילו ניט, ער איז פאַרטיפט אין זיך, עס ווילט זיך אים וויסן, צי וועט ער זיך מאָרגן דאָ געפינען. זיינע געדאַנקען שמועסן זיך דורך:

„פאַרוואָס ניט?"

„ווער ווייסט?"

„די ארבעט איז דאָך געפעלן".

„ס'איז פּראָבע־צייט" — דאָ ווילט זיך אים אויסשרייען, אַז ער וואָלט גיכער געזעסן פינף טעג נאָכאַנאַנד, איידער דאַרפן וואַרטן אויף אַן אורטייל יעדן פּאַרנאַכט באַזונדער.

פאַר דער פרוי זיינער האָט ער זיך באַקלאָגט, אַז אים איז נאָך ערגער פון אַן אַקטיאָר. ער האָט גע'טענה'ט, אַז אַן אַקטיאָר דאַרף זיך אַריינפּאַסן אין אַ פרעמדער ראָלע אויף אַ ווײַלע בלויז, בעת ער — זיבן שעה אַ טאָג. און אַז דורך דעם גאַנצן טאָג דאַכט זיך אים אויס, אַז די פיר אויגן פון די צוויי באַלעבאַטים זיינע, וואַכן בלויז איבער אים. אַז אין יעדן ווינקעלע פון שאַפּ, הענגען אויערן, גרייט זיך אונטערצוהערן. זאָל ער נאָר זאָגן אַ וואָרט וואָס וועט דער פירמע ניט געפעלן . . . דערפאַר זיצט ער אָפּ דעם טאָג ווי אַ שטומער. און אַז ער דאַרף גיין אַהיים, איז די טיר פאַר אים ווי אַ טויער פון אַ גיהנום. וואָס איז דאָס פאַר אַ לעבן? — עס האָט אויסגעזען ווי אָט, אָט, צעוויינט ער זיך. די פרוי האָט אים געטרייסט:

— בעני, וואָס איז מיט דיר? עס איז דאָך בלויז פינף טעג. אַמאָל איז דאָך געווען וואָכן. וואָס־זשע, דו האָסט שוין פאַרגעסן?

— ביסט גערעכט, חנה! אָבער אַמאָל זיינען דאָך ניט געווען אַזוי פיל איבעריקע מענטשן. האָב איך אַמאָל גענומען אַ פּראָבע אַזוי ערנסט? יאָ, יאָ! ניין, ניין! און באַלד בין איך געווען אויף אַ צווייטען דזשאָב. אָבער היינט? — ער האָט אָנגעהויבן נערוועז אַרומ־שפּאַנען איבערן הויז. גערעדט צו זיך אַליין:

— ס'איז פינף יאָר, ניט קיין פינף טעג . . . — די פרוי האָט זיך אָנגעהויבן בייזערן:

— נו, דו ביסט דאָך ניט דער איינציקער. גיי שוין עסן.

איז מאַרקוס שטיל געבליבן. זיך געזעצט צום טיש, געקוקט אויף זיין טאָכטער העלען, וואָס איז געזעסן קעגנאיבער מיט אַן אָפּעס־נעם בוך און געגעסן און געלייענט. ער האָט פּלוצים געקראָגן גרוים מיטלייד מיט איר, וואָס זי, נאָך קיין אכצן יאָר ניט אַלט, דאַרף אַליי־מען אויסהאַלטן מיט עסן . . . עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי איז ברוגז אויף אים . . . ער האָט געפילט ווי זאָגן איר: „טאָכטער, באַלד וועסטו שוין האָבן דיינע 12 דאָלער פאַר זיך אַליין. אַ מיידל דאַרף זיך קליידן שיין" . . . אָבער באַלד גיט ער אַ טראַכט: וואָס פאַר אַ פּנים וועט ער האָבן פאַר איר, אויב עס וועט זיך ביי אים

אויסלאָזן אַ בוידעם? דאָך טרייסט ער איר:

— העלען, עס וועט ניט אלע מאָל זיין אזוי . . .

העלען קוקט אין בוך אריין און ענטפערט:

— איך ווייס, איך ווייס.

מארקוס וויל ביי איר פרעגן פון וואנען ווייסט זי דאָס. ער טראַכט, אַז זיין פאמיליע איז שוין אַפּנים זיכער, אז ער בלייבט אר־בעטען, אָבער ער ניט. זיין ארבעט גע‎פעלט טאקע, אָבער פראָבע איז פראָבע. אַ סימן, אַז דאָס איז אריינגעשריבן אין אגרימענט שווארץ אויף ווייס.

איין נאכט האָט ער געהאַט אַ מאָדנעם חלום. ער האָט געזען זיינע צוויי באַלעבאַטים מיט בלייטשיפטן הינטער זייערע אויערן, וואָס האָבן אים אויסגעזען ווי הערנער. זיי זיינען געשטאנען לעבן זיין מאשין און איינער האָט געזאָגט צום צווייטן: „ער זיצט עפּעס ניט ווי קיין באַלמעלאָכע . . . ער איז שוין צו אלט . . . ער וועט קיין טאָג ארבעט ניט געבן” . . . זיי שושקען זיך . . . ער האלט די שער זיינע אין האנט, און זי ציטערט ביי אים, און באלד הערט ער עמיצן לאכן הויך אויפן קול: „שלים מזל, דו וועסט שוין דיינע שכירות ניט קריגן!” באלד חלום׳ט זיך אים, אז ער איז אין אַ טורמע. ער איז נאקעט און עמיצער שפּריצט אויף אים קאלטע וואַ־סער און ער שרייט.

די פרוי האָט אים געטאָרעט: — בעני, וואָס שרייסטו? מארקוס האָט זיך אויפגעוועצט. געפינטלט מיט די אויגן און געפרעגט:

— וואו בין איך? וואו בין איך? — די פרוי האָט זיך צעלאכט.

— ביסט אין הימל! — האָט זי אים געזאָגט.

מארקוס איז געזעסן אויפן בעט אַ פאר׳חידוש׳טער: ווער זאָל דאָס זיין די פרוי וואָס לאכט? ער האָט געגלאָצט מיט די אויגן אין דער חושכ׳דיקער אומגעבונג ארום זיך, נאָך אלץ געווען אין שרעק. זיך מורא געהאַט צו באַוועגן. ער האָט זיך גוט איינגעקוקט אין איר, ווי ער וואָלט זי ניט דערקענט. דערפאַר אָבער, ווען ער האָט זיך אויסגעטשוכעט, האָט ער זי ארומגעכאפּט קושן און אויך שטארק גע־לאכט. עס האָט אים הנאה געטאָן, וואָס עס איז בלויז געווען אַ נארישער חלום.

* * *

דעם לעצטן טאָג איז מארקוס געווען אַן איבערגעביטענער מענטש. ער האָט זיך געטראַכט, אַז די פירמע האָט אים צורו גע־לאָזט ביז איצט, וועט שוין קיין שטערונג ניט זיין צו ווערן אַ בירגער אין שאַפּ, גלייך מיט אַלע אַנדערע. ער האָט שוין פאַר זיך געזען אַ מאָרגן, ווען ער וועט קענען אַ זינג טאָן, אַ שטיף טאָן. אַז דער טאָג זאָל אים ניט זיין אַזוי מאָנאָטאָן, אַזוי לאַנגווײַליק ווי ביז אַהער. ער איז געזעסן ביים מאַשין מיט אַ לייכטן געמיט, מיט מער צוטרוי צו זיך. זיינע אויגן האָבן אויסגעזען גלאַנציק. צייטנווייז האָט זיך אפילו פאַר'גנב'עט אַ שמייכל אויף זיין פּנים. ער איז היינט אויך ניט געזעסן אַזוי שטייף ווי אין די פריערדיקע טעג, ניט אַזוי איינ־געבויגן מער.

איז ער געזעסן, געדרייט אַהין און אַהער שטיקלעך געדערים פון גרינעם מאַנטל וואָס האָלט אין געבוירן ווערן. די בלאַנקע נאָדל האָט געטאַנצט אַראָפּ און אַרויף און פאַרזייט גלייכע רייען גרינע שטעך, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גרין שטיקל פעלד. דאָס רעדל האָט זיך געדרייט און געדרייט. און מארקוס האָט בשעת מעשה גע־פּלאַנעוועט ווי אַזוי ער וועט איינשטעלן זיין לעבנס־שטייגער פון מאָרגן אָן: „אוים מיט דעם לעבן אויף זיין העלענ'ס שכירות!" . . . עס האָט זיך ביי אים צייטנווייז דורכגעוואָרפן אַ נעבטיק געדאַנקל און זיך געבייזערט: וואַרט, וועסט נאָך צייט האָבן צו מאַכן דיינע פּלענער! אָבער די פריילעכע געדאַנקען האָבן זיך אויף דעם אַ וואָרף געטאָן און דאָס גלייך דערשטיקט.

מארקוס וואָלט געקאָנט שווערן, אַז די באַלעבאַטים זיינע וואַרפן אויף אים פריינטלעכע בליקן, בעת זיי באַטראַכטן זיינעם אַ מאַנטל אויף דער פיגור. אַז זיין שכן שמייכלט צו אים, ער וויל צו אים רעדן. נאָר ער וויל, אַז ער, מארקוס, דער נייער באַלמעלאָכע, זאָל אָנהויבן פריער רעדן. אָבער באַלד האָט ער חרטה. ווער ווייס, אפשר וועט דאָס אים קאַליע מאַכן? ער האָט אַן אָנגעוויייטיקט האַרץ און אַז ער וועט זיך צערעדן, ווער ווייס וואָס ביי אים קען זיך אַרויס־כאַפּן? ער האָט גראָדע געפּילט ווי זיך באַקלאָגן פאַר אים, אַז דער זייגער ציט היינט דעם טאָג לענגער נאָך ווי די פריערדיקע טעג . . . נאָר דער שכן קען אים נאָך באַטראַכטן, אַז ער איז עפּעס אַ פוילער, אַז ער וויל ניט אַרבעטן. און ער האָט זיך גאָר אָוועקגעטראָגן מיט

זיינע גדאנקען אהיים, צו זיין געבורט־שטעטל, זיך דערמאָנט וואָס פאר א ברען ער איז דעמאָלט געווען. די באָבע זיינע האָט גע־מוסר'ט: דו ווילסט ארונטער וואָרפן דעם קייסער? מארקוס צע־שמייכלט זיך און קיינער אין שאָפּ ווייס ניט פארוואָס. באלד ווערט זיין פּנים שטאַרק ערנסט, ער גיט זיך אָפּ חשבון־הנפש, אז איצט האָט ער נאָר איין פאַרלאַנג—פּרנסה... דאָך טרייסט ער זיך, אז ער וועט אביסל צו זיך קומען, וועט ער ווידער ווערן אן אקטיווער מענטש, זאָרגן פאַרן כּלל . . .

מיטאמאָל איז דער גערויש פון די מאשינען ווי מיט א מעסער איבערגעשניטן געוואָרן. עס איז בלויז געבליבן הענגען אין די אויערן פון די באָלמעלאָכעס, געקלונגען ווי גלעקער וואָלטן דאָרט געהאנגען.

מארקוס האָט זיך אויפגעשטעלט, אויסגעגלייכט זיינע ביינער און געלאָזט זיך גיין אָנטאָן. ארונטערגעקליבן פון זיך שטיקלעך באוול, וואָס האָבן אויסגעזען ווי ווערימלעך, דאָס אויך געטאָן צו א צווייטן ארבעטער לעבן אים. יענער האָט אים געדאנקט און אים אויך גע־זאָגט, אז ער קאָן שוין רואיק גיין אהיים. אז מען האָט אים ביז איצט גאָרניט געזאָגט, איז דאָס א גוטער סימן. מארקוס האָט גע־פילט ווי ארומכאַפּן קושן דעם ארבעטער פאר די גוטע ווערטער, וואָס ער האָט אים געזאָגט. זיינע גדאנקען האָבן אים ווי אויף פליגלען אהיימגעטראָגן. אָט נעמט ער ארום זיין פרוי און קושט זי: „מזל־טוב, חנה, אויסגעהאלטן די פּראָבע! איך בין שוין ווידער דיין פּרנסה־געבער" . . .

פּלוצים האָט מארקוס דערפילט א האנט אויף זיין אקסל. ער האָט זיך א צאפּל געטאָן, ווי מען וואָלט אים אויפגעוועקט פון שלאָף. ער האָט זיך אויסגעדרייט און איינער פון זיינע באַלעבאַטים האָט אים דערלאנגט א קליינעם קאָנווערט מיט די שכירות זיינע, אפּירגענומען זיין לאנגן בלײַשטיפט פון הינטערן אויער און געזאָגט:

— לאָזט אונז אייער אדרעס! אפשר וועט נאָך א פּלאַם טאָן, וועלן מיר אייך רופן . . .

ארבעטער האָבן זיך געשושקעט:

— ער לייגט אים אָפּ.

— נו, וואָס דען?

— א רחמנות, — האָט איינער אָפּגעזיפצט.

מארקוס האָט זיך געפּלאָנטערט, ניט געדענקט זיין אייגענעם אַד־רעס. ער האָט דערפילט א מישעניש אין קאָפּ — דער שאַפ, די אַר־בעטער, די געשטאָפּטע פיגורן, אַלץ האָט זיך געדרייט פאר זיינע אויגן. אין גומען איז אים געוואָרן אַזוי טרוקן. די קני האָבן ביי אים אָנגעהויבן ציטערן. אָט־אָט פאַלט ער אַנידער. ער האָט זיך ווי א בלינדער צוגעשאַרט צו דער טיר.

---

## א צו־להכעיס מיט דער וועלט...

נחמן, א הויכער איד, מיט א שמאָל אויסגעבלייכט פּנים, איז געזעסן אין שפּיטאָל אויף א ברעג פון א בענקל. דאָס פּנים ביי אים איז געווען א צעשראָקנס. לויט ווי מ'האָט אים דאָ נעכטן געזאָגט, האָט שוין די אָפּעראַציע באדאַרפט זיין פאַריבער. נאָר דאָס מיידל ביים טעלעפאָן־אפּאַראַט מיט דער טרובקע איבער די אויערן, האָט צו אים געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ניין, דערווייל נאָך ניט.

האָט שוין נחמן אינגאַנצן ניט געקאָנט איינזיצן אויף אַן אָרט; שוין אויפן דריטן בענקל זיך צוגעזעצט. אים האָט זיך נאָר געדאַכט, אַז מענטשן קוקן אויף אים. אָט וועט עמיצער פרעגן פאַרוואָס ער זיצט ניט איין אויף קיין אָרט, און ער וועט ניט האָבן קיין ווערטער. עפּעס שטויסט אים, טרייבט אים נאָכאַנאַנד ערגעץ.

דער אומרו האָט זיך שוין אין אים געהאַט באַזעצט א לענגערע צייט, נאָך לאַנג איידער די פרוי זיינע איז צוגענומען געוואָרן אַהער אין שפּיטאָל אריין . . .

שוין אייניקע וואָכן, אַז ער דרייט זיך ארום אָט אַזוי און טוט גאָרניט. ער האָט אַן א שיעור צייט און ווייס ניט וואָס צו טאָן דערמיט. זיין מוח איז געוואָרן ווי א הפקר־שטוב, וואו קיינער איז ניט מחויב אין טיר צו קלאַפּן. מען גייט גלייך אריין, מען טוט וואָס מען וויל . . . געדאַנקען קומען צו אים — אומגעבעטן . . . עפּעס ווי שדים, ווי רוחות . . . זיי רעדן אים אָן בלויז שלעכטס צו טאָן.

— פריער האָט דיר די וועלט געגעבן עסן, האָט מען דיר געהאַלטן ווי א הונט אויף א קייט. נאָר איצט, פאַרוואָס שווייגסטו?...

צו וועמען זאָל ער האָבן טענות? ווען ער לעבט טויזנט יאָר, וואָלט ער אויך ניט געוואוסט ווער עס איז שולדיק אין זיינע צרות. מענטשן זאָגן — מזל. אפשר איז דאָס ריכטיק? אויב איינער ווערט געבוירן אָן מזל, איז ער אַן איבעריקער אויף דער וועלט. אנדערע זאָגן: די אָרדענונג איז שולדיק . . . נו, קאָן ער ווידער ניט פאַרשטיין: ווען די מזל'דיקע זיך וועלן גיין מפקיר זיין צוליב די שלימ־מזל'דיקע? קיינמאָל ניט! ער איז זיכער, אַז אַלע אָרימעלייט זיינען פּונקט ווי ער — אין מוח שטורעמט און ווען עס קומט צו טאָן

עפעס ,איז מען ביי זיך געפאלן. היינט, ווער־זשע וועט אנדערש מאכן?

אפילו די היים זיינע איז ביי אים געוואָרן אַן אַפּקומעניש. ער קאָן דאָרטן ניט איינזיצן. די פרוי פלעגט זיך בייזערן אויף אים: „נחמן, וואָס טראָגט דיך אזוי?" נאָר עפעס האָט ער געפילט, אַז זי דאַרף אים לעבן זיך ניט האָבן! ער האָט דאָך פאר איר ניט קיין איין ווארעם נחת׳דיק וואָרט. אזעלכן ווי ער, טרייבט מען ווי א הונט ארויס . . .

דאָס מיידל ביים דעסק איז ענדלעך אויף א מינוט פריי געוואָרן פון די טעלעפאָנען. נחמן איז באלד אויפגעשפרונגען. ער האָט לייכט געשטעלט די פיס זיינע איבערן דיל, ווי ער וואָלט מורא געהאט עמיצן אויפצוואוועקן. דאָס הארץ האָט ביי אים מסוכן געקלאפט: אפשר וועט זי אים אָנזאָגן א שלעכטע בשורה? יאָ, זי זעט טאקע אים אויס אזוי טרויעריק! נו, זאָל זי אים ניט „ארויסנעמען די נשמה" . . . ער האָט דער מיידל ווי א סוד איינגערוימט און געבליבן שטיין מיט טראָפּנס שווייס אונטערן נאקן. ארום מוח ביי אים האָבן די שלייפן זיך אָנגעצויגן.

ביז דאָס מיידל האָט צו אים א וואָרט ארויסגערעדט, האָט ער בלויז געטראכט וועגן טויט: „נו, וואָס דען? אזא שוואכע פרוי ווי זיינע איז, וועט קיין אפעראציע ניט אויסהאלטן" . . . אפשר זאָל ער די מינוט גיין אינדרויסן, זיך שטארקן אביסל, איידער ער הערט די שלעכטע בשורה?

דאָס מיידל, ווי זי וואָלט געהערט וואָס ביי נחמנ׳ען אויפן הארצן טוט זיך, האָט אים געזאָגט: איר קאָנט גיין שפאצירן אביסל. די אָפּעראציע איז ערשט אינמיטן.

נחמן האָט איר עטלעכע מאָל געדאנקט: — זי איז שוין גאָר א פיין קינד, האָט ער זיך געטראכט. זי פארשטייט זיין הארץ . . . ער וואָלט טאקע מער ניט אויסגעהאלטן. יעדע מינוט דאָ איז עפעס אזא לאנגע! דער גרויסער קיילעכדיקער זייגער אויף דער וואנט איז אויך א חולה, ווי ער וואָלט אין א בעט געלעגן נאָך אַן אָפּעראציע . קוים וואָס ער אָטעמט . . .

נחמן, ווי ער וואָלט מורא געהאט, אז ער וועט פארבלאָנדזשעט ווערן, איז ווייט פון שפיטאָל ניט אוועק, כאָטש געגאנגען איז ער

גראדע שנעל און מיט יעדן טראָט וואָס ער האָט געשטעלט איז אים — מיטגעגאַנגען זיין פרוי. ער האָט זי דערפילט נאָענט לעבן זיך און א ליבע ווארימקייט איז אים דורך דורך די אברים.

— וואָס וואָלט איך געטאָן אָן איר? — איז אים דורכגעלאָפן א מחשבה. איך וואָלט דאָך געוועז אינגאַנצן א פארלוירענער . . . נו, זאָל שוין זיין וואָס עס ווילט זיך. מיט פרנסה, אָן פרנסה, אבי זי זאָל שוין זיין צוריק אינדערהיים . . .

נחמן האָט פונוייטנס, ביים שפיטאָל, דערזען א פּאָליסמאַן. אים האָט זיך נאָר געדאַכט, אז דאָס מיידל ביים טעלעפאָן דאָרט האָט שוין דערוואוסט זיך וועגן זיין פרוי. זי קאָן אודאי ניט אָנזאָגן די שלעכטע בשורה, האָט זי גערופן א פּאָליסמאַן. ער האָט זיך געלאָזט לויפן. דער פּאָליסמאַן, פריש ראַזירט, איז פון געוואוינהייט געגאַנגען צום טאַקט. איינס־צוויי . . . ער איז פארביי די טיר פונם שפּיטאָל און גלייך פארקירעוועט זיך ערגעץ אין אן אנדער געסל אריין.

נחמן האָט אין זיך אויף אים אויסגעבייטלט זיינע בייזע חלומות. צו וואָס אשטייגער האָט זיך אזא גבר, א פּאָליסמאַן באַדאַרפט צו רייצן מיט אים? אז ער דאַרף גיין אין אן אנדער ריכטונג, האָט ער געמוזט גיין פארביי דעם שפּיטאָל?

„נו, איך וועל שוין אריינגיין אינווייניק", האָט נחמן באַשלאָסן. ער האָט שוין פארלוירן דאָס געדולד צו שפּאַצירן.

דאָס מאָל איז נחמן צוגעשפּרונגען צום מיידל. ער איז געבליבן שטיין מיט אן אָפן מויל, ווי א שטומער. דאָס מיידל האָט אים אנטקעגנגעטראָגן א שמייכל: די אָפּעראַציע איז פאַריבער. די פרוי טשוכעט זיך אוים פון דעם „איטער". שפּעטער אביסל וועט ער זי קאָנען זען. נחמן האָט זיך געטראַכט: — אָט אן איידל קינד, זי פילט אים אזוי מיט . . . אז שוין יאָ אזוי, וועט ער זיך באַזעצן ניט ווייט פון איר דעסק, פּונקט אנטקעגן. זאָל זי אים האָבן אויפן אויג, ווען דער „שפּעטער" וועט קומען . . . ער וועט שוין פארשפּאָרן צו פרעגן . . .

* * *

אינדרויסן האָט נחמנ'ען באַגעגנט א בלויער פאַרנאַכט. ער איז געבליבן שטיין א וויילע אָנגעשפּאַרט ביים אָנגעצונדענעם לאָמפּ. נחמן האָט געטראַכט וועגן זיין פרוי. זי האָט אפילו אירע אויגן

ניט געהאט געעפנט. זי האָט עפּעס געשעפּטשעט מיט די ליפּן. זי האָט אודאי דערפילט, אז ער איז לעבן איר. אין די אויערן האָבן אים געקלונגען די פרייליכע ווערטער פונם דאָקטאָר. מאָרגן וועט שוין די פרוי זיינע האַלטן אָפן די אויגן און רעדן מיט אים.

ער האָט זיך איצט מיטאמאָל דערמאָנט אָן דער שכנה, וועלכע שפּאָרט־אָפּ פון זיך א שטיקל מאמע פאר זיינע קינדער. ער האָט איר צוגעזאָגט ברענגען געלט, באצאָלן פאר זייער עסן . . . וואו וועט ער נעמען? ער האָט געפילט ווי איינער וואָס האָט נאָר־וואָס פון די פּלייצעס א שווערן קלומעק אראָפּגענומען, כדי צו כאַפּן דעם אָטעם, און — מ׳לאָזט אים ניט: נא דיר אן אנדער פּעקל!

דער קאָפּ איז ביי אים עפּעס ווי א שטיק בליי. וואָס הויבט ער טאקע אָן צו טאָן? ווי אזוי וועט די פרוי זיינע קאָנען קומען אהיים, נאָך אזא שלאפקייט? „א ריכטיקער מאן” וואָלט אפשר געטראכט וועגן א שטיקל וואקאציע פאר איר . . .

אהיימגייענדיק איז נחמנ׳ען באפאלן איין טרויעריקע מחשבה נאָך דער צווייטער. ער האָט זיך אויסגע׳טענה׳ט מיט דער וועלט:

„ווער האָט דען געבראכט צו דעם, אז די פרוי זאָל זיך אינמיטן דערינען אוועקלייגן אין שפּיטאָל? טאָג איין, טאָג אויס, האָט זי זיך געזאָרגט, די שעה זאָל ניט קומען ווען די קינדער זייערע זאָלן דארפן הונגערן. זי וואָלט דאָס ניט געוואָלט צוזען . . . די ליפּן האָבן ביי איר אלעמאָל געציטערט. די אויגן האָבן שוין ביי איר אָנגעהויבן אויסזען ווי צוויי גריבלעך. קיין סימן פון דעם אמאָליקן גלאַנץ אין זיי. די ערשטע צייט, פלעגט זי וויינען, אָבער די לעצטע צייט ניט מער, גלייך זי האָט שוין אלע טרערן אויסגעוויינט” . . .

נחמן האָט אָנגעהויבן צו סטראשען. ער מוז זיך אָפּרעכענען מיט דער וועלט. ער וועט אויפשרייבן אלע זיינע קריוודעס אויף א פּאַפּיר, האַלטן דאָס שטייף אין זיינע הענט, אוועקלייגן זיך אינמיטן גאַס און זאָל זיין וואָס עס וועט זיין . . . זאָל מען זיך א מוסר אראָפּנעמען . . . אפשר וועט מען דערנאָך טראָגן מער אחריות צו די לעבעדיקע . . . זאָל זיך די וועלט שעמען . . . דו האָסט מיר אזויפיל מאָל געטאָן צו־להכעיס, וועל איך דיר כאָטש איינמאָל אָפּ־טאָן...

ער האָט ווי אָן זיין ווילן א טופּע געטאָן מיט א פוס: ניין, ער וועט דאָס ניט טאָן! איבערלאָזן זיינע קינדער, זיין פרוי אויף הפקר! ער האָט פיינט די קהל'שע פאַרזאָרגער! אויף זיין גאַנץ לעבן וועט ער ניט פאַרגעסן ווי מ'האָט אים געמאַטערט טאָקע דאָ אין שפּיטאָל, וואו זיין פרוי געפינט זיך:

„ צי האָט ער ניט קיין באַנק־ביכל? צי האָט ער ניט קיין רייכע קרובים? אפשר האָט ער כאָטש א קליינע סומע צו באַצאָלן?" דער־נאָך איז מען ערשט גרייט צו גיין אויסשפּירן צי די ענטפערס זיינען אמת . . .

נחמן האָט האַרט לעבן זיך פלוצים דערזען א שיכור. א מאַן ארום זיינע יאָרן. דאָס פנים, די נאָז, געשטופּלט און מיט רויטע פלעקן. ער איז געווען אָפּגעריסן, אין טראַנטעס. נאָר ער איז גע־ווען פריילעך. ער האָט זיך געוואַקלט, ניט געקאָנט איינשטיין אויף די פיס. נאָר אים האָבן ניט געקימערט די לויפנדיקע אויטאָמאָבילן, ס'האָט אים גאָרניט געשראָקן. באַלד האָט ער אָנגעהויבן צו שעלטן די מענטשן ארום, אָנגערופן זיי מיט די ערגסטע נעמען און קיינער האָט אים ניט אָפּגעענטפערט. דערנאָך, אז ער האָט זיך אויסגע־לײדיקט פון אלע קללות, האָט ער זיך זאָרגלאָז צעטאַנצט. נחמן האָט געטראַכט: — נישט אַנדערש, אז דער שיכור איז פּונקט ווי ער, באַ־לאָדן מיט צאָרן און ווען ער איז ניכטער, האָט ער קיין צונג ניט, באַגלייך מיט אים . . . אלעמאָל געהיט די אָנגענומענע כללים, גע־טראָגן זיי אויף זיך ווי א כאָמעט. ער איז שטאַרק מקנא געווען דעם שיכור. ניין, ער קאָן אזעלכן ניט פאַראַכטן.

נחמן האָט שוין מער ניט געטראַכט וועגן דעם שיכור, נאָר וועגן זיך אליין. צי וועט ער זיין בכוח אויף איינמאָל אלע עוולות אויס־דערציילן? אפשר וועט ער זיך אפילו שיכור'ערהייט אויך שעמען? אפשר איז ער פון אזא טייג געקנאָטן, וואָס האלט אלץ אין זיך פאַר־באָרגן אויף תמיד? אָבער אויספּרובירן זיך מוז ער . . . ער וועט אויסטרינקען בלויז א פּאָר גלעזלעך. וועט ער באַקומען מוט, וועט ער דערנאָך — רעדן און רעדן . . .

* * *

אויף מאָרגן איז זיין פרוי אין שפּיטאָל געווען שטאַרק באַזאָרגט וועגן איר מאַן, נחמן. זי האָט זיך דערוואוסט, אז נעכטן האָט ער דאָ

פארבראכט לאנגע שעה'ן. זי קאן אים גוט. ער האט זיך געגוג אָנ־
געלימן. ער האט דאך מיט איר געכטן קיין ווארט ניט גערעדט,
איז אים ניט נייגעריק צו זען וואס זי מאכט? אפשר האט עפעס מיט
א קינד פאסירט? זי האט געכליפעט אין קישן אריין: פארוואס קומט
דאס איר? אפילו איצט, זאל זי קיין רואיקע מינוט ניט האבן?

* * *

אינדרויסן האט א גאנצן טאג גערעגנט. נחמן איז געשטאנען
אינמיטן גאס א צעכראסטעטער און אויסגעווייקטער ווי עפעס א
הונט, וואס איז נע־ונד. ער האט גאר ניט גערעדט, נאר געוויינט ווי
א קינד. פארבייגייער האבן געצויגן מיט די אקסלען. געווים גע־
טראכט זיך, אז דער מענטש איז פון זינען אראפ. אפילו א שיכור
וואלט דאך די נאסקייט דערפילט. קיינעם איז ניט איינגעפאלן, אז
נחמן פירט א צו־להכעיס מיט דער וועלט . . .

# רעקרוטן

סאַרדזשענט מעקסוועל, אַ נידעריקער, מיט ברייטע אַקסלען, געלע האָר און אויגן, וועלכע רוען ניט, מיט געדיכטע ברעמען, האָט גנבה׳ש אַ וואונק געטאָן צו קאָרפּאָראַל רייען. רייען איז געווען אַ הויכער, בלאָנדער יונגערמאַן, מיט אַ פּאָר אויערן, די גרויס ווי וואַרעניקעס און מיט שטעכיקע בלויע אויגן.

רייען האָט זיך מאָמענטאַל אָנגעסטרויעט און זיין לענגלעך פּנים האָט ווי געזאָגט: — גרייט צו דינען!

סאַרדזשענט מעקסוועל האָט אים דערלאַנגט אַ באַפעל צו נעמען דעם „סקוואָד" קליינע רעקרוטן, צו מושטירן מיט זיי אַזוי לאַנג, ביז זיי וועלן ווערן סאָלדאַטן . . .

רייען האָט זיך אַ חנ׳דל געטאָן צום סאַרדזשענט, דערנאָך פאַר־נויגט זיך ווי פאַר אַן אָפיצער און געזאָגט שוין אין אַ שטרענגן מיליטערישן טאָן, אַז דער סאַרדזשענט קאָן זיך שוין אויף אים פאַרלאָזן . . .

באַלד איז ווי מיט אַ מעסער אָפּגעשניטן געוואָרן דער לעצטער סקוואָד, דער סאַמע עק פון דער ראָטע, וואָס איז באַשטאַנען פון נייע צוגעקומענע רעקרוטן. ערשט געהאַט אויסגעטאָן די ציווילע קליידער פון זיך און אין בלויע טאָרבעס אליין אוועקגעטראָגן אין אַ פּוסטן קעלער אריין: זיי האָבן געהאַט דאָס געפיל, ווי אָט־דער קעלער וואָלט אַ גרויסער קבר געווען, וואו צוזאַמען מיט די ציווילע קליידער, לאָזן זיי איבער זייערע יוגנט־חלומות . . . אפשר זייערע לעבנס . . .

דער סקוואָד איז באַשטאַנען פון אַכט קליינגעוואוקסיקע, לייכט־וואָגיקע סאָלדאַטן. מ׳האָט זיי אָפּגעטיילט פון דער ראָטע, ווי מען וואָלט פון אַ באַן איין קליינעם וואַגאָן אָפּגעקייטלט.

קאָרפּאָראַל רייען האָט זיך שנעל מיט זיי אוועקגעלאָזט צום טייך, וואָס רינגלט אַרום די פעסטונג, און מיט גרויס אימפּעט האָט ער זיך אַ נעם געטאָן זיי מושטירן. ער האָט געטראַכט ביי זיך, אַז ער וועט שוין מאַכן סאָלדאַטן פון זיי . . . אָט דער סקוואָד וועט אים באַשטימט ברענגען דאָס דריטע בענדל אויף זיין אָרעם, און ער וועט ווערן סאַרדזשענט רייען . . .

די אכט קליינע סאָלדאַטן זיינען געשטאַנען ווי פאַרגליווערטע. זיי האָבן זיך שוין א סך אָנגעהערט וועגן אָט דעם לאַנגן קאָרפּאָראַל רייען . . . א רעקרוט שפּילט ביי אים גאָר ניט קיין ראָליע...

אָנגעהויבן האָט רייען מיט א רעדע, וואָס ער האָט געהערט פון אַן עלטסטן מיט טעג צוריק. ער האָט נאָכגערעדט וואָרט נאָך וואָרט:

— באַיעס — האָט ער אָנגעהויבן אין א ווייכן טאָן. ער האָט פּרובירט נאָכמאַכן דעם עלטסטן. ער האָט אָבער יענעם טאָן לאַנג ניט אָנגעהאַלטן און אָנגעהויבן רעדן אין א שטרענגן טאָן:

— איר זאָלט וויסן זיין, אז דאָ איז אייער היים! מיר, די קאָרפּאָראַלס, די סאַרדזשענטס און די אָפיצירן — אייערע עלטערן... נישטאָ קיין צייט מיט אייך זיך צו פאַרנעמען צו לאַנג. היינט נאָך, וועט איר זיך ביי מיר אויסלערנען דעם ריכטיקן טראָט. ווען איך בין געווען אזוי לאַנג ווי איר דאָ, האָב איך שוין אפילו געקאָנט שיסן — יאָ, שיסן . . . — האָט ער כמעט יעדן אין פּנים אריינגעשריען.

די רעקרוטן האָבן זיך בגנבה איבערגעוואונקען, ווי זיי וואָלטן געזאָגט: וואָס בעבעט ער דאָרט, דער אָנשיקעניש! צי דענקט ער, אז זיי האָבן שוין מער גאָרניט אויפן קאָפּ, ווי נאָר מושטירן?

רייען האָט זיך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג. פאַר די רעקרוטן האָט ער אויסגעזען נאָך לענגער. ער האָט ארויסגעשטאַרצט זיין ברוסט און געגעבן א קאָמאַנדעווע: שטיין גלייך! אלע האָבן זיך אין איין רגע גענומען אויסגלייכן. זיי האָבן געצויגן זייערע העלדזער ארויף, ווי זיי וואָלטן וועלן מיטאמאָל ווערן העכער, ווי זיי זיינען באמת געווען. די ברוסט־קאַסטנס ארויס, צום צעפּלאַצט ווערן.

רייען האָט זיי באַטראַכט און אין זיך געשמייכלט. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן צו חוזק'ן פון זיי:

— זעט, אייערע ביקסן טאַנצן אַרום ביי אייך ווי ביי קינדער, וואָס שפּילן זיך אין סאָלדאַטן מיט בעזימער . . .

באַלײדיקטע זיינען די רעקרוטן געשטאַנען. אלע אכט, וועלכע האָבן פון עטלעכע פעלקער געשטאַמט, האָבן פון איין פּיין געליטן. און אָלס פּראָטעסט האָבן זיך די ביקסן אויף זייערע אַקסלען נאָך

מער געוואַקלט, נאָך מער אויף אַ זייט געווען . . .

רייען האָט ווי דערפילט אז די סאָלדאַטן דאַ זיינען ניט גרייט מער צו הערן זיין מוסר זאָגן, איז ער שוין געגאַנגען פון איינעם צום צווייטן, אויסגעגלייכט די ביקסן, און פלוצים אָפּגעהילכט מיט זיין קוויטשיקן קול:

— אַטענ—שאָן!! (אכטונג)

מיט זיין אויסגעשריי איז רייען אויסן געווען אמערסטן צו דערגרייכן די אויערן פון די אָפיצירן, זאָלן זיי הערן, אז קאָרפּאָראַל רייען שלאָפט נים!

אָן אויפהער האָט רייען ארומגעיאָגט די רעקרוטן. ער האָט זיי געלערנט א לויפעניש אזא, וואָס מאכט א גרויסן שטורעם פון א קליינער גרופּע. דעם שונא דאכט זיך ווער ווייסט וויפיל סאָלדאטן עס קומען אָן. ער האָט געהאַט באַשלאָסן ביי זיך, אז מאָרגן וועט ער זיי לערנען די וואונדער פון דער ביקס, מיטן באַיאָנעט. ווי אזוי מען קאָן איבערן שונא זיגן פון נאָענט און פון וויים . . .

די רעקרוטן האָבן קוים געפּלאָנטערט מיט די פיס. פון די שטערנס האָבן זיך טראָפּנס שוויים געקייקלט צו די אויגן. פון די אויגן אַלץ ווייטער, און שוין אויסגעזען ווי טרערן. די ביקסן האָבן געטאַנצט אויף די האַלב־אָנגעשוואָלענע אקסלען. געדרייט זיך אהין און אהער, ווי אין א חוזק־שפּיל . . .

קאָרפּאָראַל רייען האָט שוין קוים געפּלאָנטערט מיט די פיס. פאַר די רעקרוטן האָט דאָס אויסגעזען ווי א מעשה אָן אן עק. די רוגזה צווישן זיי האָט געטליעט, עס האָט זיך געדאכט, ווי אָט־אָט און מען וועט ארוים פון געדולד . . .

עס האָט זיך דערהערט א קאַלטער אויסרוף:

— האַלט!

דער אויסרוף איז געקומען אזוי פלוצים, אז עס איז שיעור ניט געקומען צו א צוזאַמענשטויס מיט די ביקסן, ווייל, ווען די פאָדערשטע ריי סאָלדאַטן האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָבן נאָך די אונטערשטע געהאַלטן אין לויפן.

רייען האָט באַפוילן:

— רוען!!

ער האָט דאָס וואָרט „רועו" ארויסגעזאָגט אין אזא טאָן, ווי ער וואָלט זיי געגעבן אָנצוהערעניש: אייער גליק וואָס איך אליין בין מיד געוואָרן . . .

די סאָלדאטן האָבן זייער חשק געהאַט ארונטערצולאָזן זיך אויפן גרינעם גראָז, אָבער רייען האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: ניין. געטראַכט זיך אפּנים, אז זיי וועט זיך דערנאָך ניט גלוסטן שוין אויפצושטיין . . .

זיינען די רעקרוטן געבליבן שטיין און שווער געסאָפּעט. די הערצער האָבן זיך געוואָרפן. איינער האָט קוים ארויסגעשעפּטשעט:

— ער וויל אונדז הרג'ענען . . .

די אַנדערע האָבן צוגעשאָקלט יאוש'דיק מיט די קעפּ: מיר זיינען ביי אים אין די הענט, האָט דאָס געמיינט. מ'האָט געקוקט אויף דעם ווייכן גראָז אונטער די פיס: אַך, ווען מען קאָן זיך אוועקליינגן, אביסעלע אויסגלייכן די ביינער . . .

ווידער האָט קאַרפּאַראַל רייען באפוילן:

— אַכטונג!

גלייך האָט מען אָנגעהויבן מאַרשירן. רייען איז דאָס מאָל נאָך זיי נאָכגעגאַנגען און געציילט:

— איינס, צוויי, דריי, פיר! איינס, צוויי, דריי, פיר!

אַט גייען זיי ארונטער א בערגל, וואָס פירט גלייך צום טייך און רייען זינגט זיך אַלץ אונטער מיט גרויס הנאה:

— איינס, צוויי, דריי, פיר!

אַט נעצט שוין אונטער די פיס, און דער קאַרפּאַראַל, מיט א באַ־האַלטענעם שמייכל, זינגט זיך נאָך אונטער:

— איינס, צוויי . . .

די רעקרוטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. רייען האָט אויסגעזען בייז ווי אַ טיגער. די ליפּן האָבן ביי אים געציטערט, זיין פּנים איז געוואָרן איינגעטונקען אין א רויטן פלאַם. ער איז צוגעלאָפן מיט א שטורעם:

— ווער האָט אייך געהייסן זיך אָפּשטעלן? נו, זאָגט ווער? צי ווייסט איר ניט, אז איר מוזט וואַרטן אויף מיין באפעל?

אַלע האָבן לכתחילה געשוויגן, ווי קליינע פארשולדיקטע קינ־דער פאר א טאַטן. זיי האָבן געהאַלטן די קעפּ ארונטערגעזונקען

צום וואַסער אונטער די פיס, צום זאַמד וואָס האָט ארויסגעקוקט.

רייען איז צוגעלאָפן צום רעקרוט לאַזאַר. זיין גרויסע האַנט וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער לאַזאַר׳ס קינ־דעריש פּנים האָט אויסגעזען ווי א לאַפּאַטע:

— נאַ! — האָט ער ארויסגעיעכצט — ווערסטו וויסן אויף א צווייטן מאָל. דו ביסט געווען אין דער פאָדערשטער ריי. איך האָב גוט געזען, אַז דו ביזט געווען דער ערשטער זיך אָפּצושטעלן. איך וואָלט אייך אַלעמען באַדאַרפט איינטיילן, נאָר איך וועל עס לאָזן אויף א צווייטן מאָל.

ער האָט מיט ציין קריצעניש באַפוילן דעם געשלאָגענעם צו האַלטן זיך אין אָרדענונג. פון לאַזאַרוס׳עס נאָז האָט זיך באַוויזן בלוט. ער האָט דאָס אָפּגעווישט, און פריש בלוט האָט ווידער געפלאָסן. אים איז קאַלט געוואָרן. ער האָט מיט א פינגער אָפּ־געווישט דאָס בלוט און געוויזן דעם קאָרפּאָראַל: זע, רשע, וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן! . . .

די סאָלדאַטן זיינען געוואָרן צעטומלט, און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, מ׳האָט זיך געשטופּט א קוק צו טאָן אויפן געשלאָגענעם, און דער קאָרפּאָראַל אַליין אויך צעטומלט, האָט פונדעסטוועגן זיי באַפוילן צו שטיין אויף זייערע ערטער. עס האָט זיך דערהערט א בייזע שטימע:

— סאָן־אָוו־עי . . .

רייען האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק. ער האָט זיך געכאַפּט צו זיין סאָלדאַטסקער פּאַטשיילע, עס איינגעטונקען אין וואַסער, און דערלאַנגט דעם פאַרבלוטיקטן רעקרוט. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט צו די אַנדערע, באַטראַכט זייערע אָנגעשטרענגטע פּנימ׳ער און זיך צעלאַכט:

— זע נאָר ווי מ׳האָט זיך דערשראָקן פאַר אביסל בלוט!...

איינער, א יונגער רעקרוט אין די צוואַנציקער, וועמענס נאָמען איז געווען מילס, איז צוגעלאָפן צום געשלאָגענעם, אים אָנגענומען אונטערן אָרעם, ווי זיינעם אַן אייגענעם ברודער, און וואַרעם גע־רעדט צו אים:

— קום, מיר וועלן אויסגעפינען, צי האָט עמיצער א רעכט אונדז צו שלאָגן: צי זיינען מיר הפקר? . . .

רייען האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג:

— דו וועסט ניט גיין אָן מיין דערלויבעניש! דו ביסט נאָך גערעכט? כ'האָב דאָך דיר גאָרנישט געטאָן, דו לומפּ איינער!

מילס האָט זיך געשטופּט צו לאַזאר'ן און רייען האָט אים אריינגעשריען אין אויער אריין:

— האָסט ניט קיין רעכט, האָב איך דיר געזאָגט!

— און דו האָסט ניט קיין רעכט צו שלאָגן . . .

רייען האָט בייז באַטראַכט דעם געוואגטן רעקרוט, מילס. זיי־נע ליפּן האָבן געציטערט פון כעס: וואָס הויבט ער אָן צו טאָן מיט אים?

אָן אָפיציר איז פאַרבייגעגאַנגען, און אויסגעקלונגען זיינע טריט. רייען איז פריילעך געוואָרן: ער האָט א גוטן אויסרייד איינ־צושטעלן אָרדענונג צווישן די רעקרוטן, וועלכע האָבן זיך עפּעס געהאַלטן אין איין סוד'ען, און ער האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק: אפשר וועט ער זיך מיט זיי ניט קאָנען ספּראַווען מער? זיי זיינען דאָך פאָרט אַכט און ער . . . אז רייען האָט דערזען דעם אָפיציר, האָט ער געקראָגן קוראַזש. א געשריי געטאָן אויף זיין געוויינלעכן טאָן: אַכטונג! און ער אליין האָט א קלאַפּ געטאָן א פוס אָן א פוס, אויסגעצויגן זיך אויף ווי·פיל אים איז מעגלעך געווען, סאַלו־טירט דעם אָפיציר, און בעת מעשה געטראַכט, אז ער וועט אים קיינמאָל ניט פאַרגעסן . . .

רייען האָט מיט די רעקרוטן מער ניט מושטירט. ער האָט זיי צוריקגעבראַכט צו דער קאַזאַרמע. אָבער אז קיינער זאָל ניט חושד זיין, אז ער שרעקט זיך אָפּ פאַר עמיצן, האָט ער ווי צו זיך אליין גערעדט: ער דאַרף גיין זען דעם סאַרדזשענט. דאָס האָט שוין אויך געמיינט, אז ער וועט זיי שוין „צושטעלן א בענקעלע". אים איז געפעלן געוואָרן זיין איינפאַל, ער האָט אַזש אָנגעהויבן צו שמייכלען צו זיך אליין.

ווען רייען האָט זיי באַפרייט, האָט ער פאַרהאַלטן דעם גע־שלאָגענעם לאַזאר'ן אויף א ווײַלע, און מיט אים איינגע'טענה'ט, ער זאָל האַלטן ס'מויל, ער זאָל זיך נישט צוהערן צו דעם פרעכן יונג, מילס. ער, לאַזאר, וועט זיך דערמיט ערגער מאַכן . . . איי־

דער רייען האָט פּאַרלאָזט האָט ער לאַזאַר׳ן מיט א פינגער גע־סטראַשעט:

— גערענק!

אין קאַזאַרמע איז געווען שטיל. סאָלדאַטן זיינען געלעגן אויסגעצויגן אויף זייערע לייוונטענע בעטלעך, געאָטעמט שווער און געווען צופרידן, וואָס מען וועט היינט שוין מער ניט מיט זיי מושטירן.

מילס האָט די גאַנצע צייט ניט אַרונטערגענומען די בליקן זיינע פון אָפּים: זאָל זיך נאָר דער קאַפּיטאַן באַווייזן! ער האָט זיך באַלד אויפגעזעצט אויפן בעטל:

— חברה, מיר מוזן מאַכן א סוף צום שלאָגן, אַז נישט וועט זיין ווי צו אונדז אַלעמען!

א רעקרוט אין די דרייסיקער, א פעטלעכער, מיט א געקנייטש־טען שטערן, האָט זיך אָפּגערופן:

— ע, פּאַרגעס, מילס, מיר זיינען דאָך פאָרט אין דער אַרמיי; וואָס קאָן מען טאָן? זיי דאַרטן, מעגן דיר טאָן אַלץ וואָס זייער האַרץ גלוסט . . .

— ער וועט קריגן זיינס פון עמיצן אַנדערש, וועסט זען! — האָט א צווייטער סאָלדאַט מיט א קינדעריש פּנים זיך אַריינגעמישט.

— ניין, מען טאָר ניט שווייגן — האָבן זיך דערהערט בייזע קולות — דער קעפּטן מוז דערפון וויסן.

— וואָס זאָגסטו, לאַזאַר? — האָט זיך מילס געווענדט צום געשלאָגענעם.

— איך שרעק זיך, אַז מיר זאָלן ניט ערגער מאַכן, — האָט לאַזאַר געענטפערט, — איז דען דער סאַרדזשענט בעסער? אַלע ווי איינער . . .

— אָבער דער קעפּטן? — האָט זיך מילס מיט אים ווי געדונגען — ניין, אפילו מיין טאַטע האָט מיך קיינמאָל ניט געשלאָגן . . . איך וועל ניט שווייגן!

עס האָבן אָנגעהויבן אַריינשטראָמען נאָך סאָלדאַטן. זיי האָבן אוועקגעשטעלט די ביקסן אין די ספּעציעלע געשטעלן. אויסגעצויגן זיך אויף די בעטלעך, און טייל האָבן געשלאָפן גלאַט אין דער וועלט אַריין:

— ס׳איז א קוויזיק, ס׳איז א פאסקודנע לעבן. ס׳איז . . .

סארדזשענט מעקסוועל איז אריינגעקומען מיט צוויי ציווילע באזוכער. ער האט זיי געוויזן אויף א סאלדאט אין א ווינקל, וועלכער האט געלייענט א זשורנאל:

— אט אים זוכט איר דאך?

סאלדאטן האבן באטראכט די ציווילע געסט, און זיך צע־שמייכלט. עס האט ביי זיי אויסגעזען, ווי די צוויי געסט האבן זיך פארשטעלט, און דער הויכער לאמבארדא האט טאקע גלייך באמערקט צו זיין שכן, דזשעקסאן:

— ווי אזוי וואלסטו איצט אויסגעזען מיט א ווייסן, שטייפן קאלנער?

דזשעקסאן האט געענטפערט מיט א פראגע:

— און ווי אזוי וואלסטו אויסגעזען מיט א זיידן טיכעלע אין דער אויבערשטער קעשענע?

א דריטער האט א סוד איינגערוימט: הלואי וואלט ער אט־די קליידער געטראגן, און די צוויי, וועלכע האבן זיך געוויצלט, האבן זיך ערנסט פארטראכט . . .

א סאלדאט מיט א בלויער טארבע־בריוו אויף די פלייצעס, איז אנגעקומען. די געשפרעכן זיינען איבערגעריסן געווארן. אלע האבן אים ארומגערינגלט.

דער סאלדאט האט זיך אוועקגעשטעלט אויף איינעם פון די קאסטנס, וואס איז געשטאנען אין א גלייכער ריי אויסגעשטעלט לעבן יעדן בעט. ער האט פון דער בלויער טארבע ארויסגענומען א פאק מיט בריוו, און אנגעהויבן אויסרופן נעמען.

אויגן פרייליכע, פול מיט דערווארטונג, האבן ארויפגעקוקט צום סאלדאט, וועלכער קאן זיי אין איין סעקונדע פארבינדן מיט די ציווילע קרובים, נאך וועלכע זיי בענקט זיך אזוי. די, וועלכע האבן זייערע נעמען ניט געהערט אויסרופן, זיינען געבליבן שטיין נעבעכדיקע, ווי גאסן־בעטלער, נאך אלץ געבליקט צום סאלדאט מיט דער טארבע: א בריוועלע אהער, מאיק!

אין דער טיר האט זיך באוויזן דער קאפיטאן. דער ערשטער, וואס האט געהאט די זכיה אים צו באמערקן, האט ווי ניט מיט זיין קול כמעט מורא׳דיק אויסגעשריען:

— אכ—טונג!!

אין איין רגע זיינען אלע סאָלדאטן געבליבן שטיין אויסגע־צויגענע, די קעפּ פארריסן ארויף. טייל מאָדנע אָנגעבלאָזן. האָט איינער שוין געהאט אויסגעטאָן א שוך פון פוס, איז ער געבליבן שטיין אין איין שוך. די ניט־דערלייענטע בריוו ביי טייל סאָל־דאטען אין די הענט, זיינען ארונטערגעהאנגען צעקנייטשטע. טייל האָבן זיך בשום אופן ניט געקאָנט באפרייען פון שמייכלען. צוקוקנדיק די פארשיידענע פּאָזעס ארום . . .

דער קאפּיטאן, א מיטלמעסיקער, מיט א פריש אָפּגעגאָלטן קאָפּ, אז די הויט האָט אזש ארויסגעקוקט, איז זיך מיט זיכערע טריט, נאָכן טאקט נאָך, אריין אין אָפיס, וועלכער האָט זיך געפונען ביי דער סאמע ענדע פון דער לאנגער קאזארמע.

דער סאָלדאט מיט דער בלויער טאָרבע האָט ווידער געטיילט בריוו, פול מיט ברייטקייט און הנאה. בעת מעשה געטראכט, צי וועט כאָטש פארבלייבן א בריוול פאר אים אויך . . .

מילס איז צעטומלט געוואָרן: וואָס הויבט ער אָן צו טאָן פריער? זאָל ער גיין זען דעם קאפּיטאן, דערציילן אים ווי אזוי רייען האָט זיך נאָכמיטיק אויפגעפירט, אָדער ווארטן פאר א בריוו? עס ווילט זיך אים אזוי לייענען א פּאָר היימישע שורות! ער האָט געטראכט: אפשר וועט דער קאפּיטאן באלד אוועקגיין, און מאָרגן וועט זיך ווידערהאָלן דאָס זעלביקע וואָס היינט? אפשר וועט רייען מאָרגן אויסלאָזן זיין הארץ צו אים? ער מוז גלייך אויף דער הייסער מינוט דערציילן דעם קאפּיטאן וועגן דעם „פּאטריאָט" רייען, וואָס דערלויבט זיך צו שלאָגן אייגענע סאָל־דאטען . . .

דער בריוו־טרעגער מאַיק האָט איבערגעקערט די טאָרבע: ס'איז מער נישטאָ!

סאָלדאטן אָן בריוו זיינען אוועק אנטוישטע צו זייערע בעט־לעך. מ'האָט געטראכט, אז דער אָוונט וועט זיין מסוכן נודנע. ווער ס'האָט פארגרויכערט א ליולקע און ווער ס'האָט צוזאמענגע־דרייט א סיגארעטל.

די גליקלעכע זיינען שטיל געלעגן אויף זייערע בעטלעך, פאר־טיפט אין די בריוו, און געווען מיט זייערע מחשבות ערגעץ ווייט

פון דאַנען. געזען פאַר זיך די סאַמע נאָענטסטע. ווער עס האָט זיך געזען אין דער מחשבה שפּאַצירן אין זיין שטעטל אין אַ לבנה־נאַכט, לעבן וואָקזאַל מיט גוטע־ברידער, מיידלעך, געהערט אַפילו דאָס שטיפעריי. ווער עס האָט געזען טאַטע־מאַמע באַזאָרגטע . . .

פּלוצים האָט זיך דערטראָגן אַ שטימע:

— מילס, אין אָפיס אריין!

מילס איז אויפגעשפּרונגען: נישט אַנדערש, אַז עמיצער האָט שוין דעם קאַפּיטאַן געלאָזט וויסן און ער וועט דאַרפן זיין דער עדות . . .

רייען איז באַלד אויסגעוואַקסן לעבן אים:

— דער קעפּטן וויל מיט דיר עפּעס רעדן — האָט רייען מיט חוזק אין זיין טאָן, געלאָזט וויסן.

סאָלדאַטן האָבן זיך איבערגעוואונקען: עפּעס נישט גלאַטיק...

מיט קוראַזש איז מילס אריין אין אָפיס. ער האָט מיט פאַר־נעם סאַלוטירט דעם קאַפּיטאַן, וועלכער האָט אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס. ער האָט גלייך ארויסגעברומט:

— „פּראַיוועט" מילס, פאַרוואָס האָסטו געבראָכן אַרמיי־דיס־ציפּלין?

מילס, אַ צעטומלטער, האָט דערציילט וואָס עס האָט אַזוינס פּאַסירט, און דערשטוינט געוואָרן, ווי דער קאַפּיטאַן איז געווען אַזוי גלייכגילטיק: אפשר גלויבט ער אים ניט?

דער קאַפּיטאַן האָט באַפוילן אריינצופירן לאַזאַר'ן, דעם, וועלכן מ'האָט געשלאָגן.

קאָרפּאָראַל רייען האָט אים גלייך געבראַכט צופירן. איידער ביידע זיינען אין טיר אריין, האָט אים רייען אריינגעשושקעט אין אויער אריין:

— „רימעמבער!" . . .

דער קאַפּיטאַן האָט צום אַלעם ערשט בודק געווען לאַזאַר'ס מונדיר, צי פעלט ניט ערגעץ אַ קנעפּל, דערנאָך האָט ער אים ווי אַ שטרענגער טאַטע אַ פרעג געטאָן:

— האָט דיך קאָרפּאָראַל רייען געשלאָגן?

לאַזאַר איז געוואָרן שטאַרק צעטומלט. ער האָט ארומגעטראָגן זיינע בליקן דאָ צו מילס'ן, און דאָ צו רייענ'ען.

— שטיי רואיק! ענטפער וואָס מען פרעגט דיר! — האָט דער קאַפּיטאַן זיך צעבייזערט.

רייען איז געשטאַנען פּונקט אַנטקעגן, און מיט אַ פינגער גע־סטראַשעט לאַזאַר'ן.

— לאַזאַר האָט זיינע בליקן געלאָזט הענגען אויף מילס'ן און געשוויגן.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך געווענדט צו רייען'ען:

— גיב זיי ביידע אַ פּאָר טעג קיך־אַרבעט!

— יעס סער! — האָט רייען זיגרייך סאַלוטירט.

— לאַזאַר האָט פּלוצים אויסגעשריען:

— רייען האָט מיך . . .

דער קאַפּיטאַן האָט אים איבערגעשלאָגן. און אין אַ שפּאַ־סיקען טאָן געזאָגט:

— האָסט דיך ענדלעך דערמאָנט?

ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן ביידע רעקרוטן, און זיי אָנגעהויבן צו מוסר'ן: זאָלן זיי וויסן, אַז דאָ אין דער אַרמיי שפּילט דער יחיד אַ קליינע ראָליע. דאָס לאַנד איז איבער אַלעמען. זיי קאָנען שוין גיין. ער וועט אַלץ אויספאָרשן . . .

לאַזאַר און מילס האָבן סאַלוטירט. הענט האָבן בעת מעשה געציטערט. זיי האָבן פאַרלאָזט דעם אָפיס און געשעמט זיך צו קוקן איינער דעם צווייטן אין די אויגן אַריין. פון יענער זייט טיר, האָבן זיך ביידע אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע, ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן נאָכאַמאָל אַריינגיין.

פון אָפיס האָט זיך דערהערט אַ געלעכטער. דער קאַפּיטאַן מיט רייען'ען האָבן ווי געהאַלטן אַ פאַרמעסט: ווער ס'וועט הע־כער לאַכן . . .

# פון יענער זייט ווענטל...

קלעיר איז גערופן געוואָרן אין אָפּיס אריין צו זען דעם הויפּט־באַלעבאָס, מר. פינק, וועלכער איז דער פאַרוואַלטער פון די אינער־לעכע אנגעלעגנהייטן פון שאַפּ. זי ווייסט אליין ניט פאַרוואָס דאָס האַרץ קלאַפּט ביי איר אזוי. וויפיל מאָל זיצט אָט־דער מר. פינק לעבן איר, ער מעסט כלומר'שט אָן א קלייד אויף איר, און בעת מעשה גראַבלט ער מיט זיינע לײדנשאַפּטלעכע פינגער אירע נאַ־קעטע אַקסלען? וויפיל מאָל לויפט ער פאַרביי און גיט איר בגנבה א קניפּ, און זי קוקט דאן אויף אים ווי אויף א אינגל? ווײבאַלד אזוי, וואָלט זי זיך באַדאַרפט פילן היימיש מיט אים . . . איז דאָס אָבער ניט אזוי. זי ווייסט ניט פאַרוואָס: זאָל דאָס אפשר זיין דער־פאַר, וואָס דורך זיין מויל ווערן די שכירות באַשטימט?

דערנאָך האָט זי געטראַכט: אפשר רופט ער איר גאָר אומצו־קערן דאָס פינפּערל, וואָס מען האָט ביי איר לעצטן סעזאָן ארונטער־גענומען? ער האָט דאָך איר צוגעזאָגט. זי האָט אים טאַקע קיינ־מאָל ניט דערמאָנט וועגן דעם, ווייל זי איז דאָך ניט איינע פון יענע, וועלכע אַרבעט פון יענער זייט ווענטל . . . ביי איר איז דאָך ניט דורכאויס די שכירות. זי קוועלט אָן ווען זי הערט ווי דער דעזיינער זאָגט, אז איר פיגור גיט צו דעם גאַנצן חן צו די קליידער... זי ווייסט דאָס טאַקע אליין, אָבער ס'איז גוט צו הערן פון זיין מויל! זאָלן טאַקע אַלע וויסן ווי וויכטיק זי איז . . . הייסט עס, אז מר. פינק האָט זיך דערמאָנט אָן איר. ווײבאַלד אזוי, מעג זי זיין אביסל מוטיקער ביי זיך . . . און מיט א געהויבענעם קאָפּ איז זי אריין אין אָפּיס.

מר. פינק, וועלכער איז געזעסן ביים דעסק מיט זיינע הענט אונטערגעשפּאַרט די מאָרדע, האָט זיך גלייך אויפגעשטעלט און איר אָנגעוויזן אויף א גלאַנציקער שטול. זאָל זי זיך, הייסט עס, אַוועקזעצן, וועט מען זיך אביסל דורכשמועסן. אויף זיין לענגלעכן פּנים האָט א ווײלע א שמייכל זיך באַוויזן און באַלד, ווי מיט דער האַנט, אָפּגעווישט געוואָרן. זיך אָפּנים דערמאָנט, אז איצט איז ניט די צייט פאַר דעם. ער האָט אָנגעהויבן ארומשפּאַנען מיט פאַרלייגטע הענט אויף הינטן און געשוויגן, ווי ער וואָלט ערשט

איצט געטראכט וואָס צו זאָגן קלעיר׳ן, אָדער, ווי אזוי אָנצוהויבן דעם געשפּרעך.

קלעיר איז געבליבן זיצן א בלאַסע. פאַר איר איז גלייך קלאָר געוואָרן וואָס מר. פינק האָט איר גערופן. אָט פּונקט אזוי האָט ער זיך געקנייטשט לעצטן סעזאָן, ווען ער האָט ביי איר די שכירות גע־שניטן . . . זי וואָלט נאָר וועלן טרעפן, וויפיל ער וועט דאָס מאָל וועלן ארונטערנעמען . . . זי האָט געטראַכט, אז זי וואָלט אים גע־מעגט דערמאָנען, אז ער האָט דאָך איר געגעבן דאָס וואָרט, זי מער ניט קריוודען. אפשר וועט זי דאָס אים זאָגן; און אפשר ניט . . . פאַרוואָס זאָל ער אליין ניט פאַרשטיין ווי גרויס איר בייטראַג איז צו דער פירמע? דאָס קלייד, וואָס זי מעסט נאָר אָן, קריגט לעבן אין זיך. צי וואָלט דען א „באַיער" אַנדערש געקויפט? אירע אויגן האָבן געקוקט מיט גרויס פאראיבל אויף מר. פינק׳ן, וועלכער שאַצט איר ניט אָפּ ווי געהעריק.

אָט הערט זי באַצייטנס ווי די מוטער אירע מוסר׳ט איר, אז א מיידל פון יענער זייט וועגטל, וואָס טוט די מידסטע ארבעט, קריגט בעסער באַלוינט ווי זי . . . וואָס איז איר ענטפער? זי צעשרייט זיך אויף דער מאַמען, וואָס פאַרגלייכט איר צו יענע פון שאָפּ. קלעיר וויל ניט לײדן, אז די היים אירע זאָל צו איר האָבן אזא פּשוט׳ע באַציאונג . . . די מוטער ווערט באַלד אַנטשוויגן, און קלעיר׳ן פאַרדריסט דאָס. זי ווייסט אז די מוטער שווייגט אָפּ, דערפאַר ווייל זי, קלעיר, איז די פּרנסה געבערין . . . אָפּטמאָל, ווילט זיך איר גראַד, אז די מוטער אירע זאָל ניט שווייגן, נאָר זאָגן איר וואָס צו טאָן. צייטנווייז פילט זי זיך פּונקט אזוי הילפלאָז ווי אירע צוויי קליינע ברידערלעך, וועלכע קענען זיך נאָך ניט א ריר טאָן אָן דער מאַמען.

קלעיר האָט ניט געטראָפן. די פירמע האָט ניט געקלערט צו שניידן אירע שכירות. די פּאָררעדע איז דאָס מאָל געווען גאָר אָן אַנדערע: צי ווייסט זי א שטייגער, אז די קאָנקורענציע איז גרע־סער ווי אַלעמאָל? צי ווייסט זי אז די פירמע גייט באַרג ארונ־טער? . . . ביי קלעיר׳ן האָט זיך דער קאָפּ געהוידעט אַראָפּ און ארויף, כמעט אָן איר ווילן.

מר. פינק האָט זיך באַלד אָפּגעשטעלט נאָענט לעבן איר, און

גערעדט זייער העפלעך: צי ווייסט קלעיר, אז זי איז ביי זיי געווען פאררעכנט ווי איינע פון זייער געזינדל? צי ווייסט זי, למשל, אז שוין א חודש צייט ווי זיי האלטן אין איין חשבונ׳ען ניט צו דארפן מאכן אזא שריט: — אָבער נישטאָ קיין אנדער אויסוועג! נישטאָ!

קלער האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו פארלירן דאָס געדולד. זי האָט געפילט ווי אויפהויבן זיך און ארויסלויפן. עס שטיקט איר פשוט אין האלדז פון זיינע צעצויגענע פראזן. די נייגעריקייט איז ביסלעכווייז ביי איר פארשוואונדן. זי האָט שוין געוואָלט איבער־קומען דעם וויזיט. און באלד האָט זי זיך אָנגעהויבן רוקן אויפן שטול אהין און צוריק, אָן אָנצוהערעניש, אז ער זאָל דאָס מאכן בקיצור. די בליקן אירע האָבן שוין געהאָט אויסגעמאָסטן דעם גרויסן אָפיס עטלעכע מאָל אין דער לענג און אין דער ברייט.

מר. פינק האָט, אפנים, פארשטאַנען די אָנצוהערעניש. ער האָט ארויפגעלייגט א האנט אויף איר לינקן אָקסל און גערעדט שטיל, ווי ער וואָלט איר א סוד געזאָגט:

— מיס קלעיר, אָט דאָס איז די לאַגע! די פירמע וועט זיך מוזן באגיין אָן א מאָדעל. — ער האָט איר אָנגעהויבן גלעטן איבערן אָקסל, ווי ער וואָלט איר זאָגן, אז זי מוז איצט זיין בראוו. און ביסלעכווייז אָנגעהויבן דערוויטערן זיין האנט. געווען צופרידן וואָס די לעצטע ווערטער האָבן זיך שוין געהאָט ארויסגעגליטשט פון זיין האלדז.

קלעיר האָט געפילט ווי אויסצושרייען, אז ס׳וועט דאָך זיין אוממעגלעך צו באגיין זיך אָן איר . . . מיט איר צוזאמען וועט דאָך פארשווינדן דער גאַנצער חן פון די קליידער, וועלכע זיי פאר־קויפן. צי האָט מר. פינק כאָטש באראָטן זיך מיט דעם דעזיינער?

זי האָט, אָבער, קיין איינציק וואָרט ניט ארויסגעזאָגט. נאָר ארויס פון אָפיס מיט א געבויגענעם קאָפּ, ווי פון אן אָבל׳ס הויז, און געלאָזט זיך גיין אָנטאָן צו פארלאָזן דעם שאָפּ.

מר. פינק איז איר נאָכגעלאָפן. ער האָט איר פארגעסן צו זאָגן, אז די פירמע גיט איר צען טעג צייט צו זוכן זיך אן אנדער דזשאָב. נאָך עפּעס, ער האָפט, אז זי וועט זיין מיט זיי צוריק גאָר אינגיכן...

אין אָט די געציילטע טעג, וואָס קלעיר׳ן איז נאָך פארבליבן צו זיין אין שאָפּ, האָט זיך אויף איר אָנגערוקט א מין חשבון־

הנפש . . . זכרונות פון אנטלאָפענע יאָרן האָבן זיך, ווי קינדער פאַר זייער מוטער, איצט אָנגעהויבן פּיעשטשען פאַר איר. און אָט דערמאָנט זיך קלעיר'ן אין די סאַמע ערשטע טעג, ווען זי איז ארויס פון „האַי־סקול" — וויפיל חלומות זיינען דאָ ביי איר צערונען געוואָרן? אָט האָט זי געהאַט באַשלאָסן אוועקצולאָזן זיך קיין האָלי־וואוד און ווערן אַן אַקטריסע, די מוטער מיט די גרויסע שווארצע אויגן דערזעט זי פּלוצים אויפן לייוונט אין די מאָוויס און צעווייינט זיך פאַר פרייד. די צוויי ברידערלעך אירע צעשרייען זיך הויך אויפן קול איבערן גאַנצן זאַל: „דזשי, ס'איז דאָך אונדזער שוועס־טער, קלעיר!

דערנאָך האָט זי געזאָלט ווערן אַ מאָדעל פאַר אַ סקולפּטאָר און קיין שטעלע ניט געקענט געפינען. זי דערמאָנט זיך, ווי איר בחור סאַנטעס, מיט וועלכן זי איז דאַן ארומגעגאַנגען, האָט זיך גאָר דאַן געבייזערט, ניט געוואָלט זי זאָל ווערן אַ מאָדעל . . . זי האָט דאַן אזעלכע רייד ניט געוואָלט הערן: — ביזט אַ שלעכטער, — האָט זי אים געזאָגט, — קום ניט מער צו מיר!

איצט, אָבער, פילט זי אַ בענקעניש. זי וואָלט אים וועלן זען. אָבער ער מיידט זי אויס . . .

אָט דערמאָנט זי זיך אין דעם סאַמע ערשטן טאָג, ווען זי איז אהער אין שאַפּ ארויפגעקומען. דער דזשיינער האָט איר דאַן פשוט געוואָלט אויפעסן מיט זיינע גרויע אויגן. ער האָט געזאָגט צו מר. פינק'ן, אַז אזאַ פּראָפּאָרציע פון אַ פיגור האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געזען. זי האָט דאָס גראָד געהערט און געשמייכלט צו זיך אליין. אָך, ווי גוט עס איז איר געווען, ווען זי האָט זיך ארומגע־קוקט אין דעם געראַמען צימער מיט דעם ווייכן טעפּעך אונטער די פיס. די זון האָט געשיינט דורך די גרויסע פענצטער. כאָטש נעם אביסל שטראַלן אהיים . . . דערצו — דער פייערלעכער געדאַנק, אַז זי וועט שוין מער ניט זשעדנע זיין קיין ניי קלייד . . . זי האָט געפילט ווי צו כאַפּן אַ טענצל. אַ קלייניקייט: אַלע נייע „סטיילס" וועט זי מחדש זיין, און שפּיגלען אירע גלידער אין דעם לאַנגן שפּיגל, וועלכער הענגט פונקט אַקעגן . . .

אביסל שפּעטער:

— מיס קלעיר, טוט זיך איבער!

זי וועט יענעם מאָמענט קיינמאָל ניט פארגעסן, ווי נעבעכדיק זי איז געבליבן שטיין אין איר הויזן אונטער־קלייד. עס האָט זיך איר געדאכט, אז בושה שרייט פון יעדן ווינקל ארויס: שעם זיך, שעם זיך! ווי אזוי קאָן זי טאָן אזא זאך? צי וואָלט זי זיך ניט געשעמט אזוי צו שטיין אפילו פאר אירע ברידערלעך? עס האָט זיך איר דאן געדאכט, אז זי וועט דאָס ניט אויסהאלטן, אָט וועט זי לויפן אהיים און מער ניט קומען צוריק . . .

טעג נאָכאנאנד האָט זי מיט זיך איינגע'טענה'ט, אז זי מוז זיך באפרייען פון די קינדערשע סענטימענטן . . . איר ארבעט דאָ איז אן ארטיסטישע און קיין זייטיקע זאכן טאָרן איר ניט ארן . . .

אין די שפעטערדיקע טעג האָט זיך קלעיר אינגאנצן ביינגעקומען. איר האָט שוין מער ניט געאַרט וואָס מר. פינק האָט גאַנץ אָפט אוועקגעזעצט זיין שטעכיקע מאָרדע אויף איר נאַקעטן אקסל, אָדער בגנבה איר א קניפ געטאָן אין לייב, ווען ער איז פארבייגעלאָפן. זי האָט זיך אפילו קיין איינציק מאָל מער ניט געקימערט, ווען זי האָט באדארפט גיין פארברענגען מיטן „באַיער", וועלכער איז אפשר עלטער פון איר פאָטער . . . אלץ איז ביי איר געוואָרן גלייכגילטיק...

בלויז איינמאָל פאר דער גאנצער צייט האָט זי דערפילט אז צאָרן שטופט איר ניט צו פארשווייגן. דאָס האָט פאסירט ערשט ניט לאַנג צוריק: מרס. פינק איז אָנגעקומען, געטראָפן איר מאן לעבן קלעיר'ן. יענע האָט מיט פאראכטונג א זאָג געטאָן:

— אלע מאָל לעבן דער שטיק פלייש . . .

אין יענעם מאָמענט האָט זי געפילט ווי דער פרוי אויספאטשן. צום ערשטן מאָל מקנא געווען די מיידלעך פון יענער זייט ווענטל. געטראכט זיך, אז דאָרט וואָלטן זיך אפשר די מאשינען אָפגעשטעלט ווען אזא זאך פאסירט. דאָ, אָבער, אין דעם אויסגעפוצטן צימער, מעג מען אלץ. זי דאַרף נאָך באַצאָלן מיט א שמייכל . . .

קלעיר האָט פלוצלונג דערפילט א שטאָך אין די שלייפן פון איר מוח, עס האָט זיך איר געדאכט ווי עמיצער האָט נאָר וואָס אויסגערופן: „שוין זעקס יאָר אוועק, און איצט וועט זי דארפן גיין זוכן א נייעם „דזשאב" און אלץ אָנהויבן פון דאָס ניי. איר קערפער האָט א ציטער געטאָן. זי האָט פארטראָגן אירע בליקן צו זיך אהיים.

אַט זעט זי דעם פֿאָטער אירן אַריינקומען שיכור, קוים וואָס ער האַלט זיך אויף די פֿיס. ער שאַרט זיך צום בעט, ווי אַ פֿאַרוואונ־דעטער. די מוטער ברעכט זיך די הענט. די קינדער פֿילן זיך ווי איבעריקע אין שטוב . . . אָך, ווי איר פֿלעגט זיך וועלן דעם טאַטן אויספּאַטשן! באַפֿרייען זיך אַביסל פֿון איר האַס צו אים . . . איצט אָבער האָט זי אים מער ניט פֿיינט. זי פֿאַרשטייט אים בעסער. ער איז דאָך אַלעמאָל געווען אַן אַרבעטזאַמער מענטש, און פּלוצים, אַן איבעריקער געוואָרן. זי דערמאָנט זיך ווי ער פֿלעגט די ערשטע צייט קומען אַהיים מיט ליידיקע הענט, און מיט ביטערקייט זאָגן: „כאָטש שריי צו דער לבנה, אַלע טויערן פֿאַרמאַכט" . . . איצט פֿאַרשטייט זי פֿאַרוואָס ער האָט אָנגעהויבן טרינקען. זי אַליין האָט זיך שוין אויך עטלעכע מאָל אָנגע'שיכור'ט, און זי ווייסט אַז ווען ער קאָפּ דרייט זיך, ווערט מען פֿריילעך. מען זעט גאָר אַנדערע מענטשן. דער „באַיער" האָט ביי איר אַלעמאָל אויסגעזען אינגער און שענער, ווען זי האָט אויסגעטרונקען עטלעכע גלעזלעך וויין . . . אַ צע־קרימטער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף אירע שמאַלע ליפּן. זי האָט אַ סך געטראַכט וועגן איר מוטער, וועגן אירע ברידערלעך: אַז עס קומט אַ שווערע צייט פֿאַר זיי, און זי ווייסט ניט וואָס זי זאָל אָנהויבן צו טאָן.

ווען זי איז געוואָרן שטאַרק אומעטיק, האָט זי זיך אָנגעהויבן טרייסטן מיט מר. פּינק'ס לעצטע ווערטער, אַז ס'איז דאָך בלויז אויף דערווייל. זי איז זיכער, אַז די פֿירמע וועט זיך אָן איר ניט קאָנען באַגיין . . . מען וועט איר צוריקרופֿן . . .

:: :: ::

אין אַנדער טאָג האָט זיך קלעיר דערוואוסט, אַז מר. פּינק האָט זי אָפּגענאַרט. אַז די פֿירמע גייט ניט באַרג־אַראָפּ. ער האָט שוין אַפֿילו באַשטעלט אַן אַנדער מאָדעל. זי האָט זי שוין אַליין געזען. זי איז אַ בלאָנדע מיט קעצישע אויגן, טאַנצט אַרום אויף אירע קליינע אָפּצאַסן און שמייכלט: אפֿשר איז זי, קלעיר, אויך אַזוי גע־ווען. זי געדענקט שוין ניט . . .

דערנאָך האָט זי זיך שוין אויך דערוואוסט פֿאַרוואָס מען שיקט איר אַוועק. דאָס איז דערפֿאַר, וואָס איר קערפּער איז געוואָרן

אביסל מער אויסגעפולט. אירע מוסקולן אביסל דיקער. נישטאָ מער יענע פּראָפּאָרציע . . . „ביזנעס איז ביזנעס".

זי האָט דערפילט א היץ אין שטערן, ווען זי האָט זיך פון דעם דערוואוסט. אָט שרייט זי אוים: וואָס איז זי שולדיק? צי מוז זי בלייבן דאר און איידל איר גאנצן לעבן? פארוואָס האָט מר. פינק איר אָפּגענאַרט? אָט לויפט זי ראשיק אריין אין זיין אָפיס, און זאָגט אים, אז ער איז א ליגנער! זאָלן אלע אין שאפ דאָס הערן!

ניין, זי וועט דאָס ניט טאָן. ער טאָר ניט וויסן, אז איר אַרט דאָס. אפשר אַרט דאָס איר טאקע ניט? זי שוועבט צווישן יאָ און ניין, און זי קאָן ניט באשליסן. וויבאלד אזוי וויל זי גלאט ניט, אז עמיצער זאָל פון דעם וויסן. זי וועט אפילו איר מוטער דאָס ניט דערציילן . . . קיינעם, קיינעם ניט. זי וועט דאָס בלויז אריינשרייבן אין איר טאָג־בוך וואָס זי פירט. אמאָל, אמאָל וועט מען זיך דערוויסן וועגן דעם לעבן פון א מאָדעל . . .

קלעיר האָט מער ניט געקענט פארענדיקן דעם טאָג. זי האָט געפילט א מאָדנע מידקייט אין איר קערפּער. זי האָט געהאלטן אין איין גענעצן, געפילט ווי שטיקער בליי וואָלטן איר געצויגן ארונטער צום דיל. דערצו האָט זי אזעלכע מאָדנע מחשבות, אז זי שרעקט זיך פאר זיך אליין. שוין באלד אלע פענצטער צוגעמאכט... עס שרעקט זי אויך ביי דעם מאָמענט צו באגעגענען זיך מיט מר. פינק'ן. ווער ווייס? . . .

זי האָט זיך שנעל אָנגעהויבן אָנטאָן. זיך פשוט מורא געהאט אומצוקוקן, מען זאָל ביי איר עפּעס ניט פרעגן. זי האָט א יאושדיקן מאך געטאָן מיט דער האנט צו דער אָנגעשטאָפּטער פיגור, וועלכע איז געשטאנען ניט ווייט פון איר, א גלעט געטאָן אין מעשענעם אקסל, ווי מקנא געווען וואָס איר ווארפט מען נאָך ניט ארוים . . . און צום ערשטן מאָל וואָס זי ארבעט דאָ, האָט זי זיך געלאָזט גיין אהיים דורכן שאפ. זי האָט די לעצטע טעג דערפילט א נאָענטקייט צו די מענטשן דאָ. אָט הערט זי צום ערשטן מאָל זייער געזאנג, ניט מער דורך דעם ווענטל.

זי איז געגאנגען פאמעלעך. אירע בליקן האָבן ארומגעטאנצט אָט דאָ, אָט דאָרט, און פאר א ווייל געבליבן הענגען אויף א צעוואקסענער פינישערין, וועלכע האָט געלאכט הויך אויפן קול. שטארק

מקנא געווען, וואָס איר קאָן מר. פינק ניט אוועקשיקן . . . ווייל זי איז צעוואַקסן . . . אָט רייסן זיך ביי איר ווערטער פון מויל. זאָלן זיי וויסן, זאָלן זיי . . .

פאר'חידוש'טע אויגן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן דורכשמועסן:

— זע נאָר, אינמיטן העלן טאָג גייט זי אהיים!

קלעיר האָט זיך ווי דערשראָקן פאר אירע צעפליקטע נערוון, ארייננעטוליעט זיך אין איר מאַנטל און שנעל ארויסגעלאָפן.

אינדרויסן איז זי געבליבן שטיין. געקוקט רעכטס, געקוקט לינקס, ניט געקענט באַשליסן אין וועלכער ריכטונג צו גיין. גע־טראַכט, אז ביי דעם איצטיקן מאָמענט וואָלט זי זיך באדארפט אָנטרינקען, עס זאָל איר אביסל אויפלעבן. אָט זעט זי ווי דער פאָ־טער אירער קומט אהיים שיכור, און זי, גלייך נאָך אים. די מו־טער כאפט זיך פארן קאָפּ. זי וועט דאָס ניט אויסהאלטן, ניין!

קלעיר האָט פארוויכערט א סיגארעטל און ווי א בלינדע זיך געלאָזט גיין דעם פאַרנאַכט אנטקעגן . . .

## אייגן בלוט און פלייש...

ס'איז אודאי מאָדנע, אז ווען א טאַטע מאַכט חתונה זיין ערשטן זון, זאָל ער גאָר זיין פאַרזאָרגט: אויסזען, ווי אָט־אָט וועט ער זיך צעוויינען. די טיר פון זיין צימער עפנט זיך און פאַרמאַכט זיך. יע־דע ווייַלע הערט זיך א געבעט־שטימע:

— נו, טוסט זיך אָן, פּאַ?

און ער בייזערט זיך:

— לאָזט מיך צורו! לאָזט מיך צורו!

אפילו דער חתן אליין איז שוין אויך ביי אים געווען. געבעטן זיך, אז ער, דער פאָטער, זאָל אים ניט מבייש זיין. — עס איז דאָך ניט געהערט געוואָרן, אז א טאַטע זאָל וועלן אויסמיידן זיין זונ'ס חתונה! — די ווערטער האָבן דעם פאָטער געשטאָכן ווי מיט שפּיל־קעס. עס האָט אים זייער וויי געטאָן. דאָך, האָט ער דעם קאָפּ זיי־נעם אפילו ניט אויפגעהויבן. עס האָט זיך געדאַכט, אז ער האָט אפילו ניט געהערט וואָס דער זון האָט צו אים גערעדט.

די פרוי זיינע האָט זיך שוין מיט אים עטלעכע מאָל געוועֶרטלט:

— שמעון, ס'וועט זיך טאָן חושך אויב דו וועסט זיך גלייך ניט איבערטאָן! פאַרשטער ניט די שמחה! דו הערסט! נישקשה, ס'זיי־נען פאַראַן קינדער, וואָס טוען אָן גרעסערע בושות ווי אונזער וויק־טאָר . . .

ביי שמעון'ען אויף דער צונג זיינען געלעגן שאַרפע ווערטער צו זאָגן צו דער פרוי זיינער, אָבער ער האָט זיך צוריקגעהאַלטן. נאָר מיט א ציטער אין זיין קול גע'טענה'ט:

— חנה, אפשר פאַרשטיי איך ניט די וועלט, אָבער פרייען זיך קאָן איך ניט . . .

חנה האָט א פּראַל געטאָן מיט דער טיר. אריין צוריק צו די מחותנים, צו זיין אויף דער זואַך, אז קיינער פון זיי זאָל זיך, חלילה, ניט דערוויסן, אז דער טאַטע מיטן זון, דעם חתן, זיינען גאָר ברוגז. זי איז געווען זיכער ביי זיך, אז די רייכע געסט וועלן חוזק'ן פון איר מאַן. און דאָס וואָלט איר זייער וויי געטאָן. ווייל לויט איר מיי־נונג איז שמעון ניט אינגאַנצן אומגערעכט . . . זי וואָלט שוין מיט אים א פערטל יאָרהונדערט און זי קען אים בעסער פאַר זיי . . . זי

האַלט נאָר, אַז עלטערן דאַרפן אַלעמאָל זיין גרייט מוחל זיין זייערע קינדער . . . דערצו נאָך דעם טאָג פון דער חתונה, אודאי און אודאי . . .

שמעון איז געבליבן זיצן נאָך מער צעיוירן ווי פריער. ער האָט מיט ביידע הענט געהאַלטן דעם קאָפּ זיינעם אונטערגעשפּאַרט. און פאַר אים האָבן זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערוויקלען אַן א שיעור ווייטע טעג, פון יאָרן, יאָרן צוריק. אָט דערמאָנט ער זיך ווען דער חתן וויקטאָר איז נאָך א קליין אינגל געווען. וועגן זיינע חכמות. ווי אַזוי ער פלעגט זיך אוועקשטעלן אויף א קעסטל און האַלטן א רעדע פאַר די אַנדערע קינדער, מיט וועלכע ער האָט זיך געשפּילט. — מיר דאַרפן זיך האַלטן צוזאַמען, — האָט ער צו זיי געזאָגט. וויקטאָר האָט זייער ליב געהאַט צו שטיין גאַנץ אָפּט ביי גאַסן־מיטינגען, וועלכע זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן לעבן זיין הויז. ער האָט געהאַלטן אָפן דאָס מויל זיינס. פאַרכאַפּט געוואָרן פון די רעדעס ווי א דערוואַקסענער מענטש. און שפּעטער דאָס איבערגעגעבן צו אַנדערע קינדער. אים האָט זיך דאַן געדאַכט, אַז זיין אינגל, וויקטאָר, איז דער קליגסטער פון אַלע קינדער. אַז ער וועט אויסוואַקסן, וועט ער זיין אַן אַרבעטער־פירער . . .

און אַז וויקטאָר איז אַרויס פון „האַי־סקול", געוואָלט לערנען פאַר לאָיער, האָט ער, שמעון, אים נאָך צוגערעדט צו דעם: לערן, לערן זון מיינער! אַרבעטער זיינען דאָ גענוג! מיר דאַרפן גוטע קעפּ וואָס מער! — ער האָט זיך גאָר ניט געוואָלט רעכענען מיט דעם, וואָס ער האָט שוין דאַן געהאַט אָפּגעשפּאָרט פון זיין אַרבעט א קוויטשענדיקען הוסט, און דער פאַראיין־דאָקטאָר האָט אים געוואָרנט, אַז דער שאַפּ זיינער איז פאַר אים סם . . . געשטאָפּט ליאַלקעס ביז שפּעט אין די נעכט. געהאָפט, אַז וויקטאָר וועט באַלד ווערן א לאָיער, א פירער, וועט העלפן אים און אַנדערע ווי ער, וועלכע האָבן זיך שוין ניט איינמאָל געהאַט פאַרזאַמלט אין א זאַל און געפּלאַנעוועט צו אָרגאַניזירן זיך.

עס דערמאָנט זיך אים ווען וויקטאָר איז איינמאָל אַרויפגעקומען צו אים אין שאַפּ אַריין, וויפיל מיטגעפיל ער האָט דעמאָלט אַרויסגעוויזן צו די אַרבעטער. צו אַלעמען גערעדט אַזוי ליבלעך. דערלאַנגט דאָ דעם, דאָ יענעם עפּעס צו דער האַנט. שמעון'ען האָט דאָס שטאַרק

הנאה געטאָן. האָט ער זיך דאן ניט געקענט איינהאלטן און גע־זאָגט צו די ארבעטער: — מיין זון וועט זיין אונזער לאָיער. וויק־טאָר האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. באשטעטיקט דעם טאַ־טענס רייד. עס איז אים דעמאָלט געווען זייער אויפגעלייגט אויפן הארצן. די ארבעט איז אים פשוט לייכטער געוואָרן. כמעט אלע טעג שוין גערעדט וועגן וויקטאָר'ן. און אז אן ארבעטער האָט זיך יאוש'דיק א קנייטש געטאָן, געלאָזט פאלן א וואָרט, אז ער רעדט צו זיכער וועגן זיין זון: „ווער קען וויסן?" האָט שמעון דעם דאָזיקן ארבעטער אויפגעוואָרפן, אז ער איז פון די מענטשן וואָס פארגינען ניט יענעם . . . אז ער קען ניט קיין מענטשן. זאָל ער טאקע וויסן, אז א שיינעם טאָג דערקענט מען גלייך פון אינדערפרי . . .

און שפּעטער האָט שמעון אין גאנצן אויפגעהערט צו רעדן צו יענעם פּעסימיסטישן ארבעטער. אפילו נישט געוואָלט הערן זיין קול, ווען יענער האָט גאָר גערעדט צו עמיצן אנדערש. א בייזע מחשבה איז פלוצים אָנגעלאָפן. דערמאָנט שמעונ'ען אין דער צייט ווען וויקטאָר האָט שטילערהייט אָנגעהויבן ארבעטן אין אן אָפיס פון א „דאָל שאָפּ", פארליבט זיך אין דער טאָכטער פון דעם דאָרטיקן באלעבאָס. און איינמאָל איז ער געקומען צולויפן מיט א גדולה, אז באלד, באלד וועט ער דעם טאַטן אריינעמען אהין. דאָרטן וועט ער פארדינען מער געלט. דאָרטן וועט אים זיין בעסער . . . שמעון האָט זיך געקוויינקלט — מיין זון, ניט דאָס האָב איך געמיינט. איך וויל, אז איך און דו . . . — וויקטאָר האָט אים גלייך איבערגעשלאָגן: — פּאַ, מיר דארפן זאָרגן וועגן זיך!

גלייך דעמאָלט האָט שמעון דערפילט אן ענדערונג אין זיין זון וויקטאָר. ער האָט יענעם מאָמענט דערמאָנט זיך אָן די יאוש'דיקע רייד פון יענעם ארבעטער אין שאָפּ, וועגן זיין זון. — יענער איז גע־ווען גערעכט!

שמעון האָט זיך ניט געוואָלט דערמאָנען מער וואָס עס איז גע־שען. אָבער זיינע זכרונות איז ווי מיטאמאָל ענג געוואָרן אין מוח ביי אים. זיי האָבן זיך געריסן אויף דער פריי ווי פארשפּארטע פייגע־לעך פון שטייגל ארויס. אים דערמאָנט אָן דער סאמע אורזאך וואָס האָט געבראכט צו דעם, אז ער זאָל אויפהערן רעדן צו זיין זון.

פאסירט האָט דאָס ניט לאַנג צוריק. ער איז דאַן געזעסן אין א זאַל ביי א מאסנמיטינג, וואו א היפּשע צאָל סטרייקערס פון זיין טרייד האָבן זיך געפונען. אלע פארזאמלטע האָבן שוין געהאט געזען דעם זיג פאר זייערע אויגן. מיטאמאָל האָט מען גאָר געלאָזט וויסן, אז עפּעס א יונג לאָיערל האָט פאר די באלעבאטים אן „אינדזשאָנק־שאָן" ארויסגעקראָגן. און אז ער, שמעון, האָט דעם נאָמען דערהערט, האָט ביי אים אָנגעהויבן דאָס הארץ קלאפּן, אָט־אָט שטעלט זיך דאָס אָפּ. דערנאָך האָט זיך אים נאָר געדאכט, אז אלע פארזאמלטע דאָרטן דרייען אויס זייערע קעפּ צו אים: „אָט איז דער טאטע פון דעם חוצפה'דיקן לאָיערל!" אומעטיקע אויגן פרעגן: „אזוי האָסטו דיין זון געלערנט? שעם זיך, שעם זיך!"

מער האָט ער ניט געקענט איינזיצן דאָרטן. ער איז דאַן גלייך געלאָפן צום זון אין אָפיס אריין. ער וועט אים מאכן מיט דער בלאָטע צוגלייך! צי ווייסט ער כאָטש וואָס פאר אן עוולה ער איז באגאנגען?

דער זון האָט זיך גאָר דערפרייט מיט זיין באזוך. אים אוועק־געזעצט אויבן־אָן. געגלעט אים איבער די פּלייצעס און גערעדט זיך אזוי געמיטלעך:

— פּא, א לאָיער מוז אלעמען פארטיידיקן, גערעכטע אָדער אומ־גערעכטע, אלע קליענטן זיינען ביי אים גלייך . . . דו זאָג בעסער דער מאמען אז דו וועסט ביי מיר שוין לאַנג אין שאָפּ ניט דארפן ארבעטן. גענוג!

— און די אנדערע טאטעס? — האָט שמעון אויסגעשריען.

— לאָז דאָס איבער צו זייערע זין!

שמעון איז אוועק א דערצאָרנטער, נאָך מער ווי פריער. און פון דאַן אָן צום זון ניט געקענט רעדן מער. געהאלטן אין איין טראכטן וועגן דעם פּלאָנטער אין וועלכן ער געפינט זיך. סטייטש, ער אליין האָט נאָך געהאָלפן דעם זון זיינעם צו ווערן זיינער א שונא! היינט, וואָס פאר א פרייד איז אויף אים אז ער זאָל נאָך גיין צו זיין חתונה? גיין, ער וועט פאר קיין פאַל ניט גיין! אָט צעפּראלט ער די טיר און שרייט דאָס אריין צו די רייכע געסט. זאָלן אלע וויסן, אז דער זון איז געוואָרן זיין שונא . . .

* * *

די חופה־שעה האָט זיך אונטערגערוקט. אָט, אָט דאַרף מען פאָרן אין טעמפּל אַריין, וואו די נויטיקע צערעמאָניעס וועלן דאַרפן פאָרקומען. פאַרן הויז האָט שוין געוואַרט וויקטאָר׳ס גלאַנציקער אויטאָמאָביל, ספּעציעל פאַרן טאַטן מיט דער מאַמען. געסט האָבן זיך שוין עטלעכע מאָל געהאַט נאָכגעפרעגט אויפן מחותן. ביי דער פרוי חנה האָבן טרערן געגלאַנצט אין די אויגן. בעת מעשה א בליק געטאָן צו דער פאַרמאַכטער טיר, וואו דער מחותן איז געווען, און באַלד מיט א ציטער אוועקגעכאַפּט אירע אויגן פון דאָרט. מורא געהאַט אַז עמיצער פון די געסט זאָל זיך נאָך ניט אָנשטויסן וואָס דאָ גייט פאָר . . . א יאוש׳דיקע האָט זי אָנגעהויבן פאַרענטפערן איר מאַן:

— ער איז מיר עפּעס ניט מיט אַלעמען . . .

קולות האָבן זיך אויף אַמאָל צעליאַרעמט. ווערטער האָבן אויף ליפּן געציטערט:

— וואָס־זשע, ער וועט צו דער חופה ניט גיין?

חנה האָט כלומרשט א שמייכל געטאָן און זיי געטרייסט, אַז ער פילט שוין אודאי בעסער. ווי א דיריגענטין, האָט זי מיט דער האַנט אירער פּרובירט איינשטילן זייערע קולות. ווי זי וואָלט זאָגן, אַז זייער טומלען זיך איז ניט געזונט פאַרן מחותן . . . און באַלד איז זי אויף אירע שפּיץ־פינגער צו אים אריין.

חנה האָט זיך דעם מאָל ניט געבייזערט אויף שמעונ׳ען, נאָר געטוליעט זיך צו אים, געגלעט אים איבער די באַקן. זיך אוועקגעזעצט גאָר נאָענט צו אים און אָפּגעזיפצט:

— הערסט, שמעון? כ׳האָב זיך נאָר־וואָס דערמאָנט וואָס מיר זיינען זיך אויסגעשטאַנען ווען אונדזער וויקטאָר איז נאָך א פּיצל קינד געווען. וויפיל נעכט דו ביסט מיט מיר צוזאַמען געווען אויף דער וואַך, ווען ער האָט געפיבערט. האָסט איינמאָל אַפילו געוויינט הויך אויפן קול: געדענקסט? עפּעס האָט ער געליטן מער פון די אַנדערע קינדער . . . ניט אַזוי?

שמעון האָט איר די גאַנצע צייט געקוקט אין מויל אריין און זיך נייגעריק צוגעהערט. יענער רחמנות־געפיל פון אַמאָל האָט אים אָנגעהויבן ביסלעכווייז פאַרכאַפּן. דער צאָרן, וואָס האָט ערשט אַזוי שטאַרק געטליעט אין אים אויף וויקטאָר׳ן, האָט זיך

אנגעהויבן ביסלעכווייז אָפּרוקן . . . נייע מחשבות זיינען אָנ־געלאָפן און די פריערדיקע ארויסגעטריבן פון זיין מוח . . .

טאַטע־מאַמע האָבן זיך גענומען דערמאָנען וועגן וויקטאָר׳ס חכמה׳לעך ווען ער איז אונטערגעוואקסן. וויפיל נחת רוח ער האָט זיי דעמאָלט פארשאפט. דערנאָך, זיך גאָר דערמאָנט וועגן זייער אייגענער חתונה. — ווי יאָרן לויפן דאָס אוועק! — האָבן זיך ביידע גע׳חידוש׳ט. — אָט געדענקען זיי נאָך אפילו א קאָמישע פאסירונג וועגן זייערער א מומע, וואָס איז געווען די העכסטע פרוי פון אלע, און געקומען צו דער חופה מיט אזא גרויסער פעדער אין איר הוט, אז ביידע האָבן זיך דאן שיעור ניט צעלאכט . . .

שמעון האָט ארומגענומען חנה׳ן. געטראכט זיך, אז זי איז אלעמאָל געווען אים אזוי געטריי. אז דער פלאָנטער פון דער וועלט איז אים זייער שווער צו באנעמען. אז בסך־הכל איז דאָך וויקטאָר א גוטער מענטש. און דאָך . . .

ער האָט זיך ראפּטאָם אויפגעשטעלט, א פּאטש געטאָן מיט די הענט:

— חנה, מען דארף זיך צואייל!

# אַ שאָפּ

מר. מעלניק איז איצט אַ באַלעבאָס, איינער פון דער פירמע „סאַנרייז דרעס קאָמפּאַני״. ער איז זייער צופרידן מיט זיך: איך בין פּאַרט אַ געראָטענער, טענה׳ט ער צו זיך אַליין. וואָס אמת, איז אמת... אַז איר קוקט אויף אים, באַקומט איר דעם איינדרוק, וואָלט ער נאָר געקאָנט זיין ברייטן שטערן דערגרייכן מיט זיינע פּענכבער־ליפּן, וואָלט ער זיך אַליין אַ קוש געטאָן אין שטערן. אַ דאַנק אים איז שוין באַלד צען יאָר, אַז די „יוניע״ קאָן צו אים אין שאָפּ ניט אריינקומען: דאָס איז בלויז אַ דאַנק מיר״, לויבט ער זיך אַליין.

אפילו ווען ער האָט געאַרבעט ביי יענעם, האָט ער אויך גע־וואוסט ווי אַזוי אים זאָל קיין רעה ניט אַרויסקומען. עס דערמאָנען זיך אים זיינע „חכמה׳לעך״, וועלכע פלעגן אַזוי אויסנעמען ביי זיינע באַלעבאַטים. למשל: ווען די אַרבעטער האָבן זיך געשושקעט אין דער שטיל וועגן שאָפּ־ענינים, האָט ער זיי גלייך אַ נאָמען געגעבן: „קהל׳שע קליאַמקעס״ . . . אַז אַ באַלעבאָס האָט אים געקלאַפּט אין פּלייצע: מעלניק, דו האָסט מער שכל פון זיי אַלעמען — אַ סימן, אַז זיין חכמה האָט נושא־חן געווען — האָט אים גאָט אין קאָפּ אריינגע־שיקט אַ צווייטע חכמה׳לע און אַ דריטע. נאָכדעם האָבן זיך ביי אים אין בלעכענעם קעסטל, לעבן זיין מאַשין, באַוויזן געשוואָלענע בינטלעך אַרבעט, דערצו נאָך פון איין קאָליר. ער האָט טעג נאָכאַ־נאַנד נישט געדאַרפט בייטן די באַוול, „ווי די אַנדערע שלימ־מזל׳ען, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין שכל״ . . . אַזוי טרייסט ער זיך אַליין.

מעלניק׳ן האָט שוין באַצייטנס געוואָרימט אַ באַנק־ביכל מיט בלויע טאָוולען ביי זיך אין קעשענע. אין געדאַנק ביי זיך האָט ער דעם באַנק־ביכל גערופן: די ביבל. די ציפערן אינווייניק, וועלכע זיי־נען געוואַקסן פון וואָך צו וואָך, זיינען ביי אים געווען — הייליקע שורות. די טעג וואָס ער האָט געטראָגן אָפּגעשפּאָרט געלט אין באַנק, זיינען ביי אים געווען יום־טובים.

אינווייניק, אין דער באַלויכטענער באַנק־געביידע, מיט די גרויסע לאָמפּן, איז אים אַזוי פרייליך אויפן האַרצן. ער האָט געהאַט אַ גע־פיל, אַז ער געפינט זיך אין אַ גרויס מקום קדוש. אים איז דער פּלאַץ אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט אפילו באַשלאָסן צו דינגען אַ צי־

מער פאר זיך, גלייך ארום, און ווען ער וועט נאָר צייט האָבן, וועט ער דאָ אביסל פארברענגען. ווינטער אין די גרעסטע פרעסט, איז דאָ ווארים א מחיה; זומער אין די היצן — אזוי קיל. די מערסטע דאָ ריידן זיין לשון. פון צייט־צו־צייט באקומטמ מען אומזיסט מתנות: א הגדה אויף פסח; א לוח, ווען די פּאַרכטיקע טעג דערנעענטערן זיך. ער האָט געטראכט, אז ער האָט דאָ זיין גאנץ פארמעגן, איז גאָר ניט אזוי קרום, זיין וואָס נעענטער צו דער באנק.

אָט־די באנק־געביידע, ארום וועלכער מעלניק האָט זיך אזוי גע־קלעפּט, האָט ביי אים צוגענומען יעדן מינדסטן פּאַרלאַנג אויסצוגעבן געלט אויף זיך, צו גיין זיך ערגעץ וואו אמוזירן. ער האָט מיט זיך איינגע'טענה'ט אזוי: א דאָלער האָט ליב א ריכטיקע היים, פונקט ווי א מענטש, להבדיל . . . דאָרטן וואקסט עס. אם ירצה השם, אז ער וועט רייך ווערן און די שטעטלדיקע בחורים אויף יענער זייט ים, אין דער אלטער היים, וועלן זיך דערוויסן ווי רייך ער איז, וועלן זיי אויפהערן ריידן, אז ער איז גלאַט א פּוסטער בחור. מען וועט וועגן אים ריידן און ריידן, נאָר גאָר אנדערש ווי אמאָל. אויס מיט לשון הרע! . . .

מעלניק האָט אויך ליב געהאט פון צייט־צו־צייט ארומשפּאצירן מיט די הענט אין די קעשענעס ארום די קראָמען, ארייננקוקן אין די גרויסע אויסגעפּוצטע שויפענצטער, גלאַט אזוי זיך, צוליב צייט־פארטרייב. אז א סיילסמאַן האָט אים איינגעלאַדן אין א קראָם אריין אָנצומעסטן א מלבוש אין גלייכן געלט, האָט זיך מעלניק גראָד ניט אָפּגעזאָגט. ער האָט זיך געטראכט: זאָל א מענטש הנאה האָבן! דערפאר, אביסל שפּעטער, ווען דער סיילסמאַן איז שוין געווען ביי זיך זיכער, אז מעלניק איז גרייט צו קויפן — ער האָט דאָך אליין צוגעגעבן אז דער מלבוש איז שיין, אז דער מלבוש איז אין גלייכן געלט: „טאקע גאַרנישט טייער!" — ווען ס'האָט אויסגעזען, אז ער איז שוין גרייט צו לאָזן איינפּאַקן דעם גראַניטער, פלעגט זיך מעלניק צעשמייכלען, ווי איינער רעדט: אָט אזוי גיך קויפט זיך א מלבוש? דערווייל גיי איך נאָך ניט נאַקעט . . . ער האָט א גלעט געטאָן דעם סיילסמאַן איבערן רעכטן אַרבל און געזאָגט:

— ניט איצט, מיסטער, א צווייטן מאָל . . .

אז ער פלעגט מיד ווערן, פלעגט ער זיך ארייננשאַרן אין פּאַרק

אריין זיך אויסציען אויף א באנק און טראכטן: ווי גוט א מענטש קאָן דאָ פארברענגען אָן א גראַצער־געלט. זיין הארץ פלעגט דאן זיין זייער ווייך. אז א בעטלער איז פארבייגעגאנגען און שטילערהייט א נדבה געמאָנט, פלעגט מעלניק זאָגן הויך אויפן קול:

— „שור, שור!" — ער פלעגט ארויסנעמען פון א קעשענע א היימיש לעדערן בייטעלע, האָט דאָרט געפונען א קופּערנע מטבע, און פול מיט גדלות דערלאַנגט א סענט דעם אָרימאן: — נאַט, מיס־טער, און גייט געזונטערהייט!

דער רבי אין חדר, פלעגט טראכטן מעלניק, האָט אים אמאָל דערציילט וועגן אליהו הנביא, וואָס פארשטעלט זיך פאר א בעטלער. ער האָט אפשר געוועזן באַדאַרפט געבן מער . . . עס איז אזוי גוט צו געבן צדקה . . .

## 2

מעלניק איז אריין אין באנק, געקומען צו איינעם פון די פענצ־טערלעך, דערלאַנגט זיין ביכל און מיט א ציטער אין קול געהייסן זיך געבן פינף הונדערטער. דאָס איז געווען די סומע, וואָס ער האָט געדארפט צוטראָגן, לויט דעם קאָנטראקט, וואָס ער האָט געשלאָסן מיט זיינע צוויי שותפים. ער איז געווען אי פריילעך, אי אומעטיק. אָט, האָט ער געטראכט וועגן זיין דערפאָלג און אָט האָט זיך אים געטראכט וועגן זיין פארלוסט.

בעת מעלניק איז געגאנגען צום לאָיער אין אָפיס, וואו זיינע שותפים האָבן אויף אים געווארט, האָט ער צו זיך אליין געזאָגט: טאָמער פארלירט ער דאָס געלט, ווארפט ער זיך אין וואסער. ער ווייס, אז די ארבעטער פון שאָפּ, וואו ער האָט געארבעט, וואָלטן זיך דערלעבט א נקמה...

מעלניק האָט אוועקגעלייגט די פינף הונדערטער אויפן דעסק ביים לאָיער און געווענדעט זיך צו זיינע שותפים:

— באָיעס, די ערשטע צייט וועלן מיר מוזן אליין צוהאָרעווען, ניט קוקן אויפן זייגער, איר הערט? —ביידע שותפים האָבן צוגע־שאָקלט מיט די קעפּ.

דערנאָך האָבן זיך די שותפים געאַמפּערט צווישן זיך: ארויפ־נעמען אידישע ארבעטער צי ניט־אידישע; משפחה אָדער ניט־משפחה.

מעלניק האָט געהאַט געגעבן זיין וואָרט צו זיין פרוי, אז ווען זיי וועלן עפענען דעם שאָפּ, וועט ער ארויפנעמען איר ברודער צו דער ארבעט. דערפאר האָט ער א זאָג געטאָן:

— וואָטסעמערי? אידן דארפן ניט מאכן קיין לעבן? און פאר־וואָס טאַקע ניט משפחה? אבי נאָר לייטישע מענטשן . . .

האָט מעק דער צווייטער געזאָגט:

— אויב אזוי האָב איך אויך אן אייגענעם ארויפצונעמען.

און דער דריטער שותף האָט זיך צעלאַזט מיט א לויב געזאנג וועגן א שוואָגער א פרעסער:

— א צאַצקע זאָג איך אייך. ער קוקט קיינמאָל ניט אויף קיין זייגער און ער האָט זיך א ווערטל: פון ווייניק פארדינסט, זאָגט ער, ווערט מען ניט בדלות . . .

מעלניקס אויגן האָבן זיך צעלויכטן: אָט אזעלכע באַלמעלאָכעס

דארפן מיר טאקע, האָט ער געטראַכט.

און ס׳איז געבליבן, אז אויף די זעכצן מאשינען זאָלן זיי באזעצן אכט איטאליענער, זיי אָפּטיילן באזונדער און די אנדערע אכט זאָלן באזעצט ווערן פון קרובים. דאָס איז געווען מעלניק׳ס קאָמפּראָמיס. פיפטי־פיפטי, האָט ער גע׳טענה׳ט.

דעם פּרעס־טיש האָבן זיי באוויליקט דעם קרוב, וואָס קוקט ניט אויף קיין זייגער און זאָגט, אז פון ווייניק פארדינסט ווערט מען ניט ברלות . . . זאָל ער זיך אליין צוקלייבן נאָך פּרעסערס. זיי האָבן זיך אויך צוגעקליבן פינישערינס אויף דעם זעלביקן אופן.

אָט אזוי איז געבוירן געוואָרן די „סאַנרייז דרעס קאָמפּאני".

אויף מאָרגן גאנץ פרי, איידער די שותפים און די ארבעטער זיינען זיך צוזאמענגעקומען, איז שוין מעלניק געשטאַנען ביי דער טיר פון שאפּ און אָנגעקלאפּט א גרויסע פּאָדקאָווע. ער האָט זיך געאיילט, געוואָלט פארטיק ווערן וואָס גיכער איידער זיין שותף מעק באַווייזט זיך, ווייל יענער קאָן נאָך לאַכן פון אים. ער איז עפּעס פון די היינטיקע, ניט גלויביקע, האָט זיך מעלניק געטראַכט. מיט עטלעכע טעג צוריק האָט זיך מעק אוועקגעזעצט אויפן „קאַ־טינג־טייבל". האָט מעלניק זיך געבעטן ביי אים: „זעץ זיך אויף א בענקל! ס׳איז ניט מזל׳דיק צו זיצן אויפן „קאַטינג־טייבל". מעק האָט געלאַכט און געזאָגט, אז ער גלויבט ניט אין די זאַכן.

ביז די פּאָדקאָווע איז געווען אָנגעקלאפּט האָט זיך מעלניק צע־קאַליעטשעט עטלעכע פינגער. ווי עפּעס אויף צו להכעיס האָבן זיך די טשוועקעס געהאַלטן אין איין בויגן אויף א זייט. מעלניק האָט זיך געבייזערט און געשאָלטן די טשוועקעס... „א נכפּה זאָל אויף אייך קומען!"

דעם זעלביקן טאָג נאָך האָט דער לעבעדיקער וואָלדען דערהאַלטן בייאיקער באנק און אהיימגעשיקט דער מוטער 5 דאָלער. דאָס איז געווען א נדר, בעת ער האָט באשלאָסן צו ווערן א באַלעבאָס. אין אָוונט האָט ער איר אויך אָנגעשריבן א בריוול: „מאַמע, איך האָב דיר ארויסגעשיקט געלט". דערנאָך האָט ער איר געלאָזט וויסן, אז ער איז געוואָרן א געשעפטסמאַן און אז גאָט וועט העלפן, ער וועט ניט האָבן קיינע איבערשלאָגן און די באַלמעלאָכעס וועלן זיין מענ־טשען, וועט ער איר ווידער שיקן געלט.

## 3

דאָס חתונה האָבן, איז ביי מעלניק׳ן געקומען אומדערוואַרט. געדוכט האָט זיך אים, אַז עס וועט זיין ווי מיט יענעם סעילסמאַן, וועלכער האָט אים אַריינגערופן אין קראָם אַריין קויפן אַ מלבוש. ער איז געווען זיכער ביי זיך, אַז דעם סעילסמאַנ׳ס געשליפענע צונג וועט אים, מעלניק׳ן, ניט איבעררעדן. נאָר דאָס מאָל איז געווען אַנדערש . . .

זיין באַלעבאָס האָט צו אים איינמאָל געזאָגט: מיין קוזינע, הערסטו, איז אינגאַנצן געראָטן אין דיר, דו מיט די ביינער . . . אין אירע הענט, אַז עס קומט אַריין אַ דאָלער, ווערט פון אים צוויי . . . דער באַלעבאָס האָט אים פאַרזיכערט, אַז דאָרט אויבן אין הימל, האָט מען זיי שוין לאַנג צונויפגעפּאָרט. ער וויל בלויז דורכפירן אַ הייליקע שליחות . . .

איינמאָל, אין אַ זונטיק, איז מעלניק אַריינגעקומען אַביסל אַרויסהעלפן דעם באַלעבאָס. (דאָס פלעגט מעלניק טאָן כמעט אַלע זונטיק). אין שאַפּ איז געווען שטיל. די אַנדערע אַרבעטער האָבן געהאַט אַ פאַרשטענדעניש מיט מיסטער קאַפּלאַן, אַז איין טאָג אין וואָך מוז מען רוען . . . מעלניק האָט, אָבער, ניט געקאָנט רוען, ווען אין שאַפּ זיינען געלעגן אַזעלכע גבורה׳דיקע „באָנדלס" אַרבעט . . .

אַזוי שנעל ווי ער האָט נאָר אַריבערגעטראָטן די שוועל פון שאַפּ, האָט דער באַלעבאָס אים געלאָזט וויסן, אַז ער איז איינגעלאַדן צו אים אויף „דינער". מעלניק האָט זיך זייער געפרייט: אַזאַ כבוד, האָט ער זיך געטראַכט, ער איז דער איינציקער פון אַלע אַרבעטער אין שאַפּ, וואָס האָט אַזאַ זכיה . . .

נאָכן שווערן מאָלצייט איז דעם באַלעבאָס און דער באַלעבאָסטע באַפאַלן אַ שלאָף. מעלניק און סערע, דעם באַלעבאָס׳ קוזינע, האָבן זיך געזעגנט מיט די שטוביקע און זיינען אַרויס אין גאַס.

אויפן וועג האָט מעלניק עטלעכע מאָל געמאַכט אַ פאַרזוך אָנצוהויבן אַ געשפּרעך. האָט ער זיך געטראַכט: וואו שטייט דאָס געשריבן, אַז ער מוז אָנהויבן ריידן? זאָל זי נאָר עפּעס אַרויף־

ברענגען אויף א געשפרעך, און זי וועט שוין אויסגעפינען, אז מען דארף אים קיין שכל ניט לייען. דערווייל האָבן זיי שפּאַצירט ווי צוויי שטומע, געקוקט אויפן הימל, אויף די פאַרבייגייער, ביז מעלניק האָט באַשלאָסן צו ברעכן דאָס שטיל־שווייגעניש:

— ס'איז ניט שיין פאַר א מאַנסביל . . . — האָט ער זיך געטראַכט. ער האָט ווידער אָנגעהויבן בלעטערן אין זיין מוח וועגן וואָס צו רעדן . . . האָט ער פּלוצים א זאָג געטאָן:

— איר ווייסט, סערע, אייער קאָזין איז זייער א פיינער מענטש. איך האָב אים ליב ווי מיינעם אַן אייגענעם ברודער. נאָך ליבערשט . . .

— איר זאָלט זיך נאָר ניט פאַרליבן צופיל אין מיין קאָזין, מיין קאָזינע וועט נאָך ווערן „דזשעלעס" . . . — האָט זי אים געענטפערט.

מעלניק האָט געלאַכט הויך אויפן קול. ס'איז אים געפעלן געוואָרן איר אָנצוהערעניש . . .

יענעם אָוונט איז מעלניק געלעגן ביי זיך אין צימער אויסגע־צויגן אויפן בעט און געטראַכט האָט ער, אַז סערע איז א וואויל מיידל. עס איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן, וואָס זי האָט אים צוגעגעבן מוט אין לעבן. ער האָט ווייטער געטראַכט, אז ער האָט שוין אריבערגעשפּאַנט די דרייסיקער. — ביז ווען וועט ער וואַרטן? שוין צייט צו פירן א ליטיש לעבן... ער איז איינגע־שלאָפן מיט דער מחשבה, אז אַט גאָר אינגיכן וועט ער זיך נעמען א ווייב — און אז מיט איר נדן וועט זיין קאַפּיטאַל שוין זיין גאָר א גרויסער . . .

---

די ערשטע צייט זיינען די געשעפטן ניט געגאַנגען ווי געהער־ריק. די שותפים האָבן זיך גאַנץ אָפט געוועריטלט צווישן זיך. איינער האָט געוואָרפן די שולד אויפן צווייטן. מעלניק האָט גע־האַט טענות צו סאָול'ן: ער איז ניט גענוג פּאַרזיכטיק ביים צו־שניידן, ער זשאַלעוועט ניט קיין סחורה; ער זאָרגט זיך צופיל, אז די אָפּערייטאָרס זאָלן האָבן גרויסע שטיקער זיידנס אויף „פּאַיפּינג". ער וויל זיך אויסשפּיינען פאַר זיי . . . סאָול, ווידער, האָט געהאַט טענות צו מעלניק'ן, אז זיינע סעמפּלס טויגן ניט. ביידע צוזאַמען

האָבן זיי געהאַט טענות צו מעק'ן: ער פּוילט זיך אונטער. ער גייט אַרום צו שפּעט נאָך אַרבעט.

מעק האָט אויסגעלאַזט זיין האַרץ צו מעלניק'ן און אים אַריינ־געזאָגט, אַז ער האָט פאַרגעסן אָנצוקלאַפּן נאָך אַ פּאָדקאָווע אויף דער אָפּיס־טיר . . . דערפאַר, ווייזט אויס, זיינען די ביזנעס ניט גוט . . .

צוליב די שלעכטע געשעפטן האָבן די דריי שותּפים באַשלאָסן, אַז זיי וועלן שניידן די שכירות פון די אַרבעטער. אַ מעק און סאָל האָבן דערביי רעקאָמענדירט מען זאָל אַריינרופן די אַרבעטער אין אָפּיס אַריין און זיי זאָגן וועגן דעם: ס'איז ניט שיין גלאַט אַזוי, אָן זייער וויסן, אַרונטערכאַפּן . . . מען האָט דאָך „געצעטלטע" פּרייזן . . .

מעלניק האָט גע'חוזק'ט פון זיי:

— בטלנים! וואָס וועט זיין, אַז זיי וועלן זאָגן — „נאַטן דואין"?

— וועלן מיר דאַן זען.

מעלניק איז אויפגעשפּרונגען:

— וואָס טוט זיך דאָ? די יוניע איז נאָך דאַנקען גאָט נישטאָ. אַריינרופן גאָר. איר מאַכט זיי עפּעס פאַר גאַנצע פּריצים.

ווען מעלניק האָט סוף וואָך אין אַ קוישעלע אַרומגעטראָגן די קליינע קאָנווערטלעך און דערלאַנגט יעדן אַרבעטער זיינע שכי־רות, איז ער געבליבן שטיין אַ ווײַלע זען, וואָס פאַר אַ ווירקונג ס'וועט האָבן אויף די אַרבעטער. האָט געוואָלט זען, וועלכער אַרבעטער וועט זיין דער ערשטער אָנצוהייבן בונטעווען.

די אַרבעטער האָבן זיך אָנגעהויבן איבערקוקן צווישן זיך. ווי איינער וואָלט זיך באַראַטן מיט דעם צווייטן:

— וואָס טוט מען? וואָס זאָגסטו צו דעם?

דערנאָך האָבן זיי שלאַבעריק אָנגעהויבן גיין אַהיים. די מער־סטע פון זיי האָבן אַפילו פאַרגעסן צו זאָגן „אַ גוטע נאַכט". אַנ־דערע, וואָס האָבן יאָ געזאָגט אַ גוטע נאַכט, איז דאָס געווען זייער שטיל און ברוגז'דיק. ס'איז שווער געווען צו וויסן וואָס זיי זאָגן.

ווען די אַרבעטער זיינען אַהיים געגאַנגען, האָט מעלניק גע־חשבונ'ט און גע'חשבונ'ט אויף אַ שטיקל פּאַפּיר. ער האָט צו־

גערופן זיינע שותפים, דערלאנגט זיי דעם חשבון און געשמייכלט.
מעק האט געקוועטשט דאס שטיקל פאפיר מיטן חשבון און געזאגט אין א טאן פון נצחון:
— נו, מיסטער מעלניק, ווער איז געווען גערעכט? האסט באטש געזען, ווי זיי זיינען אוועק אנגעדרודלטע?
— אט אזוי ווילסטו אנהאלטן שלום אין שאפ? — האט סאל ווי אויסגעשריען.
— זאלן זיי אונדז אלע דרייען קושן . . . — האט מעלניק געזאגט. — וואס האסטו מורא, זיי וועלן ניט אריינקומען מארגן צו דער ארבעט? זיי וועלן נאך ארויסשיסן מער ארבעט, ווי פריער. עך קאן זיי זייער גוט, אז זיי וועלן בייז לאזן זיי אוים דעם כעס צו די מאשינען.
— ביז א צייט, זיי בעסער פארזיכטיק, — האט מעק, זיין שותף, אים געווארנט.

## 4

צוליב דער קאָנקורענציע וואָס מעלניק האָט איינגעשטעלט אין שאָפּ, האָט זיך אָנגעהויבן דערפילן א שנאה צווישן די אידישע און איטאַליענישע אָפּערייטאָרס. עס איז דערגאַנגען אזוי ווייט, אז מ'האָט אויסגעמיטן צו גיין אין איין רעסטאָראַן. בלויז יחידים פון ביידע צדדים האָבן די לאַגע זייערע פארשטאַנען און האָבן צווישן זיך ניט איבערגעריסן.

ארום יענע אָנגעצויגענע טעג, האָט זיך א מיידל פון דער איטאַליענישער זייט געקליבן חתונה האָבן. האָט הערי דער אויסגעבלייכטער פרעסער אוועקגעשטעלט א פינגער אינמיטן שטערן און דערקלערט זיך צו דעם, אז די צייט איז געקומען צו מאכן שלום אין שאָפּ. און אזוי ווי ער קאָנקורירט ניט מיט קיינעם פון די אָפּערייטאָרס, וועט מען זיך צו אים צוהערן. זיין פּלאַן איז געווען, אז אלע ארבעטער פון שאָפּ, אָן אויסנאַם, זאָלן קויפן דער כלה א מתנה, וועט זיך שאַפן א פריינטלעכע שטימונג.

הערי האָט צוגעצויגן צו זיך איינע פון די פינישערינס. ביידע האָבן זיך א לאַז געטאָן איבערן שאָפּ צונויפזאַמלען געלט. ער האָט יעדן ארבעטער אריינגעשושקעט אין אויער אריין: — לאָמיר קריסטינען „מאכן א סופּרייז".

אז מעלניק האָט דאָס דערזען האָט ער שטילערהייט געמוסר'ט הערי'ן: — פארוואָס גייט ניט איינע פון זיי שנאָרן געלט? איבעראַל מוז זיך דער איד ארויסשטעלן . . .

הערי האָט גע'טענה'ט, אז ער וויל האָבן שלום צווישן איד און גוי . . . ווען עס וועגדט זיך נאָר אָן אים, וואָלט ער שלום געמאכט צווישן אלעמען אויף דער גאנצער וועלט . . .

מעלניק האָט יאוש'דיק א מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— דו קענסט אזוי מאכן שלום צווישן גוי און איד, ווי איך קען ווערן א רב . . .

מעלניק האָט זיך געפונען אין א מאָדנער לאַגע. ער האָט ניט געקענט אָפּשטעלן דאָס זאמלען געלט, וואָס איז אים ניט געווען צום הארצן, נאָר שווייגן אינגאנצן האָט ער אויך ניט געוואָלט. איז ער זיך געגאַנגען פון מאשין צו מאשין פון די אידישע אָפּע־

רייטאַרס, וואו הערי און די פינישערין האָבן זיך אָפּגעשטעלט צו מאַנען געלט און כלומרשט מיט א שמייכל אויפן פנים האָט ער גע־זאָגט צו יעדן איינעם:

— איר'ט האָבן מער מצוה ווען איר וועט שיקן דאָס געלט קיין „יוראָפּ". ברויט איז ביליגער פון מתנות.

שבת נאָך דער ארבעט האָט מען דעם שאָפּ באהאנגען מיט קאָלירפולע פאפירענע סטענגעס, וועלכע האָבן זיך געצויגן איבער אַלע מאַשינען. דערנאָך, האָט מען געפּראוועט א שמחה'לע. אר־בעטער, סיי אידישע, סיי ניט־אידישע, האָבן געטרונקען בראנפן, וויין, און געווינטשעוועט זיך בעסערע צייטן . . .

הערי, דער בלייכער פרעסער, וועלכער האָט געזאָרגט, אז די כלה זאָל קריגן א מתנה, האָט אויסגעזען פריילעך. זיינע באקן האָבן באקומען רויטע פארב. ביי אים איז געווען א געפיל, ווי עפּעס גאָר א נאָענטע זיינע קלייבט זיך חתונה האָבן . . . ער האָט אָנגעשטעלט א פאָנאָגראַף, וואָס ער האָט ספּעציעל גע־בראכט פון דערהיים. דער טעלער מיטן „רעקאָרד" האָט זיך אָנ־געהויבן צו דרייען, און גלייך האָבן פּאָרלעך אָנגעהויבן טאנצן, אידישע מיט איטאַליענישע צוזאמען.

מעלניק האָט זיך געפּלאָנטערט הינטער די פּיס פון די טאנ־צענדיקע פּאָרלעך, אָנגעשטעלט זיינע גרויסע, שטענדיק רויטע אויערן — אפשר רעדן זיי צווישן זיך וועגן זייער דאָליע . . . כדי עס זאָל אויף אים קיין חשד ניט פאלן, אז ער הערט זיך אונטער, האָט ער א כאפּ געטאָן די כלה און זיך אָנגעהויבן דרייען מיט איר אין א טאנץ.

דערנאָך איז ער אוועק אין אָפּיס אריין, און זיך פארזאמט דאָרט א לענגערע צייט. ווען די ארבעטער זיינען שוין געווען גרייט צו גיין אהיים, איז מעלניק פּלוצים ווידער ארוים א פריי־לעכער. מיט אים — די אנדערע שותפים זיינע, סאָל און מעק. זיי האָבן אָנגעגאָסן גלעזלעך בראנפן, צוגעוואונטשן דער כלה א מזל'דיק לעבן. מעלניק האָט דערביי אָנגעהויבן פּאָכען מיט א טשעק, וואָס די פירמע האָט אויסגעשריבן אויף זיין פאָרלאנג. ער האָט דאָס דערלאנגט דער כלה און שטארק געדריקט איר האנט, גלייך ווי ער וואָלט געווען איר בעסטער פריינט. ער האָט געבעטן

הערי'ן אָנצושטעלן א „רעקאָרד" און ווידער געכאפּט אַ טאַנץ מיט דער כלה. די שותפים זיינע האָבן געפּליעסקעט מיט די הענט. און בשעת טאַנצן האָט מעלניק איינגערוימט א סוד דער כלה, אז די אידישע אָפּערייטאָרס פרייען זיך אזוי, ווייל זיי רעכענען, אז זיי ווערן פּטור פון איר . . .

די כלה האָט דערנאָך, מיט גרויס פּאַרדרוס דערציילט פאַר אירע חבר'טעס וועגן דעם. די פּנימ'ער זייערע האָבן זיך אָנגעהויבן קרימען. זיי זיינען אוועק אָנגע'ברוגז'טע אויף די אידישע אָפּערייטאָרס. דאָס איז געווען קענטיק אין זייער געזעגענען זיך. הערי האָט דערפון געהאט עגמת־נפש. ער האָט ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין וואָס דאָ גייט פאָר: — אזוי פיל מי אריינגעלייגט עס זאָל זיין שלום, צום סוף . . .

מעלניק האָט אָנגעקוואָלן פון זיין לעצטן איינפאַל. ער האָט זיך מיט דעם אפילו באַרימט פאַר זיינע שותפים. עטלעכע מאָל האָט ער זיי געזאָגט:

— שכל, אַי דאַרף מען האָבן שכל . . .

## 5

בעני האָט געהייסן דער נייער פּרעסער. ער האָט געאַרבעט פליסיק און פּאַרזיכטיק. הערי האָט אים אין פּאַראויס דערציילט, אַז אין דעם שאַפּ קוקן צוויי אויגן, וואָס באַשטייען פּאַר אַ סך... ער איז לפנים געפלויגן מיט זיין אייזן אין האַנט און נאָכאַנאַנד געטראַכט וועגן די אַנדערע פּרעסערס, וואָס יאָגן זיך אַזוי, הוידען זיך ווי שיכורים. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אָט־אָט פאַלן זיי אויפן דיל: ס'איז אומגעזונט אַזוי צו אַרבעטן, זייער ניט געזונט, האָט ער געטראַכט.

מעלניק איז געקומען צו גאַסט. באַטראַכט בעני'ן, ווי עפּעס אַ ניי שטיק מעבל, וואָס מען ברענגט צום ערשטן מאָל אין אַ הויז אַריין. אַ נעם געטאָן אַן אויסגעפּרעסט קליידל מיטן הענגער צו־זאַמען, געדרייט פון אַלע זייטן און געזוכט חסרונות. הערי האָט בשעת מעשה אויסגעזען נאָך בלייכער ווי אַן אַנדערש מאָל: ער וויל בעני'ן האָבן מיט זיך דאָ ביים פּרעס־טיש און ער האָט אַ גע־פיל, אַז אָט־אָט לעשט מעלניק אים אויס דאָס אייזן. בעני איז זיך אָנגעגאַנגען מיט זיין אַרבעט, גלייך ווי עס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט אים.

— ניט שלעכט, אָט אַזוי ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר — האָט זיך מעלניק געוויצלט און בעני'ן גלייך מכבד געווען מיט אַ „סעמפּל". דאָס האָט שוין געהייסן, אַז מעלניק איז געווען זייער און זייער צופרידן פון בעני'ס אַרבעט. ער האָט צוגערופן זיין שותף מעק'ן, אַריינגע'סוד'עט אין אויער אַריין:

— זעסט, איך בין גערעכט. מיט פּרעסערס איז נישטאָ קיין צרות . . . אָט שטייט ער און „וואַלגערט", אַז ס'איז אַ מחיה צו קוקן.

ווען מעלניק איז אַוועק פון פּרעס־טיש, האָט הערי צופרידן גע־שמייכלט און אין דער שטיל ווי אויסגעזונגען:

— מזל טוב, מזל טוב. בעני האָט שוין „געפּעסט" דעם עק־זאַמען . . .

ליפּניק איז געווען ניט זייער אויפגעלייגט. עס האָט אים פאַר־דראָסן וואָס מעלניק האָט שוין באַצייטנס אָנגעהויבן גיבן די

„סעמפלס" צום נייעם פרעסער ער האָט א מורמל געטאָן:

— בעני, נעמט זיך צייט, מאכט א גלאָטן דזשאב. עס קאָן זיין אז ער וויל אייך אונטערשטעלן א פיסל. איר קאָנט אים נאָך ניט . . .

ענדלעך האָט הערי ארויסגעשאָסן:

— ליפּניק האָט אלעמאָל ליב צו מאכן יענעם שווער דאָס הארץ . . . ווען מעלניק זאָגט שוין אז ס'גוט, איז דאָס שוין מער ווי גוט. ער מאכט ניט קיין צערעמאָניעס.

— „בעליוו מי" — האָט איזי אונטערגעכאפּט.

ליפּניק האָט דערפילט ווי איינער וואָס ווערט געכאפּט ביי דער האנט און ער קען ניט לייקענען. האָט ער א זעץ געטאָן מיטן אייזן און מיט כעס געזאָגט:

— נו, אז הערי זאָגט אז ניט, זאָל זיין אזוי. מיר'ן זען.

בעני האָט זיך צעשמייכלט:

— איר מיינט דאָך אלע מיין טובה, טאָ צו וואָס זאָלט איר זיך ווערטלען?

ליפּניק איז געווען זייער צופרידן מיט בעני'ס באַמערקונג.

דערפאַר, אָבער, האָט דזשאָ דער אפּערייטאָר געקראָגן א גאָב פון אלע דריי שותפים. אלע דריי האָבן זיי אים איינגעטייט א פּאַרציע מוסר. מעלניק האָט גע'טענה'ט פאר אלע דריי, בעת זיינע שותפים האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ:

— עך האָב דיר אָנגעזאָגט און אָנגעזאָגט, אז זאָלסט זיין פּאַר־זיכטיק. צום סוף ברענגסטו מיר ארויף עפּעס אזא ריידעוודיקן בורגאלעץ . . . זעקס אזייגער ציט ער זיך שוין, די ביינדלעך זיי־נע: „שטאָ קיין כוח, שטאָ קיין כוח" . . . — מעק און סעם האָבן אָנגעקוואָלן ווי אזוי מעלניק מאכט נאָך איינעם פון די אפּערייטאָרס, וואָס דזשאָ האָט ארויפגעבראכט.

דזשאָ האָט זיך אָנגעהויבן בונטעווען:

— נעמט זיך אליין ארויף! לאָזט מיך צופרידן. כ'האָב מיין אייגענע צרות . . .

סאל האָט אים געלאָסן געגעבן צו פארשטיין, אז ער דאַרף אזוי ניט רעדן.

— יאָסעלע, שלום אין שאָפּ מיינט פּרנסה.

— יעם סער! — האָט מעלניק ווי אויסגעשריען

:: :: ::

בעני, דער נייער פרעסער, האָט זיך אָנגעהויבן איינבירגערן אין שאפּ. ער האָט פון צייט צו צייט דערציילט א וויץ פאר די אנדערע פרעסערס. ס'איז אים צוגעקומען א שטיק געזונט, ווען ער האָט געהאט די זכיה צו הערן די פרעסערס לאכן הויך אויפן קול, בעת זיי האָבן זיך גלייכצייטיק געהיט פאר מעלניק'ן. אפילו דער שטענדיקער פאר'דאגה'טער ליפּניק האָט אויך פון צייט־צו־צייט געלאכט.

ארום פינף אזייגער פארנאכט האָט בעני א זאָג געטאָן כלומרש'ט אין שפּאס:

— איר ווייסט וואָס איכ'ל אייך זאָגן? מיין אייזן איז שוין מיד. — ער האָט אָנגעהויבן רעדן צום אייזן: — איא, וואָלסט וועלן איך זאָל דיר צורו לאָזן?

איזי און הערי האָבן אָנגעקוואָלן. ס'איז זיי זייער געפעלן געוואָרן אָט אזא מין אָנצוהערעניש. אָבער ליפּניק'ן האָט דאָס שטארק פארדראָסן. אין זיינע אויערן האָבן באַצייטנס געקלונגען מעלניק'ס שטראָף־רייד:

— צו וואָס האָסטו מיר ארויפגעבראכט אזא קאנאריק?

ער האָט מיט א שטיל קול גערעדט צו בעני'ן:

— בעני טייערינקער, פּליז, וואָס טויג אייך די פאנטאזיעס אייערע? איר'ט בלויז קאליע מאכן . . . כ'האָב ניט קיין כוח ארומבלאָנקען אין די גאסן זוכן זיך א נייעם דזשאב . . . אין דעם שאפּ וועט ווערן אנדערש, ווען אָט־דאָ וועט וואקסן האָר, — האָט ליפּניק געוויזן אויף זיין דלאָניע.

— איך וועל אייך ניט שווערן אויף דעם, — האָט בעני ווייך אים אָפּגעענטפערט.

ליפּניק האָט דאַן א שטארקן קלאפּ געטאָן מיטן אייזן, אלס א צייכן, אז מען דארף פרעסן.

פאר „גרויס ליבשאפט" צו די באלעבאטים, האָט בעני צוגעטראכט א צונאָמען פאר יעדן באזונדער. ער האָט זיך געקלערט, ערשטנס, אז ווען מען וועט ביים פרעס־טיש רעדן פארשטעלט וועגן א באלעבאָס, וועט ליפּניק ניט אזוי ציטערן; צווייטנס, האָט ער געהאט אינזינען טאקע אביסל אָפּ'חוזק'ן פון זיי. זאָלן די פרעסער

דערווייל כאָטש האָבן אזא פארגעניגן. האָט ער מעלניק׳ן א נאָמען געגעבן — „די שוויגער״, ווייל ער האָט אלעמאָל אָנגעפירט פּליאַט־קעס צווישן די ארבעטער; דעם צווייטן, מעק׳ן, האָט ער גערופן:— „די שלייקעס״, ווייל אין די גרעסטע היצן האָט ער געטראָגן שלייקעס; דעם דריטן, סאל׳ן, האָט ער א נאָמען געגעבן „פּיפּערנאָטער״, ווייל לויט זיין האנדלונג איז שווער געווען צו באשטימען צי איז ער גוט, צי איז ער שלעכט. כמעט אלעמאָל האָט ער אויסגעזען אומעטיק. אז ער איז געגאנגען, האָט אויסגעזען, ווי די פיס שלעפּן זיך אים נאָך. אפילו ליפּניק׳ן איז געפעלן געוואָרן בעני׳ס איינפאל. ער האָט געהאט זיין רעכענונג: אזוי ווי די פּרעסערס ווילן אים ניט פאָלגן און לאָזן אָפטמאָל פאלן א זידל־וואָרט אויף דעם אָדער יענעם באלעבאָס, פארוואָס אים, ליפּניק׳ן, פאלט פּשוט ארויס די נשמה; וואָרום טאָמער קומט איינער פון זיי אָן אויף די רייד, וועט מען דאָך אים געבן א גאָב:

— מענעדזשער, האָסט איינגעהאנדלט דעם ריכטיקן סעט!

און ער דארף דאָך אלעמאָל זיך פארענטפערן. אזוי, אָבער, וועט קיינער פון די באלעבאטים ניט וויסן וועגן וועמען מען רעדט. דערפאר האָט ער אויך מיטגעלאכט מיט הערי׳ן און איזי׳ן.

ווען בעני האָט דערזען מעלניק׳ן אָנקומען, האָט ער זיך אזוי לייכט און פריי א זאָג געטאָן:

— אָט קריכט די שוויגער אהער . . .

איזי איז געווען אזוי צופרידן מיט בעני׳ן, אז איינמאָל ווען ער איז געפאָרן אין סאָבוויי צוזאמען מיט הערי׳ן, האָט ער געזאָגט:

— דו הערסט, הערי, איך וועל דיר קיינמאָל ניט פארגעסן, וואָס האָסט דעם בחור ארויפגעבראכט. פריער איז דאָך געווען תשעה־באב ביים טיש. איצט איז דאָך א רעגעלע שמחת תורה. אפילו אונזער צעווירענער מענעדזשער לאכט, שטעל דיר פאָר?

בעני האָט פון צייט־צו־צייט געגעבן אָנצוהערענישן וועגן דער יוניאָן. ליפּניק האָט אויף אים געקוקט קרומלעך, און גערעדט מיט געבעט:

— בעני, ווי גאָט איז אייך ליב, דערמאָנט ניט דאָס וואָרט... די „שוויגער״ וועט דערהערן, זיינען מיר אלע קאפּוט . . .

בעני האָט א קנייטש געטאָן דעם שטערן, געקוקט אויף ליפּניק׳ן

און געקראָגן רחמנות אויף אים. ער האָט באַלד אַ שנעל געטאָן מיט צוויי פינגער און פרייליך געזאָגט:

— אָ־קעי . . . פון היינט אָן וועלן מיר ניט זאָגן — יוניע — מיר וועלן זאָגן — מאַמע . . . אָ־קעי? . . .

איזי האָט זיך אַזוי שטאַרק צעלאַכט, אַז ס׳האָט אַזש דערגרייכט צו מעלניק׳ס אויערן. ער איז טאַקע באַלד צוגעקומען און שטרענג אַ פרעג געטאָן:

— מיזיניקל, וואָס איז מיט דיר די גדולה? משיח איז געקומען?

— ער לאַכט פון מיר, — האָט בעני געזאָגט, — דערפאַר וואָס איך קלייב זיך אַרונטער ברענגען מיין מאַמען אַהער . . .

— הלואי וואָלט מיין מאַמע נאָך געלעבט, וואָלט איך איר זיכער אַרונטער געבראַכט אַהער; פאַרוואָס ניט?

איזי האָט זיך נאָך שטאַרקער צעלאַכט.

מעלניק האָט אַ טופּע געטאָן מיט אַ פוס:

— פו זאָלסטו ווערן, דו גרינע פּעטרישקע, וואָס פאַר אַ געלעכטער אויף דיר?

איזי האָט אָפּגעשטעלט זיין געלעכטער, ווי מען שטעלט אָפּ אַ גיך־יאָגנדיקן אויטאָמאָביל. ער האָט דערפילט, אַז דאָס געלעכטער איז אים אַריין אין דער נאָז. די אויגן האָבן אים אָנגעהויבן צו טרערן . . .

מעלניק האָט אַ מאַך געטאָן יאוש׳דיק מיט דער האַנט, ווי אויף איינעם, וואָס מען האַלט פאַר ניט קיין לייטישן מענטש, און איז אַוועקגעגאַנגען. אויפן וועג האָט ער זיך געטראַכט, אַז בעני מוז שטאַמען פון אַ באַלעבאַטיש הויז, וואָס ער טראַכט וועגן זיין מאַמען אין יוראָפּ.

נאָר איינמאָל האָט ער אָנגעהויבן קוקן קרום אויף בעני׳ן. דאָס איז געווען ווען ער האָט זיך צוגעלאָזט און געוואָרן פריינטלעך מיט די איטאַליענישע באַלמעלאָכעס:

— כ׳האָב מורא, אַז איידער דו וועסט אַרונטער ברענגען דער מאַמען דיינער, וועסטו זיך נאָך שמד׳ן, — האָט מעלניק אים אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע.

ער האָט אפילו ניט געוואַרט אויף קיין ענטפער, נאָר גלייך זיך אָפּגעטראָגן און געלאַכט צו זיך אַליין פון זיין געראָטענעם וויץ.

## 6

מעק איז ארויפגעקומען אין שאפ א פארסאפעטער. עס האט אויסגעזען, ווי ער טראגט מיט זיך עפעס א בשורה — א גוטע אדער א שלעכטע. ער האט אריינגערופן די צוויי שותפים זיינע אין „שא־רום" פאר א קאנפערענץ.

מעלניק האט אים געקוקט אין מויל אריין און נייגעריק גע־פרעגט:

— וואס קוועטשט דיר, באיעלע?

מעק האט זיך ארומגעקוקט אויף אלע זייטן און אנגעהויבן רעדן סודות'דיק צו זיינע שותפים:

— דזשענטלמען, הערט! איך האב נאר וואס געקראגן א גרויסן ארדער. מיר זיינען פארווארפן מיט ארבעט און היינט האב איך געהערט זאגן, אז די יוניע קלייבט זיך אריינמופן אהער... ווייסט איר וואס מען דארף טאן?

ביידע האבן צוגעשאקלט מיט די קעפ, פארשטאנען זיין אנ־צוהערעניש . . .

אינמיטן העלן טאג האבן זיך אין שאפ באוויזן צוויי מאדנע געסט. איינער מיט א „דוירבי", א הויכן גארגל מיט א מעסער־שניט אויף דער רעכטער באק. זיינע אויגן — גלייך ער איז נאר־וואס אויפגעשטאנען פון שלאף. דער צווייטער האט געטראגן א הארטן קאפעליוש פון וועלכן ס'האט זיך פארמירט א רויטלעך - בלויער פאס. ווען ער האט גערעדט, האט דער קאפעליוש בשום אופן ניט געוואלט איינזיצן אויפן קאפ. איין אויג איז ביי אים געווען א גלעזערנס, דערפאר האט ער שוין צופיל געקוקט אויפן צווייטן אויג. ער האט אויסגעזען ווי עפעס אן אפגעטראגענער ענגלישער לארד . . .

ביידע האבן ארומשפאצירט אין שאפ, ווי ביי זיך אינדער־היים. מעק האט זיי, ווייזט אויס, דערוואַרט, ווייל ווען ער איז ארויסגעקומען פון אפיס און זיי דערזען, האט ער זיי אויפגענומען ווי גאר, גאר חשוב'ע געסט . . . ער האט זיי אריינגעשטעקט א ברייטן שלום עליכם און שטילערהייט זיי געהייסן זיך „מטריח" זיין מיט אים אין „שא־רום" אריין.

דער מיטן גלעזערנעם אויג האט געווארפן זיין לעצטן בליק

אויף די אַרבעטער און מעשה נוצלעכער מענטש, א פרעג געטאָן:

— וועלכע זיינען עס די „טראָבל־מאַכער?" ווייזט זיי מיר נאָר אָן . . .

אין „שאַ־רום" האָט מעק זיי געלאָזט וויסן, אז פאר דעם אינ־ווייניק דאָ אין שאפּ האָט ער גאָר ניט מורא . . .

— און ווי אזוי זיינען עפּעס אייערע פּרעסערס? — האָט דער צווייטער מיט דער דוירבי געוואָלט וויסן.

מעק האָט זיך צעלאַכט:

— הלואי וואָלטן אַלע געווען אזוי לאָיאַל ווי די פּרעסערס . . .

**בעת'ן רעדן, האָט מעק ארויסגעשלעפּט פון א שאפקעלע א** פלאַש מיט בראנפן, און אַלע דריי האָבן געטרונקען לחיים. — —

— — — — — — — — — — — — —

די אַרבעטער אין שאפּ האָבן ניט אויפגעהערט צו רעדן וועגן די צוויי „געסט".

— ווער זאָלן דאָס זיין די מרגלים? — האָט אן עלטערער אפּערייטאָר זיך געוויצלט.

— ביסט א מבין אויף זייער קוקעלע? — האָט הערי דער אויסגעבלייכטער פּרעסער געווענדעט זיך צו זיין שכן איזי. און איזי האָט שטיל געזאָגט:

— זיי געפעלן מיר עפּעס ניט . . .

דזשעק, אן אפּערייטאָר, וועלכער האָט דערווייל געוואַרט אז מען זאָל פאר אים עפּעס אונטערפּרעסן, האָט זיך אריינגעמישט:

— מיר האָבן זיי אין דער אדמה . . .

מעלניק איז ארויסגעקומען פון „שאַ־רום" א צעפּאַליעטער, גלייך ווי ער וואָלט נאָר וואָס ארויסגעקומען פון א שוויץ־באָד. דאָס גע־שפּרעך ביים פּרעס־טיש איז גלייך איבערגעריסן געוואָרן. מען האָט זיך צעהוידעט, ווי זיי וואָלטן מורא געהאט, אז עפּעס פון דעם געשפּרעך איז נאָך פארבליבן אויף זייערע ליפּן און מעלניק וועט דערקאָנען וועגן וואָס זיי האָבן נאָר וואָס גערעדט . . .

פון יענעם טאָג אָן וואָס מען האָט באַשטעלט די „מרגלים", איז מעלניק געוואָרן א גאנצער תקיף ביי זיך. ער איז געוואָרן חוצפה'דיקער ווי פריער. **זיין נייער פּלאַן, וואָס ער האָט** צוגעטראַכט, איז געווען גוט אויסגערעכנט, אז די שנאה זאָל אויף

אים ניט בלייבן הענגען. ער האָט זיך אויפגעפירט אזוי: גענומען א „סעמפל" און זיך אוועקגעלאָזט מיט דעם צו די אידישע אפע־רייטאָרס, אָנגעצויגן א טויט ערנסטקייט אויף זיין פּנים און גע־זאָגט:

— חברה, די פירמע קאָן באצאָלן פאר אויפנייען דעם גאר־מענט בלויז אזויפיל און ניט מער, ווילט איר, איז גוט, אויב ניט, וועט דאָס „לאָטל" גיין פאר די איטאליאנצעס (אזוי האָט ער גע־רופען די איטאליענישע ארבעטער).

אָן אנדערש מאָל האָט ער דאָס געמאכט פארקערט. צום ערשטן געווענדט זיך צו די איטאליענישע ארבעטער, זיי געסטראשעט, אז אויב זיי ווילן זיך נאָר א קרים־טאָן, גייט דער „לאָטל" צו די אי־דישע אפּערייטאָרס . . .

וואָס נאָך: פון יעדער נייער מאָדע האָט מעלניק באפוילן אויפ־צונייען צו איינציקע קליידלעך און אים דערלאנגען. דאן האָט ער יעדע ערשטלינג ארויפגעצויגן אויף א געשטאָפּטער פיגור, לויט דעם נומער. אז ער האָט עפּעס דערזען א פּגימה'לע, האָט ער גלייך ארונטערגעלאָזט זיין ברייטע נאָז. דאָס איז געווען א סימן, אז ער איז שטארק בייז און אָט שיסט ער אוים מיט א מענה־לשון:

— **חברה, מען וויל האָבן גוטע ארבעט, איר הערט? מיר צאָלן** אייך ניט מיט קיין פאלש געלט — באלד האָט ער געשפּאצירט פון מאשין צו מאשין, ביי איינעם א דריי געטאָן א שרייפל און זיך כלומר'שט געוויצלט: דאָס איז ניט קיין שטאָך, דאָס איז ביי מיר א גאנצער שפּאַן. אויף א צווייטן אפּערייטאָר, וואָס פאָרט ארוים יעדן זונטיק מיט א טעקסי, צו פארדינען א פּאָר עקסטרע דאָלער, האָט ער זיך צעשריען:

— עי, טעקסי־דרייווער, יאָג זיך ניט אזוי, וועסט נאָך מאכן אן עקסידענט . . .

אז ער איז פארטיק געוואָרן מיט די אפּערייטאָרס, איז ער אוועק צו די פּרעסערס און אויפן וועג געערדט צו זיך אליין:

— קאָלאָמבוסעס שניידער, אז דער רוח זאָל זיי נעמען.

לעבן די פּרעסערס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און פארקלאָגט די אפּערייטאָרס: — איך וועל נאָך קריגן „קאָנסאָמפּשאָן" פון די לאָטוטניקעס. בעת ער האָט זיך פארקלאָגט האָט ער אין איין

וועג געקוקט אין די הענט אריין פון זיין ליבלינג, ליפניאק, און געהאט גאנצע טענות צו אים:

— דיך דארף איך אויך „וואטשן״? פאס אויף אויפן פרעסן!

באלד האט ער איבערגעדרייט א קליידל אויף דער לינקער זייט:

— אט דא איז דאך אפילו דאס אייזן ניט געווען. גיב א זעץ מיטן אייזן, אז די כאליערע זאל דאס נעמען. וואס האסטו מורא? די מויד איז נאך דערוויל אין דער דרעם נישטא . . .

אינמיטן זיינע רייד האט זיך אריינגעשטעלט א פעסט־געבוי־טער איד, מיט א קיילעכדיק רויטלעך פנים און ברייטער באָרד, מיט א פאר שיינענדיקע אויגן. מעלניק איז אים אקעגנגעלאפן. דער כעס האט זיך שוין ביי אים אפגעזעצט, האט ער דעם אידן דער־לאנגט א ברייטן שלום עליכם:

— נו, לאנדסמאן, וואס וועט איר עפעס זאגן גוטס?

דער איד האט ארויפגעלייגט א גרויסע פוכקע האנט אויף מעלניק׳ס אקסל און פול מיט הכנעה געזאגט:

— גיט א פאר סענט א אידן א למדן! איך וועל אייך זאגן ווען ראש־חודש פאלט אויס, און ווען דער מולד איז, און אלץ וואס איר ווילט ווייסן וועגן אידישקייט . . .

מעלניק האט צופרידן געשמייכלט. ס׳איז אים זייער געפעלן ווי אזוי דאס וועלטל פירט זיך. ער איז זיכער, אז די ארבעטער בענטשן אים ניט. איז געקומען צוגיין א איד א למדן, וואס וועט אים בענטשן . . . ער האט אריינגעשטעקט די האנט אין קעשענע, איבערגעטאפט דאס קליינגעלט, וואס האט זיך דארט געפונען. דער „למדן״ איז שוין געווען איצט זיכער, אז ער וועט באלוינט ווערן, האט ער באלד אנגעהויבן מאלן שנעל ווי אן אנ־געצויגענע מאשין, געלאזט ווייסן ווען ראש־חודש פאלט אויס, און דעם מולד — פונקט צו דער סעקונדע.

מעלניק האט גאנץ ברייטלעך ארויסגעצויגן די האנט פון קע־שענע מיט א מטבעה און פרייליך אויסגערופן:

— נאט אייך א ניקל און גייט געזונטערהייט!

דער איד האט געוויזן צו די מאשינען און געבעטן: „לאזט מיך צו יענע אידן אויך ברענגען אביסל אידישקייט״.

— נישטא דארט קיין אידן, — האט מעלניק געלאזט ווייסן

און זיך אפילו ניט פארקרימט. ער האָט געטראַכט, אז ער וואָלט דעם אידן, דעם „למדן", אפשר יאָ געדאַרפט זאָגן דעם אמת און אים צולאָזן צו זיי . . . נאָר ס'איז אים געווען א שאָד דאָס ביסל צייט . . . די ארבעטער זוכן דאָך נאָר א געלעגנהייט אביסל „דורכצוקלאַפּערן" די צונגען זייערע.

דער למדן האָט געקוקט אהין, צו די מאַשינען, מיט נייגעריקע אויגן. עס איז געווען קענטיק אז ער איז ניט געווען אזוי זיכער צי מעלניק האָט אים געזאָגט דעם אמת. האָט ער אָפּגעזיפצט און געזאָגט:

— א שאָד, א שאָד, וואָס ס'איז נישטאָ קיין אידן. נו, זאָל אייך גאָט באגליקן און די גוי'אישע ארבעטער זאָלן אויף אייך האָבן א גוט הארץ . . .

## 7

אין גאס האָט זיך אָנגעהויבן טומלען וועגן א גענעראַל־סטרייק.

מעלניק האָט אָנגעהויבן אָפּטער אָנשטעלן זיינע אויערן. עס האָט זיך אים נאָר געדאַכט, אז יעדער געשפּרעך צווישן די ארבעטער, איז וועגן סטרייק. ער האָט אָנגעהויבן ווערן אביסל מילדער און טענה'ן:

— עך וויל ניט קיין טראַבל . . .

די צוויי שלעגער וואָס זיינען געווען אויף קעסט ביי דער פירמע, האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּטער באווייזן אין שאַפּ. זיי האָבן אָנגעהויבן געבן עצות: מען דאַרף דעם שאַפּ אינוויינִיק אביסל בעסער באוואָרענען; עס וועט זיי זיין פיל שווערער אָנצוגיין מיט זייער אַר־בעט, ווען א קאָמיטע פון דרויסן וועט זיך אריינכאַפּן אינווייניק. אויך האָבן זיי געגעבן אָנצוהערעניש, אז זיי וועלן דאַרפן האָבן מער געלט אצינד. „מען דאַרף זיך זען מיט דעם און מיט יענעם"... — האָבן זיי געהיימניספול גערעדט צו מעלניק'ן.

ביז העט שפּעט אין דער נאַכט זיינען די שותפים געזעסן אין אָפּיס און געפּלאַנעוועט ווי אזוי אויסצומיידן דעם סטרייק.

אין אייניקע טעג ארום האָט מען געסטראָיעט א קאָרידאָר פון געפּלאָכטענע דראָטן, מיט צוויי טירן. איין טיר וואָס פירט צום דרויסן; א צווייטע, גלייך אין שאַפּ אריין. אויף ביידע טירן —

גרויסע שלעסער, וואָס פאַרהאַקן זיך פון זיך אַליין. דער קאָרידאָר האָט אויסגעזען ווי א טורמע־קאַמער. בעת מען האָט געסטראַיעט האָבן זיך אַרבעטער געשושקעט:

— מען באַוואָרנט אונדז, ווי מיר וואָלטן געווען פאַרברעכער...

— זאָלסט טאַקע וויסן, אַז מיר זיינען פאַרברעכער.

— אפשר?

בעני האָט אויסגעזען בלייך, ווי איינעם וואָס מ'האָט נאָר וואָס באַליידיקט. ער האָט זייער געוואָלט אויסמיידן צו קוקן אַהין, וואו מען האָט געסטראַיעט. אַז זיינע בליקן האָבן דאָך פאַרראַטן און זיך אויף א סעקונדע אָנגעהאַנגען אויף די געפלאָכטענע דראָטן, האָט ער זיי שנעל אוועקגעכאַפּט פון דאָרטן: „ס'איז אומגעזונט צו קוקן" . . . האָט בעני זיך געטראַכט.

איזי, דער שאַפּ־מוזיניק, וועלכער איז געשטאַנען לעבן בעני'ן, האָט זיך צוגעבויגן און שטיל געפרעגט:

— ווי אַזוי וועט די „מאַמע" אַריינקומען?

עפּעס אַזוי ווי אָן זיין וויסן, האָט זיך ביי בעני'ן אַרויסגעכאַפּט אָן ענטפער:

— איזי, די „מאַמע" איז שוין דאָ. נאָר לייטישע מענטשן זעען איר . . . — האָט ער זיך געוויצלט. א שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין פּנים. זיינע פּאָר ווערטער זיינען אים שטאַרק געפעלן געוואָרן, און פריילעך אָנגעהויבן לויפן מיטן אייזן איבער דעם זיידענעם קליידל, וואָס האָט זיך פלינק געדרייט ביי אים אויף דער פּרעס־ברעט.

הערי האָט א טאָרע געטאָן ליפּניק'ן, וועלכער איז געווען פאַרזונקען אין דער אַרבעט מער ווי אַלעמאָל:

— איר האָט געהערט? די „מאַמע" איז שוין דאָ . . .

ליפּניק האָט אַרונטערגעלאָזט זיינע געדיכטע, גרויע ברעמען און געענטפערט ווי לפּנים:

— געהערט, געהערט! — ער האָט זיך אויסגעווישט זיינע פאַרהויכטע אויגן־גלעזער, וואָס ער האָט מיט עטלעכע טעג צוריק אָנגעהויבן טראָגן און זיך צו זיי ניט געקאָנט צוגעוואוינען. אַלע־מאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז אָט פאַלן זיי אַרונטער. ער האָט געווישט די גלעזלעך מיט א ראָזעווע קליין טיכעלע, וואָס ער האָט

געקראָגן צוזאמען מיט די גלעזער אין דעם שטייפן פודעלע, וואָס פארמאכט זיך מיט אזא קנאק. ער האָט געווישט די גלעזלעך און בעת מעשה געקוקט אויף דער באוואָרעניש, וואָס איז שוין באלד געענדיקט. און עפעס איז ביי אים דאָס הארץ געוואָרן אזוי שווער. ער האָט געקוקט אין בעני'ס זייט און געטראכט זיך, אז צוויי כו־חות הויבן זיך אָן פארמעסטן, און אים וועט מען אפשר דערשטיקן...

מעלניק איז צוגעקומען צו די מאשינען, געוויזן מיט דער מאָרדע אויף די גראטעס און גערעדט פריינטלעך:

— עס קאָסט גענוג קופער. מיר ווילן ניט אז פרעמדע רוחות זאָלן אהער קריכן און אונדז צעבאדערן דעם ציזן . . . וואָס אַרט זיי, אז איר וועט זיך ארומדרייען אין די גאַסן און הונגערן? ער קען זיי צו גוט די קהל'שע פארזאָרגער . . .

די ארבעטער האָבן געשוויגן. בלויז דאָ און דאָרט האָט איינער לפנים א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. מעלניק איז געבליבן שטיין א באזאָרגטער און ביי זיך געטראכט: „איי, ווען ער קען אימיצן פון זיי אריינקריכן אין קאָפּ אריין". זייער שווייגן געפעלט אים ניט...

:: :: ::

יענעם אָוונט זיינען אלע פיר פרעסערס געזעסן אין א רעס־טאָראַן, געטרונקען קאַווע און גערעדט וועגן סטרייק. בעני האָט גע'טענה'ט, אז זיי דארפן זיך אויך צוגרייטן.

ליפּניק האָט זיך עטלעכע מאָל געהויבן פון פלאַץ און געלאָזט זיך גיין, און יעדעס מאָל האָט אים אַן אנדערער פון די פרעסערס צוריקגעהאלטן. דער לעצטער איז געווען בעני. ער האָט אויף אים אָנגעשטעלט זיינע ווייכע בליקן און אים אָנגעוויזן אויף דער ליי־דיקער שטול.

— נו, זעצט זיך, מיר'ן באלד אלע גיין.

ליפּניק האָט זיך געהאלטן אין איין ארומקוקן. עס האָט זיך אים נאָר געדאכט, אז עמיצער פון די באלעבאטים שפּיאָנעוועט אים נאָך. ער האָט שוין געהאט אמאָל אזא דערפארונג מיט מעל־ניק'ן . . . בעני האָט אים באדויערט:

— וואָס האָט איר אזוי מורא, ברודער ליפּניק? מיר וועלן זיך ניט אָפּשרעקן פאר די גראטעס. איר ווייסט? דער „טעקסי־דריי־ווער" האָט מיר שוין אלץ דערציילט וועגן אייך. איר זענט ארויף

געקומען צו זיי א יונגערמאַן, און איצט, טוט א קוק אויף זיך און טוט א קוק אויף מעלניק'ן, וועלכער איז עלטער פון אייך...

— איך וויל ארבעטן לאנגע שטונדן? זאָל דער פּיפּערנאָ־טער אזוי לעבן! — האָט זיך ליפּניק אָנגעהויבן פארענטפערן.

— איך גלויב אייך. אָט דערפאר דארפן מיר זיך צוגרייטן.

— איך בין מיט דיר — האָט איזי פריילעך אויסגערופן: — איך האָב ניט מורא פאר קיינעם.

— פארוואָס זאָל דאָס אלץ ניט קומען פון די אפּערייטאָרס? זיי דארפן דאָך די יוניע באגלייך מיט אונדז — האָט ליפּניק גע־וואָלט וויסן.

— וואָס האָט איר מער מורא פון אלעמען? — האָט הערי אים א פרעג געטאָן.

— גוט איז אייך אז איר זענט ניט קיין קרובים. ווען די משפחה מיינע זאָל זיך דערוויסן וואָס מיר פלאנעווען . . . ווען איך האָב איצט א טויזנט דאָלער, קויף איך זיך א גראָסערי און פּטור אַן עסק . . . ווי לאנג נאָך וועל איך קענען ארבעטן? . . .

— ערגערט זיך ניט, ברודער ליפּניק, מיר וועלן ארבעטן ביים פרעס־אייזן קירצערע שטונדן ווי אין א גראָסערי, וואָס זאָגט איר?

— האָט זיך בעני געווענדעט צו איזי'ן און הערי.

ביידע האָבן גע'חוזק'ט פון ליפּניק'ן: — אים ווילט זיך גאָר א גראָסערי . . . ווען מען גילדט מיך אָפּ! — האָט איזי פאר־זיכערט.

ליפּניק האָט שווער אָפּגעזיפצט:

— איך בין מקנא בעני'ן. מיין הארץ זאָגט מיר, אָבער, אנ־דערש . . . און ווידער אמאָל האָט ער זיך געהאלטן ביי דאָס זיי־ניקע: — פארוואָס עפּעס בלויז די פרעסערס? . . .

בעני האָט ארומגענומען ליפּניק'ן, אים געגלעט איבער די פלייצעס:

— ניט געזאָרגט, אלע וועלן גיין. אזוי פיל גוטע יאָר זאָלן מיר האָבן וויפיל אפּערייטאָרס עס וועלן גיין.

— ער איז גערעכט! — האָט איזי באשטעטיקט.

ביים געזעגענען זיך האָט בעני א זאָג געטאָן:

— שטעלט זיך פאָר: פינף דעם זייגער גיבן מיר א צי די

שטריקלעך און מיר פרעסן ניט מער.

— און שבת און זונטיק קוקן מיר אין גאנצן ניט אָן זייערע פּנים׳ער — האָט בעני אונטערגעכאַפּט.

— מעלניק, א רוח אין זיין הארץ אריין, וועט דאָס ניט אויס־האַלטן! — האָט ליפּניק גלאַט אזוי זיך א זאָג געטאָן.

## 8

איבערן שאַפּ איז געהאנגען עפּעס א מין טרויער גלייך פון פרימאָרגן אָן. די ארבעטער, וועלכע זיינען די ערשטע אָנגעקו־מען, האָבן ניט געהאַט קיין חשק זיך צו נעמען ארבעטן, האָבן זיי זיך ארומגערדייט ווי חולאים אין א שפּיטאָל, וועלכע זיינען ערשט פון די בעטן ארונטער. די ניי אריינגעקומענע האָבן זייערע גוט־מאָרגנס ווי ארויסגעקרעכצט. דער גרויסער וואַנט־זייגער, וואָס איז געהאנגען אויבנאָן, איז אַלעמאָל אומרואיק באַטאַפּט געוואָרן מיט די בליקן פון אָן אנדערן ארבעטער:

— אָט, אָט קומט די שעה. די יוניאָן רופט! וואָס וועט זיין?

די ארבעט איז געגאנגען זייער שווער. דאָ און דאָרט איז ארונטערגעפאַלן א שער אויפן דיל און ארבעטער האָבן זיך א צאַפּל געטאָן.

— נאָך גוט וואָס די שערן זיינען ניט קיין גלעזערנע, — האָט זיך מעלניק געוויצלט, דרייענדיק זיך צווישן די ארבעטער, וועלכע זיינען געזעסן פארזונקענע ביי זייערע מאַשינען. ביי די פּרעסערס האָבן זיך די הייסע פּרעס־אייזנס ניט איינמאָל שיעור ארויסגע־גליטשט פון די הענט.

מעלניק איז ארומגעגאנגען אין שאַפּ, ווי עפּעס א פארבלאָנד־זשעטער, גלייך ער וואָלט גאָרניט געהערט און גאָרניט געזען. נאָכ־מער, ווען אָן אָפּערייטאָר האָט אים צוגעבראַכט א באַנדל ארבעט, האָט ער דאָס אפילו ניט באַטראַכט. האָט איינער פון געוואוינהייט וועגן אָנגעמאָסטן א קלייד אויף דער פיגור און מעלניק האָט גע־זען, אז עס בלאָזט זיך דאָ צי דאָרט, האָט ער כלומר׳שט געשמייכלט:

— ווי זאָגט מיין שוויגער, ביים רב וועט זיך דאָס ניט טרעפן...

פּלוצים האָט זיך פון קאָרידאָר דערהערט א סך שווערע טריט. פון אויבן און פון אונטן, אַלץ איז געווען ריטמיש צום טאַקט. פּונקט ווי א מאַרש פון סאָלדאַטן. די עלעקטרישע לאָמפּן אין שאַפּ

האָבן אָנגעהויבן ציטערן. געשרייען פון גאס האָבן זיך ווי אריינ־געשניטן דורך די האַלב־אָפענע פענצטער. פון צייט־צו־צייט האָט זיך דערהערט א קלאַפעריי אין דער דרויסנדיקער טיר, א מין סיג־נאַל. מעלניק האָט אויסגעזען זייער בלייך. ער האָט גלייך אויף שטום־לשון באַפוילן מען זאָל אָפּשטעלן די „פּאַוער", כדי די פאַר־בייגייער זאָלן ניט הערן דעם רוישן פון די מאַשינען. אזוי האָט ער אויך באַפוילן די פּרעסערס מען זאָל ניט הערן דאָס יעכצן פון די אייזנס, וועלכע לאָזן זיך הערן וויט־ווייט.

די ארבעטער זיינען געבליבן זיצן מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, זיך געשעמט צו קוקן איינער דעם צווייטן אין פּנים אריין.

מעלניק האָט ניט געוואָלט אוועק גיין אויף קיין סעקונדע.

ארום א שעה שפּעטער, ווען דער טומל אין קאָרידאָר איז שוין געווען פאַריבער, האָט מעלניק פאָרזיכטיק געעפנט די טיר, וועלכע איז די גאנצע צייט געווען פאַרשלאָסן. געקוקט אין אלע ווינקלען צי שטייט ניט עמיצער און וואַרט אז די טיר זאָל זיך צוריק עפע־נען. ער איז צוריק־געקומען, זיך געריבן די הענט, געקוקט אויף די באַלמעלאָכעס, וואָס זיינען נאָך אלץ געזעסן פאַרטרויערטע, ווי א מת וואָלט זיך אין שאַפּ געפונען.

מעלניק האָט זיך מיט קיינעם פון זיי איצט ניט געוואָלט שאַפן. ער איז אליין צוגעגאַנגען צום עלעקטרישן קעסטל, וואָס הענגט איבער די מאַשינען און געלאָזט לויפן די „פּאַוער", דערנאָך האָט ער גוטברודעריש א זאָג געטאָן:

— צו דער עבודה! דער מבול אין דרויסן האָט שוין אויפ־געהערט.

אלע האָבן אָן חשק פאַרנומען זייערע ערטער און ווי עפּעס בלויז פון יוצא וועגן האָט מען געאַרבעט. דאָס מאָל האָט מען שוין ניט געקוקט אויפן זייגער, נאָר צו דער טיר.

דער שטילער סאַל איז געזעסן ביי דער טיר. ווען עמיצער האָט אָנגעקלונגען, האָט ער באַפוילן צו גיין דורכן אָפיס. דאָרט איז געזעסן מעק און ניט ווייט פון אים, די צוויי געדונגענע שלע־גער.

מעלניק האָט געהערט לויט דעם גערויש פון די מאַשינען, אז ניט אלע שטעפּן. ער האָט אויך פון ווייטן געזען, אז די פּרעסערס הוי־

דען זיך זייער ווייניק. ער האָט זיך געמאַכט ניט וויסנדיג, גע־טראַכט זיך: אויף דער הייסער שעה איז בעסער צו הערן, זען און שווייגן. ער האָט צוגערופן זיין שיק־אינגל און מיט אים געגאַנגען פון איין אַרבעטער צום צווייטן. דער שיק־אינגל האָט געהאַלטן אַ לאַנג שטיק פּאַפּיר מיט אַ בליישטיפט אין האַנט. מעלניק האָט מיט אַ געמאַכטן שמייכל אויפן פּנים געלאָזט וויסן:

— מיר האָבן באַשלאָסן איר זאָלט עסן אין שאַפּ, ביז די היץ־קעפּ וועלן זיך אָפּקילן . . . וואָס ווילסטו עסן דזשאָ? — האָט ער זיך צום ערשטן געווענדט צו זיין שוואָגער.

— איך ווייס אַליין ניט. כ'האָב עפּעס ניט קיין אַפּעטיט . . .

— ט'האָסטו דיר! וועסט פאַסטן יום־כּיפּור, ניט היינט. אַ פּאָר „סענדוויטשלעך" וועט דיר ניט שאַטן.

פון די אַנדערע באַלמעלאָכעס האָט ער געקראָגן פאַרשיידענע אויסריידן, נאָר ער האָט אַלע געהייסן פאַרשרייבן, מען זאָל באַ־קומען סענדוויטשעס. לעבן פּרעס־טיש האָט זיך מעלניק אַביסל פאַרקלערט: מיט וועמען זאָל ער דאָ אָנהויבן? מיט ליפּניק'ן צי מיט בעני'ן. ער האָט געוואוסט ביי זיך, אַז ליפּניק וועט אים טאָקע ניט אָפּזאָגן, נאָר די אַנדערע פּרעסערס וועלן זיך מיט אים ניט רעכענען. פאַרקערט, אָבער, אַז ער וועט באַקומען אַ גוטן ענטפער פון בעני'ן, וועלן אַלע פּרעסערס נאָכטאָן. דאַרום האָט ער זיך געווענדט צו בעני'ן.

בעני האָט אים זייער מאָדנע אָנגעקוקט און פאַרשיידענע גע־וואַגטע געדאַנקען זיינען ביי אים דורכגעפלויגן אין מוח. אָט שטעלט ער זיך אויף אויף אַ בענקל און רופט אַלע אַרבעטער, אַז זיי זאָלן גלייך גיין מיט אים. זאָל דער נפש אויפהערן טרעטן אויף זייערע געפילן. אָט גיט ער מעלניק'ן אַ שטויס אַוועק פון טיש, אַז ער פאַלט ווי אַ שווערער קלומעק, אַז עס דערהערט זיך אַזש אַ טראַך, און אַלע אַרבעטער קוקן אַהער. בעני האָט זיך, אָבער, ווי ווייט מעגלעך קאָנטראָלירט און קורץ און שאַרף געענט־פערט מעלניק'ן, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געגעסן אין שאַפּ.

מעלניק האָט אים געגלעט איבער די פּלייצעס:

— אַמאָל דאַרף מען יאָ עסן אין שאַפּ . . .

בעני האָט זיך אַוועקגעדרייט פון מעלניק'ן און געשוויגן. ער

האָט געפּילט, אַז ווען ער וועט עפּעס זאָגן איצט, וועט דאָס זיין זייער שאַרף. ווער ווייס? אפשר וועט דאָס ניט טויגן.

מעלניק איז געבליבן שטיין א באַליידיקטער. עס האָט זיך אים פאַרקריצט אין מוח, אַז ער וועט מיט בעני'ן זיך אָפּרעכענען, ווען די צייט וועט קומען. ער האָט זיך געמאַכט קוראַזש און אוועקגע־שלייכט זיך פון אים, צו די אַנדערע פּרעסערס:

— נו, און דו, מיזיניק, עסט אויך ניט אין שאַפּ? — האָט ער זיך געווענדט צו איזי'ן.

איזי איז אַביסל צעטומלט געוואָרן. ער האָט געקוקט צו בעני'ן ווי ער וואָלט זיך בעטן: „ברודערקע, העלף! — ער האָט אָנגעהויבן רעדן שטיל, ווי צו זיך אַליין:

— כ'לעבן, איך בין ניט הונגעריק.

און הערי האָט גלייך געהאַלטן אָנגעגרייט א תירוץ, אַז ער איז אויף א דאַיעט".

ביי מעלניק'ן האָבן זיך די מויל־ווינקלען גענומען קרומען. דאָס איז געווען א סימן, אַז ער האָט שוין באַלד פאַרלאָרן זיין געדולד. ער האָט פון יוצא וועגן אים געזאָגט, אַז ער קאָן באַשטעלן וואָס זיין האַרץ גלוסט און אוועקגעשפּאַנט, ניט וואַרטנדיק מער אויף קיין ענטפער.

ליפּניק'ן האָט ער אין גאַנצן ניט געפרעגט. נאָר ברייטלעך א זאָג געטאָן צום שיק־אינגל:

— פאַרשרייב — צוויי גרויסע סענדוויטשעס פאַר דעם מע־נעדזשער פון די פּרעסערס.

ווען דער שיק־אינגל איז אוועק מיט דעם באַשריבענעם בויגן פּאַפּיר, האָט מעלניק אריינגעשריען צו זיין שותף מעק, ער זאָל ארויסברענגען פון אָפיס א פּאָר פלעשלעך בראַנפן:

— די לייטע האָבן ניט קיין אַפּעטיט, האָט ער גע'חוזק'ט.

בעני האָט א קוק געטאָן אויפן זייגער און ארויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר, פאַרזאַמט זיך דאָרט ארום א פערטל שעה. ער איז אומ־געדולדיק געשטאַנען אין וואַש־צימער און כלומר'שט געוואַשן זיך די הענט און געהאַלטן אָנגעשטרענגט זיינע אויערן צו די שטיגן. ער האָט אויך געטראַכט ווי אַזוי ער וועט דאַרפן באַארבעטן סאַל'ן, וואָס טרעט ניט אָפּ פון דער טיר. א שיין פּנים וועט ער האָבן

ביים אָרגאַנייזער, ווען די קאָמיטע וועט קומען און ניט קאָנען אריינ־קומען אין שאַפּ.

מעלניק האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט ליפּניק'ן:

— דיינע פּרעסערס, פּונקט היינט ווען מען דאַרף ליגן איינ־געלייגט אין שאַפּ, האָט דיין בעני דאָס לויפּעניש . . .

ליפּניק איז געבליבן שטיין א פאַרלאָרענער און אים פאַר־ענטפערט:

— נו, ער איז דאָך א בשר ודם . . .

ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען ביי דער טיר, ווען בעני האָט זיך צוריקגעקערט, האָבן די מערסטע אַרבעטער אין שאַפּ ניט געוואוסט. זיי האָבן דערזען אריינמאַרשירן אַרום א צענדליק נייע פּנים'ער. נאָך זיי איז געקלאַפּט סאָל און א האַלב־טויטער האָט ער געגוואַל־דעוועט:

— ג—ע—ט א—ו—ט ! ג—ע—ט א—ו—ט !

עס האָבן זיך דערהערט געמישטע קולות פון פרויען און פון מענער:

— דזשענעראַל סטרייק! דזשענעראַל סטרייק! קומט מיט אונדז, די יוניאָן רופט!

מעלניק איז שנעל צוגעלאָפן צום פּרעס־טיש און אָפּגעטשעפּעט א הייסן אָנגעגליטן אייזן און דערמיט ווילד געלאָפן און געשריען:

— איך וועל אייך אָפּ'שרפ'ען ווי די חזרים. אַרויס פון דאַנען!

די צוויי געדונגענע שלעגער, וועלכע האָבן די גאַנצע צייט גע־היט דעם אריינגאַנג פון אָפּיס האָבן זיך גלייך א לאָז געטאָן אין שאַפּ אריין ווי נאָר וואָס אָפּגעריסענע פון דער קייט. מעק נאָך זיי מיט אַרונטערגעלאָזטע שלייקעס, גלייך ער איז נאָר וואָס אַרויס פון בעט. ער האָט זיך ווילד צעשריען:

— באָמס, פאַרנעמט זיך פון דאַנען. מיר וועלן אייך דער־הרג'ענען. אונדזערע באַלמעלאָכעס זיינען צופרידן. זיי דאַרפן אייך אויף כפּרות.

עס איז געוואָרן א גרויס געלעכטער. די שלעגער זיינען גע־בליבן שטיין און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

מעלניק האָט זיך צוגעשאַרט צו א קאָמיטע־מאַן מיט דעם אָנ־געגליטן אייזן און אים געשטופּט צום טיר.

בעני האָט ביי אים אויסגעדרייט דאָס אייזן און זיך געוויצלט:

— איר'ט נאָך עפּעס פאַרברענען, גוטע נשמה.

מעלניק האָט זיך צעפּיענעט, ער האָט אַזש באַשפּיגן די נאָענ־

— עך זע שוין וואָס פאַר א פויגל דו ביסט. גיי מיט זיי. כ'האָב מער ניט קיין ארבעט פאַר דיר.

הערי און איזי האָבן זיך גע'כעס'ט:

— ביסט א מבין? א רעגעלע גזלן . . .

— דאָס געלט שטייט ביי זיי העכער פון א מענטשן... — האָט הערי געליאַרעמט.

מעק האָט געטאָרעט די צוויי שלעגער, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין שטופּן די קאַמיטע צום טיר און זיי האָבן זיך באַלד אומ־געקערט צוריק.

די שלעגער האָבן פאַרשטאַנען וואָס מעק וויל פון זיי. דער מיטן אויסגעזעצטן אויג האָט ארויסגעצויגן א רעוואָלווער און גע־סטראַשעט צו שיסן, אויב די קאַמיטע וועט די מינוט ניט פאַרלאָזן דעם שאַפּ.

די מיידלעך האָבן זיך אין כאָר צעשריען:

— טעיק הים אוועי! טעיק הים אוועי!

מעלניק האָט זיך צעשריען זיי זאָלן שווייגן.

— קיינער טשעפּעט אייך ניט. די פרעמדע דאַרף מען שיסן!

דאָס האָט דערצאָרנט א היפּשע צאָל ארבעטער פון שאַפּ און עס האָט אויסגעבראָכן א געשלעג. אַלע וואָס האָבן זיך געשלאָגן זיינען געווען אויף איין קופּע.

די פרויען זיינען ארויס אין קאָרידאָר מיט גרויסע געוואַלדן:

— זעט, זעט, אונדזערע באַלעבאַטים, אַלע מיט שטיקער אייזנס אין די הענט! רעגעלע גזלנים.

— וואָס פאַר א שלאָגן זיך גאָר. מיר וועלן גיין אין דער יו־ניאָן, וועלן מיר באַשליסן — האָט אַן אַלטער אפּערייטאָר געשריען הויך אויפן קול, און זיך שטאַרק פאַרהוסט. — הערט אויף! הערט אויף!

בלוט איז גערונען פון פּנים'ער. העמדער זיינען געווען צע־פליקט, האָר צעשויבערט. פון צייט־צו־צייט האָט זיך דערהערט

א טיפער קרעכץ און ס'איז שווער געווען צו וויסן פון וועמען דאָס קומט.

ווען די מערסטע ארבעטער זיינען שוין געווען פון יענער זייט טיר, האָט דער שלעגער מיטן רעוואָלווער אין האנט נאָכגעשאָסן. דאָס האָט ער אפנים געוואָלט ווייזן דער פירמע, אז ער פירט דורך זייער פארלאַנג. די קויל האָט געטראָפן דעם שיק־אינגל אין פוס אריין, ווען ער האָט זיך באוויזן אין דער טיר מיט גרויסע פעק עסנווארג. ער איז געפאלן אויפן דיל. דאָס עסנווארג איז זיך צעפאלן. דאָ א פעניץ ברויט, דאָרט א שטיק וואורשט. דאָס שיק־אינגל האָט געשריען מיט באנומענע קולות.

די שותפים, וועלכע זיינען שפעטער געווען די איינציקע מענטשן אין שאפ, האָבן נאָך גאנץ שווער געסאָפעט. מעלניק האָט זיך באַרימט:

— האָב איך געהאקט . . . באַיעלע! האָסט געזען?

סאָל און מעק האָבן אים גאָרניט געענטפערט.

:: :: ::

אין אָוונט, ווען מעלניק איז געקומען אהיים, איז ער געווען שטארק צערודערט. זיין פרוי האָט אים עטלעכע מאָל גערופן צום טיש עסן און ער איז געזעסן אויפן דיוואָן מיט אן אראָפגעלאָזטער נאָז, נערוועז געשאָקלט מיטן קאָפ אהין און צוריק, ווי ער וואָלט געטרויערט נאָך עמיצן. זי האָט געטראכט, אז גאָר אין גיכן וועט זי פאָרן קיין אייראָפע זען אירע עלטערן, און ער וועט, נעבעך, בלייבן איינער אליין. איז זי צוגעקומען צו אים גאַנץ נאָענט און אים אָנגעהויבן גלעטן:

— נו, דערציייל דזשאָרדזש, וואָס האָט פאסירט?

מעלניק האָט איר א קוק געטאָן אין אירע וואסערדיקע אויגן און געזאָגט אין א רחמנות'דיקן טאָן:

— סערעלע, וועסט מוזן איינהאלטן דעם דאָלער.

— וואָס איז שוין? — איז סערע אויפגעשפרונגען.

— א נונע האָט זיך זיי פארוואָלט, די סאָנאַוואַ — — — . אזעלכע חזרים. זיך געבראָכן דעם קאָפ צו מאכן גוטע סטאילס, זיי זאָלן האָבן א סך ארבעט . . . געבראכט זיי היינט סענדוויטשעס צום פרעסן . . .

די פרוי האָט אים איבערגעשלאָגן:

— נו, דו ביסט דאָך ניט דער ערשטער. זאָל זיין אזוי, װעסטו האָבן אביסל מער צייט פאר מיר . . .

מעלניק האָט זיך אויפגעשטעלט און געערדט מיט א פויסט אין דער לופטן:

— װען מיין געלט איז ניט פארשטעקט . . . װאָלט איך זיי אָנגעלערנט. אָבער גיי . . . דו װייסט װאָס עס מיינט א יוניע אין אזא שאפּ, קיינעהאָרע?

ער איז שוין איצט געזעסן ביים טיש, געקיים און געערדט:

— צען יאָר צייט זיך דורכגעדרייט אָן א נונע און איצט אזא אָנשיקעניש!

די פרוי האָט זיך ביי אים געבעטן:

— דזשאָדזש, אינמיטן עסן ערגערט מען זיך ניט . . .

מעלניק איז געבליבן זיצן א פארטראכטער:

— װאָס װייסט זי? א פרוי בלייבט אָ פרוי! גיי ערגער זיך ניט, אז די „קהל'שע פארזאָרגער" האָבן אים באזיגט.

# II

## צווי בריוו...

דער דלות ביי די לעווינס אין הויז האָט זיך ברייטלעך ארומגע־כאַפּט מיט דעם גאַס־רעגן, וואָס האָט ניט אויפגעהערט דעם גאַנצן פרימאָרגן. די פּאָר קישעלעך, וואָס האָבן פארשטעקט אויסגעבראָכענע שויבן אין די פענצטער, זיינען שוין געווען פיטש נאַס. די פארבן — אָפּגעקראָכן און אויסגעזען האָבן זיי ווי אויסגעווייקטע קעז.

דעם רעגן איז, ווייזט אויס, געגאַנגען אין לעבן נאָך פינצטערער צו מאַכן דאָס לעבן פון אַלטן פּאָר פּאַלק, דאָ אין דעם הויז וואו דער דאַך איז געלעכערט און קאָן זיי מער ניט באַשירמען. יעדע ווינקל האָט דאָ געקאַפּעט אין אַן אנדער ווינקל.

לאה, די באַלעבאָסטע פון הויז, וועלכע האָט איצט געפליקט פע־דערן פארן שטאָטישן גביר׳ס טאָכטער, האָט געדרוקט אירע גרויסע שפּאַקולן ארויף און אַראָפּ. נאָכאַנאַנד איז א סקרוך געלאָפן איבער איר לייב.

יעדעס מאָל ווען די טראָפּנס רעגן האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין דנאָ פון א כּלי אויפן דיל, האָט זי כמעט מיט א געוויין זיך באַקלאָגט פאר איר מאַן:

— שוין באלד נישטאָ קיין כּלים אונטערצושטעלן!

איר מאַן האָט אפּנים ווי געוואַרט, אז זי זאָל זיך צו אים ווענדן אַצינד. ער האָט אויפגעהויבן זיינע צעשראָקענע אויגן פון אַן אָפענעם ספר. פארפלעטשט א געניץ, וואָס האָט זיך געריסן ביי אים פון מויל, און צע׳כעס׳ט זיך:

— אָבער דער תכשיט דיינער, אין אמעריקע, הולטאַיעוועט מסתמא ארום, און מאַכט זיך ניט וויסנדיק.

לאה האָט זיך אָנגעצונדן:

— באַלד איז ער דאָ מיט מיין תכשיט! און דיינער איז בעסער!

לעווין האָט א שמייכל געטאָן, אים איז געפעלן געוואָרן די לעצ־טע פראגע. ער האָט איר, אָבער, מער ניט געוואָלט לאָזן רעדן. זאָל זי הערן וואָס ער האָט ווייטער צו זאָגן:

— אָט אזוי רעדט זיך דאָס, נארישע אידענע! זאָל זיין אונדזער ביידנס תכשיט! די ספרים זאָגן פאָרט, אז קינדער זיינען מער אריינ־געראָטן אין א מאמען, ווי אין א טאטן . . .

לאה האָט יאוש׳דיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— לאָז מיך געמאַך מיט דיינע ספרים! איר מאַנסבילן זענט אַלע מאָל די גאַנצע ווייסערס: אפשר האָט אונזער זון אַליין ניט קיין פרנסה? דאָס קאָן דיר גאָר ניט איינפאַלן!

לעווין האָט זיך צעלאַכט:

— נו, זעסטו שוין? אז אַ פרוי בלייבט אַ פרוי! און איך זאָג דיר, אַז וואָס ביי אים גייט אוועק גלאַט אַזוי . . . וואָלט שוין געווען גענוג פאַר אונדז צום לעבן. ער עסט זיכער קוילעטש אינדערוואָכן, און מיר האָבן דאָס אפילו ניט לכבוד שבת . . . אָט וועל איך אים שרייבן אַ בריוו וועט ער מיך האָבן צו געדענקען . . .

ביי לאה׳ן אין מוח האָבן זיך געדאַנקען אָנגעהויבן צו אַמפּערן: אפשר איז דער מאַן גערעכט? חיים איז טאַקע אין דערהיים געווען אַן איידל קינד, אָבער איצט ליגט דאָך אַזאַ גרויסער ים צווישן אים און זיי . . . אפשר, די שעה זאָל ניט זיין, איז ער שוין נישטאָ? דער־ביי האָט זי אַ ציטער געטאָן. דערפילט אַ פייכטקייט אין די שוואַר־צע אויגן. מיט גרויס אימפּעט זיך אַ נעם געטאָן צו איר אַרבעט, און ווי אָנגעשריען אויף אירע מחשבות: ניין, ניין, חיים׳ל לעבט! זאָל ער שוין בעסער קיין געלט ניט שיקן, אַבי זיין געזונט און שטאַרק!

— מיר וועלן שוין אַזוי איבערקומען די פּאָר יאָר . . . שוין אַלטע מענטשן סיי־ווי־סיי . . .

לעווין, איר מאַן, האָט געהאַלטן וואָרט, ער האָט שוין געהאַט צוגעמאַכט דאָס ספר, געשטאַנען איבער אַן אָפענעם טיש־קעסטל, דעם דאַשעק אויף אַ זייט, געזוכט און געקאָכט זיך:

— איז דאָס אַ שטוב! אַז קיין זאַך קאָן מען דאָ ניט געפינען! וואו איז פאַרט טינט און פעדער?

— דו ביסט דאָך דער שרייבער! קריג אויף אַן אָרט, וועסטו געפינען — האָט זיך די פרוי צוריק געבייזערט.

— אָט דאָ האָב איך עס לעצטן חודש אַריינגעשטעלט.

די פרוי איז אים צו הילף געקומען. זי האָט ניט געקאָנט פאַר־ליידן דאָס קרימעניש פון איר מאַן. דערצו, האָבן איר נאָך אַלץ געמאַטערט די שלעכטע מחשבות וועגן זון אין אַמעריקע. וויל זי טאַקע, אַז איר מאַן זאָל גלייך אוועקשיקן אַ בריוו צו אים, וועט אַן ענטפער קומען גיכער. באַלד האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אויפן טיש:

— אַט האָסטו דאָס, שרייבער מיינער! אז מען זוכט געפינט מען!

לעווין האָט מיט פרייליכע אויגן געקוקט אויפן פלעשל טינט און פעדער. ער האָט שוין געהאַט אויסגעשפרייט א ווייס בייגעלע פּאַפּיר גרייט צו שרייבן. די פרוי האָט אים א טאָרע געטאָן, און שטיל געזאָגט:

— שרייבער מיינער, פלאַפּל ניט וועגן קייסער, אויב דו ווילסט, אז חיים זאָל קריגן דיין בריוו . . .

לעווין האָט א קלאַפּ געטאָן אין טיש, אז דער טינטער מיט טינט האָט זיך שיעור ניט איבערגעקערט:

— זי האָלט מיך אין איין לערנען שכל! אפשר וואָלסטו מיר אונטערגעזאָגט א יעדעס וואָרט? — באַלד איז ער געבליבן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און זיך יאוש׳דיק געהוידעט הין און צוריק. גע־טראַכט זיך: אז ס׳איז נישטאָ קיין פרנסה, לערנט אים זיין לאה ווי אזוי צו שרייבן א בריוו. אמאָל, איז ניט געווען אזוי . . . דער־נאָך האָט ער זיך צעבייזערט, אז זי זאָל זיך אויפהערן מישן: ער וויל דאָס מאָל שרייבן אזא בריוו, אז עס זאָל דעם זון רירן . . . זאָל ער וויסן, אז ס׳איז באו מים עד נפש . . . זאָל ער . . .

די פרוי האָט אים אָנגעהויבן גלעטן איבער די פּלייצעס. גערעדט זייער ווייך:

— בעריש, שרייב אים, יאָ געלט, צי ניט געלט, זאָל ער באַלד ענטפערן . . . — מער האָט זי קיין וואָרט ניט געקאָנט ריידן. זיך גלייך צוגעשאַרט צו איר ארבעט, צו פאַרטרייבן די שלעכטע מחשבות וועגן איר זון אין אמעריקע . . . געצופּט די פעדערן שנעלער, ווי אַלעמאָל . . . ביז אין אירע אויגן זיינען טרערן געקומען . . .

די פען האָט אָנגעהויבן סקריפּען צווישן לעווינס פינגער און פאַרשריען דאָס פּאַלן פון די טראָפּנס רעגן, וואָס זיינען געפאַלן פון דער סטעליע. אָפּטמאָל האָט לעווין די פען געדריקט כמעט מיט זיין גאַנצן כוח. אפנים געוואָלט, אז די פען זאָל אים ארויסהעלפן אַלץ, אַלץ ארויסצושרייבן. די אותיות זיינען וואָס אמאָל ארויסגע־קומען דיקער און דיקער. פון צייט־צו־צייט האָט ער געהויבן זיין מידן קאָפּ און פאַרטראַכט זיך. געזוכט ווערטער אזעלכע, וואָס זאָלן רירן, אָבער ניט באַליידיקן. ער דאַרף דאָך פּאָרט אָנקומען צום זון אין אמעריקע! דאָך, האָט ער זיך ניט געקאָנט צוריקהאַלטן

און דערלאַנגט אים אַ ביסל מוסר. זאָל ער טאַקע וויסן, אַז דאָס געלט וואָס גייט ביי אים גלאַט אַזוי אַוועק, וואָלט געווען גענוג פאַרן טאַטן מיט דער מאַמען צום לעבן. איז פאַרוואָס זאָל ער דאָס ניט אויסרעכענען? . . . באַקלאָגט זיך, אַז קיינער וויל מער ניט שיקן זייערע קינדער צו לערנען ביי אים: וואָס זאָל ער טאָן, אַז דאָס שטעטל איז פול מיט יונגע מלמדים?

איינציקע שורות זיינען געווען אין אַ בייזן טאָן. אַנדערע, ווייך. גאָר אַנדערע, האָט ער שוין איבערגעבעטן: ווייסט דאָך, בני היקר, אַז מען איז אין אַ עת צרה . . .

צום לעצטן איז געווען מיט אַ לאַנגן פּאַס אונטערגעשטראָכן:

—למען השם, שיק גלייך מעות . . .

דער בריוו האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ געקינצלטן אונטערשריפט, וואָס בלויז דער זון חיים אין אַמעריקע לייענט איבער. ער האָט פּאַרזיכטיק אָנגעקלעפּט די נויטיקע מאַרקעס, עטלעכע מאָל זיי צו־געקלאַפּט מיט אַ פויסט. ערשט דערנאָך געטריקנט זיי מיט זיין וואַרימען אָטעם.

פאַרטיק געוואָרן, האָט דער אַלטער לעווין אויפגעהויבן דעם בריוו, ווי ער וואָלט אים אָפּגעוואויגן, אַ שמייכל געטאָן צו זיך אַליין און באַצייטנס דערפילט אַ דערלייכטערונג . . .

## 2

עס איז געווען אַ הייסער זומער־טאָג. אַ שווערער וואָלקן האָט זיך אָנגעזעצט אויף דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק. די סמאָלע פון די גלאַנציקע אַספאַלטן איז געווען צעפּאַרעט, געקלעפּט זיך צו די פיס פון די פאַרבייגייער. די פאַרע איז געקראָכן אין די נעזער אַריין, אין די מיילער אַריין. שווער געווען דעם אָטעם צו כאַפּן. מענטשן האָבן זיך געאיילט צו די ברעגן פון טייך, אָפּצוקילן זייערע צעהיצטע קערפּערס. דאָ און דאָרט האָט אַן אַמבולאַנס געיאָגט זיך, געוואָרנט, אַז קיינער טאָר אים איצט אין וועג ניט זיין. ער־געץ ליגט אַ קרבן! דאָס הארץ האָט זיך דעם טאָג אונטערגעגעבן...

„אַ ביסעלע לופט, אַ ביסעלע לופט", איז געווען דער וואונטש פון אַלעמען.

חיים איז ארומגעגאנגען אין די גאסן, געזוכט ארבעט. זיינע מאַטע אויגן האָבן אויסגעזען ווי ער גייט און דרעמלט. אַט וועט ער פאַלן. זיין מידער גוף האָט זיך איצט געהאַט אײנגאַנצן אָנגע־שפּאַרט אויף זיין רעכטן פוס. דער לינקער האָט זיך ווי עפּעס גלאַט נאָכגעשלעפּט. ער האָט געשעפּטשעט צו זיך אַליין: „אַלע טויערן צוגעמאַכט!"

מיט זיינע לעצטע כוחות האָט ער זיך אין אַ דערבייאיקן פּאַרק דערשלעפּט. אויסגעזען ווי אַ פאַרוואונדעטער פון אַ שלאַכט־פעלד. ער האָט זיך לײדנשאַפטלעך צוגעבויגן צום פאָנטאַן, ווי אַ קינד צו דער מוטער'ס ברוסט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט אַזוי דאָס גאַנצע וואַסער אויסטרינקען. ווען ער האָט ענדלעך זיין דורשט געשטילט, האָט ער איינגענעצט זיין טיכעלע און ארומגעשטייפּט זיין שטערן. די לעצטע טעג האָט ער אַ מורא'דיקן קאָפּ־ווייטיק, און אים ווילט זיך אפילו ניט אויסגעפינען וואָס דאָס איז . . . טאָ־מער וועט אים נאָך דער דאָקטאָר פון זיין פאַראײן זאָגן, אַז ער דאַרף רוען, וועט אים נאָך ווערן ערגער, ווייל רוען קאָן ער בשום אופן ניט. ניין!

ער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק, זיך פאַרטראַכט: מחשבות זיינען געלאָפן וועגן זיין פרוי און קינדער, וואָס זיינען אַזוי הילפלאָז, אָן וועלכע עס איז מיטלען צום לעבן: וואָס וועט זיין? זיי וועלן דאָך ווערן זיינע שונאים . . . ווער וויים וואָס זיי טראַכטן שוין באַ־צייטנס וועגן אים? אַט פאַלן אויף אים בייזע בליקן פון זיינע בעלי־חובות. אַט הערט ער זייערע קולות: „ביז ווען נאָך וועלן מיר וואַר־טען?" חיים שפּרייט אויס זיינע הענט און פילט ווי זיין שטימע וועט באַלד פאַרהילכן דעם גאַנצן ארום. מענטשן וועלן אים באַלד ארומרינגלען און רחמנות'דיק פרעגן: וואָס איז אייך, יונגערמאַן? אָדער אפשר וועלן זיי גאָר רופן אַן אמבולאַנס: ער איז משוגע, וועלן זיי זאָגן, וואָס פאַר אַ קלאָרער מענטש צעשרייט זיך פּלוצים אין אַ פּאַרק?

חיים האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר זיינע אָנגעלאָפענע גע־דאַנקען. אים האָט זיך גענומען אויסדאַכטן, אַז ער איז איצט מער ניט ביי זיך אין די הענט: ווער ווייס וואָס אים קאָן איינפאַלן? ווען צוויי שכנים, אויף דער זעלבער באַנק מיט אים, האָבן זיך דער־

לאנגט געלט איינער דעם צוויטן, האָט חיים צוגעקוועטשט די אויגן. אים האָט זיך נאָר געמאָלן אין מוח ווי אָט־אָט כאַפּט ער ביי זיי אוים דאָס געלט און לויפט אוועק. אָט הערט ער אפילו געשרייען: כאַפּט א גנב! ער שטעלט זיך באלד אָפּ, צעוויינט זיך, דערציילט אוים זיין ביטער הארץ . . .

חיים האָט זיך ראַפּטאָם א הויב געטאָן פון באַנק, שנעל ארויס־געשפּאנט פון פּארק, ווי ער וואָלט דאָרט הינטער זיך וועלן לאָזן די צעפלויגענע מחשבות וואָס זיינען אים פלוצים באַפאלן. ער האָט זיך סתם געלאָזט גיין אין טומל אריין פון די גאַסן צו פארגעסן זיך אין אלץ וואָס ער האָט פריער געטראכט. געלאָזט זיך פארשרייען פון פעדלער־קולות און מאשינען־געיעג. געוואַנדערט גאַס איין, גאַס אוים, אליין ניט געוואוסט וואוהין ער גייט.

ווען עס איז שוין געווען טונקל, האָט זיך חיים א מידער אריינ־געשאַרט אין זיין וואוינונג. א מאָדנע שטילקייט האָט אים באַ־געגנט. קיינער איז אין הויז ניט געווען: צו שטיל, צו שטיל, האָט זיך חיים אין הארצן באַקלאָגט. וואו ער שטייט און גייט, ווילט זיך אים איצט טומל. נאָר טומל! וואו זיינען די קינדער? וואו איז זיין פרוי? פארוואָס קומט אים דאָס, פּונקט איצט, צו זיין איינער אליין אין הויז?

אויפן קיך איז געווען אויסגעשפּרייט א צעטעלע צו חיים'ען. די פרוי האָט אים געלאָזט וויסן, אַז דער קרוב בעני האָט זיי געלאַדן אויף וועטשערע, זאָל ער אויך אהין באלד קומען. חיים האָט דאָס צעטעלע צעפליקט: —שוין ווידער דער קרוב בעני! וואָס פיינט ער זיך אַזוי אוים? זאָל ער אים בעסער ארויפנעמען צו זיך אין שאָפּ אריין ארבעטן . . . עס וועט אים גאָר ניט שאַטן . . . ער וועט פאר קיין פאל ניט גיין אהין עסן!

חיים האָט שווער אָפּגעזיפצט. אריינגעשטעקט די פינגער אין זיינע האָר. דערפילט א מאָדנע שווערקייט אויפן הארצן. געטראכט זיך: ווי גוט עס איז ווען דו האָסט פאר וועמען זיך אראָפּצורעדן פונעם הארצן. די ערשטע צייט האָט אים זיין פרוי אויסגעהערט און אָפּטמאָל געטרייסט. אָבער די לעצטע צייט האָט זי ניט קיין געדולד צו אים.

באלד האָט אים א בליץ געטאָן אין מוח: שאַ נאָר, שוין א

צייט צו די עלטערן קיין בריוול ניט געשריבן! אָבער וואָס זאָל ער זיי שרייבן? ער האָט זיך א ווייטע פארקלערט, און באלד א קלאַפּ געטאָן אין טיש אריין: אלץ וועט ער זיי ארויסשרייבן . . .

— פאר וועמען דען זאָל איך עפענען מיין הארץ, אויב ניט פאר אייך?

אָט אזוי האָבן זיך צוויי בריוו געגליטשט איבערן זעלבן ים. איינער אהער, דער צווייטער — אהין; פון צוויי באַזונדערע לענדער, ביידע מיט די זעלבע ווייען . . .

# אַרום אַ יאַטקע

בערקע קצב, מיט זיינע פיר זין, האָבן געוועלטיקט איבער די קצבים, און איבערן גאַנצן שטעטל. אַמאָל איז ער געווען דער סטאַראָסטע דאָ. זינט דעמאָלט, ווייסט ער ווער ס'איז כשר און ווער טריף. צו נאַטשאַלסטוואָ האָט נאָך בערקע ביז היינט־צו־טאָג מער צוטריט, ווי אַלע אַנדערע אין שטעטל. דערצו נאָך, האָט ער די פיר זין, וועלכע מען האָט גערופן „די ברידער פון שכם". זיי זיינען איבעראַל פול געווען מיט זייערע לאַנגע הענט . . .

בערקע האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו מישן זיך אין דער יאַט־קע. אין זיין פרייער צייט איז ער ארומגעגאַנגען איבער די גאַסן, איבעראַל אריינגעשטעקט זיין נאָז, און געזאָגט דעות. כמעט יעדן פרימאָרגן האָט ער זיך אריבערגעכאַפּט צו משה יאָסל דעם שניט־קרעמער, וואוהין עס פלעגט יעדן טאָג אָנקומען א צייטונג. דאָרטן אין קראָם, האָט זיך בערקע כמעט אַלעמאָל געווערטלט מיט שלמה דעם שניידער, וועלכער איז אויך געווען א שותף צום בלאַט. ער, בערקע, האָט ניט געוואָלט ליידן, וואָס שלמה דרינגט פון די נייעסן, אַז באַלמעלאָכעס וועלן מיט דער צייט האָבן מער דעה, ווי היינט. ווייל אומעטום, אין די גרויסע שטעט, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן ארויס־שטעלן: אָט האָט ער דאָך שוואַרץ אויף ווייס!

בערקע האָט גע'חוזק'ט:

— וואָס? שניידערוקעס און שוסטערוקעס, וועלכע קאָנען זיך ניט אונטער'חתמה'נען, וועלן האָבן א דעה? אין באָד, אפשר!...

— רב בערקע, איר וועט בעסער ווערן! — האָט אים שלמה אי־בערגעשפּאַרט.

— ווייל דו ביסט אויך אַ חיט, דענקסטו אַזוי. דו הויבסט דאָך ניט אָן צו וויסן פון דאַנען אַהין! — האָט בערקע זיך גע'כעס'ט.

שלמה האָט זיך כלומר'שט צעלאַכט:

— רב בערקע, איך קאָן פונקט אזוי גוט לייענען דעם בלאַט, ווי איר! אדרבא, זאָגט אז ניט . . .

דאָס האָט שוין בערקע גאָר ניט געקאָנט פאַרטראָגן. ער האָט א שליידער געטאָן די צייטונג און אוועק.

שלמה האָט אים לאַנג נאָכגעקוקט. אים האָט שוין באַנג געטאָן, וואָס ער האָט דעם געוועזענעם סטאַראָסטע דערצאָרנט. קיין גוטס קאָן אים שוין ניט דערוואַרטן. ער האָט אַזוי אַ ווײַלע געטראַכט און באַלד געקומען צום געדאַנק, אַז אָפּשווייגן וועט ער בערקע'ן קיינמאָל ניט. ער האָט אים ערגעץ אַנדערש . . . אויס שנײַדער וועט אים דאָך בערקע ניט מאַכן . . .

אויף מאָרגן איז בערקע ווידער געקומען לייענען די צײַטונג און זיך ניט ווײַסנדיק געמאַכט וועגן נעכטן . . .

אַלע פיר זין, בערקעס, זײַנען געווען אויסגעגעבענע. אַלע פיר האָבן געהאַט קינדער. און די אַלע פאַמיליעס האָבן געצויגן זייער חיונה פון דער איינער גרויסער יאַטקע. אַרבעט אַרום דער קראָם איז געווען איבערן קאָפּ. האָבן זיי באַשלאָסן אָנצושטעלן אַן אַרבעטער. איז דער בכור, פיניע, אַוועקגעפאָרן אין אַ דערבײַיאיק שטעטל און אַרונטערגעבראַכט אַן אַרבעטער. איז ער געווען שטיל ווי אַ טויב און גערולדיק ווי אַן אָקס. געהאַלטן האָט ער זיך זייער ריין, און דער עיקר: ער האָט געטאָן וואָס די ברידער האָבן באַפוילן. די שכירות זײַנען געווען 3 רובל אַ חודש מיט עסן — יעדע וואָך בײַ אַן אַנדערן ברודער . . .

דער טאָג אַרבעט איז באַשטאַנען: יעדן פרימאָרגן טרײַבן די קי אין דער טשערעדע אַרײַן; אַרײַנבערענגען די פלייש פון דער בוינע; צעטראָגן אַלע באַשטעלונגען צווישן די רײַכע איבערן גאַנצן שטעטל. אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט די דאָזיקע אַרבעטן, האָט ער גע־כאַפּט אַ בעזים און אויסגעקערט אַלע שטיבער פון זײַנע באַלעבאַטים, וועלכע האָבן געוואוינט ניט ווײַט פון דער קראָם.

אָט אַזוי האָט יאָסל דער רויטער, זייער שיק־יונג, געאַרבעט אַן אַ רעכענונג און קיינמאָל ניט געקוקט אויף קיין זייגער. אָפּטמאָל האָט ער אַ שטיקל קרעכץ געטאָן אונטער אַ שווער זײַטל פלייש, אָבער קיינמאָל זיך ניט באַקלאָגט. יעדן פרײַטיק, אָדער ערב יום־טוב, האָבן זיי אים געשיקט צום פאָטער זייערן אָפּצופוצן די שיך. שוין אַן אַלטער מאַן, דער טאַטע, איז וואָס זעט זיך דאָס אָן בײַ אַ יונגן בחור, ווי יאָסל?

אַז יאָסל האָט שוין געהאַלטן אין פוצן דעם אַלטן בערקעס שיך, האָט ער אים שטילערהייט אונטערגעשטעלט דער אַלטערס שיך אויך:

דער שור־וואקס איז דאָך ניט פאר יאָסל'ס געלט — האָט זיך בערקע געטראכט . . .

דער אינגערער ברודער, זלמן, האָט עטלעכע מאָל געגעבן אָנצור־הערעניש: היות ווי יאָסל איז א „פּאַסלושני" ארבעטער, איז ניט מער ווי רעכט, אז מען זאָל אים געבן נאָך א רובל א הוספה.

אויף דעם האָט פיניע, דער בכור, געענטפערט: — אז ער שווייגט, לאָמיר אויך שווייגן! — אָט אזוי איז אלץ פארבליבן ווי געווען . . .

איינמאָל, אין א שבת נאָכמיטיק איז יאָסל געגאנגען שפּאצירן הינטער דער שטאָט אויף דער טאָלעקע. ער האָט א צופרידענער באטראכט זיינע נייע, געלע שיך, וואָס ער האָט זיך געקויפט, און שטאָלצירט מיט זיין פארעסינענעם גראניטער, וואָס ער אליין האָט אויסגעוואשן און אויסגעפּרעסט. די פּאָלעס דרייען זיך אביסל, ער דארף זיי אָפּט צוגלעטן מיט די ווארימע הענט, נו, פילט ער זיך טאַקע אביסל געפּאַלן ביי זיך קעגן די אַנדערע, אויסגעפּוצטע פּאַרלעך. אפשר דערפאר האָט ער זיך אונטערגעזונגען, געוואָלט זיך מאכן הארץ...

פלוצים האָט ער דערזען אויפן באַגרינטן בערגל, אין א קרייז, זיצן מענטשן. האָט ער זיך מישב געווען: ער וועט זיך אויך צוזעצן דאָרט. וואָס וועט ער זיך אזוי ארומדרייען אַהין און צוריק? בסך־הכל האָט ער זיך ניט צו וועמען צוצוקלעפּן! ער איז איינזאַם ביז גאָר! געטראכט האָט ער שוין לאַנג, אז ווען ער וועט האָבן נייע מלבושים, וועט ער מוזן אָנהויבן רעדן, חבר'ן זיך מיט מענטשן. דערווייל, אָבער, איז ער ביי זיך געפאַלן . . .

אויפן בערגל האָט זיך יאָסל דערפילט זייער גוט. דאָ זיינען געווען אלץ סאַמע אזעלכע וואָס ארבעטן פאר יענעם, אזוי ווי ער. אינדערמיט פון דעם קרייז איז געזעסן יאשע דער קאמאשן־שטעפּער, וועלכער איז ערשט ניט לאַנג צוריק ארונטער געקומען פון א גרויסער שטאָט. יאשע האָט גערעדט. ארום איז געווען שטיל, שאַ! אלע האָבן זיך צוגעהערט. דאָס לייכטע ווינטל האָט זיינע לאַנגע האָר צעפּאַטלט און יאשען האָט דאָס ניט אָנגעהויבן צו אַרן. ער האָט גערעדט מיט פייער. געבויגן זיך דאָ אהער, דאָ אהין! אָפּטמאָל האָט ער געזאָגט ווערטער אזעלכע, וואָס זיי האָבן ניט אָנגעהויבן צו

פארשטיין. זיך איבערגעקוקט: דו ווייסט וואָס ער מיינט? איך ניט! האָבן, אָבער, אַלע פארשטאנען, ווען ער האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן גרינדן דאָ אין שטעטל אַ סאָיוז: אַלע ווילן דאָך ארבעטן אביסל ווייניקער און פארדינען אביסל מער! ווי אזוי מאכט מען עס?

יאָשע האָט גערעדט און יאָסל האָט אָפטמאָל געפּילט ווי צוגיין אים קושן: אַ קליינקייט, ווען מען ווייס פריער וויפל שעה אין טאָג מען וועט ארבעטן. ביי יאָסלען האָט זיך געשאָקלט די דעה: גע־טראכט זיך: ווער וויים צי קאָן מען עפּעס אויספירן ביי זיינע באַ־לעבאָטים. זיי זיינען דאָך אזעלכע שלעגער. פונדעסטוועגן איז ער ממש גערירט געוואָרן ביז טרערן, ווען די פארזאמלטע האָבן גע־שוואוירען צו האַלטן אחדות און העלפן איינער דעם צווייטן. דער־נאָך האָט יאָשע זיי אויסגעלערנט אזעלכע לידער, וואָס יאָסל האָט נאָך ביז אהער ניט געהערט.

אהיים גייענדיק האָט יאָסל געהאט דאָס געפיל פון אַ חולה, וועל־כער האָט נאָרוואָס פארלאָזט דעם דאָקטאָר. אין קעשענע איז שוין פאראַן דער נויטיקער מעדיצין פאר זיין קראנקהייט . . . אין זיינע אויערן האָבן געהאַלטן אין איין אָפּקלונגען די ווערטער, וואָס יאָשע האָט געזאָגט: אַן ארבעטער האָט מורא אַ וואָרט אויסצורעדן פאר זיין באַלעבאָס, ווייל ער איז עלנט. דערווייל דענקט דער באַלעבאָס, אז דער ארבעטער איז צופרידן. יאָסל האָט געפילט, אז דאָס מיינט יאָשע טאַקע נאָר אים . . .

אין שטעטל האָט מען אַ סך גערעדט וועגן סאָיוז. אייניקע באַ־לעבאַטים האָט גע׳חוזק׳ט: — וואָס מאכן זיי זיך נאַריש? מען שטופּט זיך אויך צווישן גרויס־שטאָטישע! — בערקע האָט זיך גערייצט מיט שלמה דעם שניידער: — דיינע באָרוועסע לייט וועלן נאָך ביי מיר אין אָסטראָג גיין . . .

אנדערע באַלעבאַטים האָבן זיך באַצייטנס אָנגעהויבן דורכשמועסן אין גוטן מוט מיט זייערע באַלמעלאָכעס. זיי האָבן מורא געהאַט, אז מען זאָל ביי זיי די ארבעט ניט אָפּשטעלן פּונקט ערב יום־טוב...

יאָסל האָט אָנגעהויבן קריגן קוראַזש. ער האָט אָנגעהויבן געבן אָנצוהערעניש, אז ער איז ניט מער ווי אַ מענטש, און אים איז שווער צו ארבעטן פאר פינף פאַמיליעס. פּיניע האָט ניט געוואָלט הערן אזא באמערקונג:

— מיר האָבן דיר געדענקט צו געבן א הוספה, איצט וועסטו קריגן א פייג.

א צווייטן מאָל האָט זיך אַן אַנדער ברודער צעשריען:

— שבת נאָכן קוגל ווען מיר צייט האָבן מיט דיר צו רעדן...

אַז אין שטעטל זיינען שוין א סך ענדערונגען פאָרגעקומען, איז יאָסל געקומען, געזאָגט מיטן הארבן וואָרט: מער ווי צוועלף שעה א טאָג האָט ער ניט קיין כוח צו ארבעטן . . . ער וויל זיין אביסל פריי! ער וויל . . .

פיניע האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן לאַכנדיק. דערנאָך גע־רופן א צווייטן ברודער:

— הער נאָר, מאָטיע, זאָלסט מיר נאָר געזונט זיין, קום אהער! יאָסל דער שטומער האָט זיך דאָס אביסל צערעדט. גיי הענג אים אויף א זייגער און פארשרייב אים ווען ער קומט אריין, און ווען ער גייט אוועק. ער טאָר מער ניט ארבעטן ווי צוועלף שעה, דו הערסט?

און מאָטל האָט זיך א וויצל געטאָן:

— אפשר איז ער בלעמ'ס אייזל, וואָס האָט פלוצים אָנגע־הויבען צו רעדן? . . .

דער אינגסטער ברודער, זלמן, האָט זיי שטיל געזאָגט, אַז איצט זעען זיי שוין, אַז ער האָט געהאַט רעכט. מען האָט גע־דארפט אים שוין לאַנג פארשטופן דאָס מויל מיט א קערבל אויפן חודש . . .

יאָסל האָט געלאָזט פאַלן א וואָרט, אַז איצט איז ניט פריער. ער איז דאָך ניט דער איינציקער: צי האָבן זיי דען ניט געהערט פון דעם סאָיוז?

ביים וואָרט „סאָיוז", האָבן אַלע ברידער אויפגעשטורעמט. די אויגן ווי ביי טיגערס: סטייטש, ביי בערקע'ן, דעם געוועזענעם סטאַראָסטעס זון, זאָל מען וועלן איינפירן א סאָיוז!

מאָטיע איז צוגעלאָפן צו יאָסלען און אים געפאָכעט מיט א קולאַק פאר די אויגן:

— וועסט שוין היינט ארבעטן ביי מיר ביז צען אזייגער, סאָיוזניק מיינער!

— אַז איך קאָן דיר גאָר ניט, — האָט פיניע געשריען. —

איך האָב דאָך דעם קאָנטראַקט גאָר מיט דיין טאַטן געשלאָסן. ווי קומסטו אינגאַנצן צו רעדן? שרייב דיין טאַטן א בריוו, זאָל ער קומען. לאָמיר טאַקע הערן צי האָט ער אויך טענות? א מבין? עס האָט אָנגעטאָן א פּאָר נייע שיך, בונטעוועט עס זיך שוין!...

ארום 8 אזייגער, ווען פון די אַנדערע קראָמען האָבן די אָנ־געשטעלטע זיך אין גאַס באוויזן, האָט יאָסל זיך אויך גענומען אָנטאָן.

פּיניע האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ און פּלוצים א זאָג גע־טאָן:

— כ'האָב שיעור נישט פארגעסן, גיי צו צו כאַצקלען און ברענג מיר די לעמעלעך!

— איך וועל שוין גיין נאָך זיי אינדערפרי! — האָט זיך יאָסל געדונגען.

— ניין, איצט וועסטו גיין! מיר וועלן דיר ארויסקלאַפּן דעם סאָיוז פון קאָפּ! . . .

— וואָס רעדט איר? עס וועט דאָך מיר נעמען אפשר 3 שעה צייט! איר שפּילט מיט מיר צו־להכעיס; וואו איז יושר?

— מען הייסט דיר גיין, דארפסטו פאָלגן, — האָט זיך מאָטיע צעשריען — צו ווערמען דענקסטו רעדסטו, צום טאַטן דיינעם?

יאָסל האָט דערפילט דעם חוזק און ער האָט מיטן הארבן וואָרט געזאָגט, אז ער וועט איצט ניט גיין, און זיך געלאָזט צום טיר.

מאָטיע איז אים נאָכגעלאָפן, א כאַפּ געטאָן אים ביי די הענט, צוריק געשלעפּט, אריינגעשליידערט אין דעם פינצטערן קעמערל, וואו די פּליישן ליגן, און אים אָנגעהויבן דערלאַנגען אין די זייטן אריין, אין פּנים אריין, און בעת מעשה צוגעזונגען: ווילסט נאָך א סאָיוז? ווילסט נאָך א סאָיוז? . . .

יאָסל האָט צעלאָזט זיין שטימע אויף די העכסטע אָקטאַוועס, גערופן נאָך הילף, נאָר זיין קול האָט דעם דרויסן ניט דערגרייכט, געבליבן הענגען אויף די פארבלוטיקטע ווענטלעך פון דעם פאר־שטיקטען קעמערל . . .

אויף מאָרגן האָבן זיך די ארבעטער דערוואוסט, אז יאָסל גע־פינט זיך אין שטאָטישן שפּיטאָל. די „ברידער פון שכם", זיינע באַלעבאַטים, האָבן אים צעשלאָגן. זעלטן וואו האָט מען געזען

א פריקאזשטשיק עפענען א קראַם. עס האָט אויסגעקוקט, ווי דאָס גאַנצע שטעטל איז דאָ לעבן דער יאַטקע, וואו יאָסל האָט ערשט נעכטן געארבעט. די ברידער האָבן עטלעכע מאָל שוין געמאַכט א פאַרזוך די קראָם צו עפענען, אָבער אויפגערעגטע אַר־בעטער לאָזן ניט. יאשע דער קאַמאַשן־שטעפּער שטייט פּנים־אל־פּנים מיט דעם הויכן בכור, פיניע, און פאָדערט דין־וחשבון: זאָל ער זאָגן פאַר אַלעמען, למאי האָט ער דעם ארבעטער צעשלאָגן. פיניע זעט אוים אומבאהאָלפן, כעס און מורא מישן זיך ביי אים אין קאָפּ. מאָטיע קומט אים באַלד צו הילף:

— ווער ביסטו, דו פרעמדער רוח, וואָס מען דאַרף דיר געבן ראַפּאָרט?

געשרייען טראָגן זיך אין דער לופטן:

— בויאַן, נעם צו די הענט פון אים! — און יאשע אַליין זאָגט אויך מיט א צעקרימטן שמייכל:

— מיין טייערער שפּילפויגל, איך בין ניט יאָסל...

די צוויי שטעטלדיקע סטראַזשניקעס מיט די סאָבלען זיי־נען שוין מיד געוואָרן דעם עולם צו טרייבן. דער אוריאַדניק איז שוין הייזעריק געוואָרן פון שרייען מען זאָל זיך צעגיין. די ברידער קוקן מיט זשעדנע אויגן צו זייער פאַרשלאָסענער יאַטקע: וואָס וועט פון דעם היינטיקן פלייש ווערן? וואָס וועלן די קונאים זאָגן?

זלמן קוקט אויף פיניע'ן: זע נאָר א קאַשע ער האָט פאַר־קאָכט? ער וואָלט וועלן זאָגן מאָטיען, אז ער איז א גרויסער לאָם. מ'וואָלט אים געדאַרפט הענט און פיס בינדן; קוק אים נאָר אָן, ווי נעבעכדיק ער זעט אוים אצינד . . . זאָל נאָר די סומאַטאָכע אַרי־בער, וועט ער זאָגן זיינע ברידער: ער וויל מיט זיי קיין שותף ניט זיין . . . ער וואָלט אויך וועלן א קוק טאָן אויף יאָסלען. וואָס וועט זיין, אויב ער וועט דאָרט אין שפּיטאָל שטאַרבן, וועט די אחריות פאַלן אויך אויף אים?

יענעם פרימאָרגן איז שוין משה צו בערקע'ן דעם שניט־קרעמער ניט געגאַנגען: אזא חוצפּה! די באָרוועסע וועלן זיינע קינדער ניט לאָזן עפענען די קראָם! אָט וועלן מיר שוין באַלד זען! ער האָט א כאַפּ געטאָן זיין שטאָק מיטן זילבערנעם קאָפּ, אָנגעטאָן

זיך יום־טוב׳דיקע קליידער און אוועק צום פריסטאוו. אַט וועלן באַלד די זין טאַקע זען ווי נוצלעך דער טאַטע זייערער איז אין א נויט!

ווען מען האָט זיי, בערקע׳ן מיטן פריסטאוו דערזען פונווייטן, האָבן זיך דערהערט אויסרופן:

— שאַט, אַט גייט דער אדון!

אז די קלענערע נאַטשאַלסטוואָ האָבן דאָס דערהערט, זיינען זיי שטייפער געוואָרען, געלאָזט זייערע שטימען הערן העכער. אפי־לו זייערע שווערדן ארויסגעצויגן . . .

יאַשע איז געווען דער ערשטער צו „פאַרזוכן דעם טעם" פון דעם פריסטאַווס נאַגאַיקע. געפאָרן מיט דעם אויף זיינע פּלייצעס, אויף זיין האַלדז, אויף זיין ברוסט. צושויער האָבן ווי פון קעלט געציטערט. פרויען האָבן געוויינט: ס׳אַ רחמנות! . . . פאַרוואָס אַנטלויפט ער ניט? בייזע בליקן האָבן די ברידער געשפּיזלט. דאָ און דאָרט האָט זיך געטראָגן א שאַרף קול:

— מוסרים! מוסרים! ס׳וועט אייך ניט געשענקט זיין! . . .

דער פריסטאוו האָט געיעבצט אויף די סטראַזשניקעס, אז זיי זאָלן גלייך ארעסטירן דעם בונטאָווטשיק. ער קאָן פשוט אויף אים ניט קוקן. יאַשע האָט זיך געשטעלט קעגן זיי, האָט שוין דער פריסטאוו ארויסגעצויגן זיין רעוואָלווער, אויפגעהויבן אין דער לופטן און געסטראַשעט: ער וועט שיסן. דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן אָפּרוקן. דער פריסטאוו האָט די ברידער מיטן פאָטער בערקע צוגעפירט צו דער קראָם: זאָלן זיי גלייך עפענען. אז ווי וועט זיין צו דעם, וואָס וועט מאַכן א פאַרזוך צו שטעלן זיך קעגן!...

אייניקע געוואַגטע האָבן בשום אופן ניט געלאָזט די סטראַזש־ניקעס צו רירן זייער באַליבטן יאַשען: זאָל מען בעסער אַלעמען ארעסטירן!

יאַשע האָט זיך ארויסגעריסן פון זייערע הענט. געדאַכט האָט זיך, אז ער וועט אַנטלויפן. אָבער איידער מען האָט נאָך צייט געהאַט זיך אומקוקן, איז שוין יאַשע געווען לעבן פריסטאוו, ארויס־געריסן דעם רעוואָלווער פון זיינע הענט און מיט כעס ביי אים פון רעכטן אַקסל אָפּגעפליקט א שליפע. דער פריסטאוו איז גע־

וואָרען שטאַרק צעטומלט. געוואָלט ביי אים צוריקכאַפּן דעם רע־וואָלווער, איז אים דאָס היטל מיט דער קאָקאַרדע אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. ס׳איז געוואָרן אַ געלעכטער. די געוואַגטע האָבן זיך גלייך גענומען צו די סטראַזשניקעס, צו די ברידער. פויסטן האָבן זיך באַגעגנט, בלוט פון פּנים׳ער האָט גערונען. פרויען האָבן איצט פּשוט געגוואַלדעוועט. קרעמער ארום האָבן זייערע קראָמען פאַרמאַכט. געבראָכן זיך די הענט:

— אַזעלכעווילדע ברואים! נאַטשאַלסטוואָ גאָר שלאָגן! זעט ווי בלייך דער פּריסטאַוו איז.

— אַ רחמנות, וואָס קאָן מען טאָן? — און ווידער הערן זיך פרויען שטימען: דו חיים, מיש זיך ניט! בערל, קום אריין אין שטוב, ס׳עט נאָך ווערן אַ פּאָגראָם! . . .

— די שעה זאָל ניט זיין! . . . — האָבן עטלעכע שטימען אָפּ־געקרעכצט.

---

אויף מאָרגן, ווען ס׳איז שוין געווען נאָך אַלעמען, האָבן די ברידער צוגעזאָגט אויסשטיין אַלע הוצאות פון דעם צעשלאָגענעם אַרבעטער, יאָסל. אַז ער וועט געזונט ווערן, וועלן זיי האַנדלען מענטשלעך מיט אים. אַזוי ארום האָבן זיי די יאַטקע צוריק גע־עפנט.

בערקע מיט די חשוב׳ע באַלעבאַטים פון שטעטל זיינען גע־קומען צום פּריסטאַוו אין קאַנצעלאַריע און אונטערטעניק גערעדט:

— וואַשע וויסאָקאָ בלאַגאָראָדיע, מיר זיינען גאָר ניט שולדיק, וואָס מ׳האָט אייער כבוד גערירט . . . אָט האָט איר דאָ די נע־מען פון די בונטאָוושטשיקעס!

דער פּריסטאַוו איז געזעסן טיף פאַרקלערט. זיין שטערן האָט זיך גערונצלט. ער האָט, ווייזט אויס, פאַראיבל געהאַט, וואָס זיי האָבן אים אָן דעם נעכטן דערמאָנט, ווען זיין מאכט האָט זיך אונטער אַלעמענס פּיס געוואַלגערט . . . ער האָט זיך אויפגע־שטעלט און זיי באַפוילן צו גיין אהיים און זיין רואיק. אַלץ וועט געבראַכט ווערן אין דער בעסטער אָרדענונג . . .

די זעלביקע באַלעבאַטים האָבן זיך יענעם אָוונט פאַרזאַמלט ביי בערקע׳ן אין הויז, געהאַלטן אַ לאַנגע אסיפה: עפּעס זעט דער

פּריסטאוו אויס דערשלאָגן. ער האָט שוין ניט דעם פריערדיקן שטעל אין זיך: אפשר שיקן אַ דעלעגאַציע אין אויעזד אריין?

די ברידער מיט צעדראפּעטע פּנים׳ער זיינען געזעסן מיט די קעפּ געבויגן, געשעמט זיך וואָס זיי האָבן צום ערשטן מאָל אזא אָפּשניט געכאפּט. דער איינגערער ברודער, זלמן, האָט עטלעכע מאָל שוין באשלאָסן צו זאָגן אלעמען, אז זיינע ברידער זאָלן דאָס „גוט״ הערן: היינט טאָר מען זיך ניט כאפּן שלאָגן. ס׳איז א סכנה... ער האָט זיך, אָבער, ניט געוואָלט צופיל פּארקריגן מיט זיי. דער בכור, פּיניע, האָט אים שוין היינט אויפגעוואָרפן, אז ער וועט נאָך גיין קעגן זיי אלעמען, זיך שטעלן אויף דער זייט פון די בונטאָווער־שטשיקעס.

ווען די פּארזאמלטע האָבן זיך שוין געקליבן גיין אהיים, האָט בערקע ווי פון יוצא וועגן א ברום געטאָן:

— עך, עך, סוואָלאָטשעס אזעלכע, נישטאָ ביי זיי קיין אָפּשיי פאר נאטשאלסטוואָ! אלץ איז ביי זיי הפקר! מ׳עט זיי דארפן וויזן ווער עלטער איז . . . הא, וואָס זאָגט איר?

קיינער האָט מער קיין וואָרט ניט גערעדט, נאָר יאוש׳דיקע איז מען געגאנגען אהיים.

# אזא חוצפה

עליק דער שוסטער איז געזעסן טיף געבויגן ביי זיין ווערקשטאט. דער גוף זיינער האט אויסגעזען ווי א קנויל. ער איז געווען מיד נאך פון פאריקער נאכט. ער האט זיך אפילו ניט אויסגעטאן צו גיין זיך לייגן שלאפן, ווייל שבתי, דער נגיד פון שטעטל, האט באפוילן, אז זיינע לאקירנדיקע שטיוול מוזן נאך היינט פארטיק ווערן: אלע ארבעטן זאל ער אוועקלייגן, אז ניט . . .

דער סטראשונאק האט עליק'ן ניט געלאזט רוען. ער טאר בשום אופן ניט אנווערן דעם נגיד! קיין סך בעלנים אויף נייע שטיוול זיינען אין שטעטל ניט פאראן. זיינע אלע קענטעניש האט ער אין זיי אריינגעלייגט, אפשר וועט דער נגיד אים א גוטן שם מאכן . . . ער האט אויסגעדרייט זיין מידן קאפ צו זיין פרוי:

— חנה, איך בעט דיך, שטיל איין די קינדער, זאלן זיי אויפהערן צו וואויעוועןǃ דער קאפ גייט ביי מיר אזוי אויך כאדאראם...

די פרוי האט די קינדער געגלעט איבער די קעפלעך:

— ניט פאר תענוג וואויעוועט זיי . . .

— איך ווייס! איך ווייס! — האט עליק כמעט מיט געוויין געענטפערט, — פאר וועמען יאג איך זיך די נשמה ארויס? פאר וועמען? . . .

די פרוי האט אים צוליב געטאן. אוועקגעזעצט זיך מיט די קינדער אויפן ערדענעם דיל, דערציילט זיי, אז דער טאטע מאכט פארטיק א פאר שטיוול פארן גביר . . . באלד וועט יענער קומען, געבען געלט א סך, וועט זי גיין אין מארק אריין, קויפן ברויט, רויטע עפעלעך, און מעל אויף שבת . . . פאר יעדן פון זיי וועט זי א קוילעטשל באקן . . .

די קינדער מיט גלאנציגע טרערן אין די אויגן, האבן געקוקט דער מאמען אין מויל אריין, און באצייטנס געלעקט מיט די צינגלעך זייערע בלאסע ליפעלעך . . .

עליק האט געצויגן א טרויעריקן ניגון. פון צייט־צו־צייט האט ער געכאפט א זייטיקן קוק אויף זיין פאמיליע און ווידער פארטיפט זיך אין זיין ארבעט, נאך מיט מער טרויער אין זיין געזאנג,

געשלעפּט שטיפּטלעך פון מויל, און כעס׳דיק געקלאַפּט מיטן האַמער אין די פאַדעשוועס . . .

די טיר האָט זיך געעפנט. שבתי דעם נגיד׳ס משרת איז גע־קומען.

— פּונקט אין צייט — האָט עליק פריילעך אויסגערופן און זיך גענומען שאַפן מיט דער פרוי: — חנה, זיי־זשע מוחל, דער־לאַנג דעם מענטשן א בענקל. געדערט האָט ער ווי צו זיך אַליין: — אָט פּוץ איך זיי נאָר צו אביסל. ער האָט זיך אויסגעדרייט צום משרת: — איך זאָג אייך, צוויי שפּיגלעך . . .

די פרוי איז שוין געשטאַנען גרייט מיט איר שאַל אויף די אַקסלען. ס׳עלטסטע אינגעלע האָט אויף א סאָפּראַנע־שטימעלע אויסגעזונגען:

— די מאַמע גייט אין מאַרק אריין ברענגען רויטע עפּעלעך...

די קינדער האָבן אין א רעדל צעטאַנצט זיך פאַר פרייד.

עליק האָט די פּאַרטיקע גלאַנציקע שטיוול א ווײַלע אין די הענט געהאַלטן, ווי אים וואָלט געוועז א שאַד אזא מלאכה אוועק־צוגעבן . . .

דער משרת האָט די שטיוול גענומען, און שטאַרק גערירט גע־וואָרען, ווען ער האָט פאַר זיך דערזען עליקס בלייכע האַנט אויס־געשטרעקט. ער איז געבליבן זיצן ווי צוגעקלעפּט צום בענקל. גע־קוקט אויף עליק׳ן, אויף דער פרוי מיטן שאַל אויף די אַקסלען, אויף די טאַנצנדיקע קינדער:

— כ׳האָב ניט געבראַכט קיין געלט . . . — האָט ער די ווער־טער ווי ארויסגעוויינט: — נאָך שבת, האָט דער רב שבתי געזאָגט.

עליק׳ס האַנט האָט ווי אָן לעבן אָנגעהויבן ארונטערזינקען. די פרוי איז געבליבן שטיין א פאַרלאָרענע. בייזע ווערטער האָבן זיך פון איר האַלדז געריסן, געבעטן זיך צו לאָזן זיי אויף דער פריי. זי האָט זיך, אָבער, צוריקגעהאַלטן. אפנים דערפילט ס׳האַרץ פון דעם משרת . . . ער האָט שוין אזוי אויך אויסגעזעזן גענוג דער־שלאָגן. זי האָט אָנגעהויבן ציען עליק׳ן פאַרן ארבל, געשושקעט אים אין אויער אריין: זאָל ער די שטיוול צוריקנעמען! דער נגיד קאָן באַצאָלן היינט . . .

עליק האָט זיך אָן אויפהער געדרייט אויף זיין בענקל, געצויגן

מיט די אַקסלען און געטראַכט: ווי אַזוי קאָן ער דעם נגיד אָפּ־זאָגן? צוריק געשמועסט, וועט דאָך די פרוי זיינע, אַזאַ האַנדלונג אים קיינמאָל ניט מוחל זיין . . . איז וואָס־זשע זאָל ער טאָן?

דער משרת האָט זיך געלאָזט גיין. די פרוי האָט עליק'ן ניט אויפגעהערט צו שפּיזלען מיט אירע אויגן. עליק האָט ווי באַשלאָסן מער ניט צו טראַכטן. גלייך אָנגעיאָגט דעם משרת, אָוועקגעלייגט זיינע בלויע אָדערדיקע הענט אויף די שטיוול. ער האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט. געבליבן שטיין מיט די שטיוול, געהאַלטן זיי ביי די גרינע אויערלעך און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיי . . . עפּעס ווי מורא געהאַט פון די הענט אָוועקצולייגן . . .

דער משרת האָט אויסגעזען צופרידן וואָס עס האָט זיך אַזוי געמאַכט: זאָלן זיי טאַקע וויסן, אַז ער האָט ניט געהאַט קיין חשק צו גיין אַהער אָן געלט. נאָר אַ מענטש ביי יענעם מוז פאָלגן . . . ער'ט שוין שיקן מזומן, — האָט דער משרת געטרייסט, איידער ער איז אַוועק.

— וואָס וועט איצטער זיין? — האָט די פרוי מיט אַן ערב־חלשות קול געפרעגט.

די קינדער האָבן זיך צו איר קלייד געטוליעט: פאַרוואָס גייט זי ניט אין מאַרק אַריין? ס'וועט דאָך באַלד קיין רויטע עפּעלעך מער ניט בלייבן . . .

עליק איז צוריק געזעסן אויף זיין נידעריק בענקעלע מיט די שטיוול אויפן שויס. זיין מידער קאָפּ האָט זיך ווי אין אַ תפילה געשאָקלט. ער האָט געטראַכט, אַז פאַריקע נאַכט האָט ער פאַר־נוצט דאָס לעצט ביסל נאַפט, אַלץ אויפן נגיד'ס שטיוול. ער איז געזעסן ביי דער אַרבעט אַזוי לאַנג, ביז זיינע הענט זיינען אים אַזוי מיד געוואָרן, אַז דאָס העמערל האָט זיך אַרויסגעגליטשט. ער איז איינגעשלאָפן ביים וואַרשטאַט. ווען ער וואָלט נאָך געווען אַ בטוח ביי בערקע דעם שענקער, וואָלט ער זיך איצט אַהין אַריינ־געכאַפּט נאָך אַ טרונק בראָנפן. ס'איז אים צופיל אָנגעזאָלעט אויפן האַרצן . . . ער קאָן ניט פאַרליידן די היינטיקע נגידים, זיי לאָזן דיך פּשוט ניט לעבן . . . אָט ליגן אַלטע שיך צו פאַרריכטן, די אָרימעלייט דאַרפן זיי אַזוי נויטיק און ער האָט קענן זיי געזינ־

דיקט . . . ער וואָלט זיך איצט וועלן נעמען צו דער ארבעט, אָבער ער קאָן ניט . . .

די קינדער, אז זיי האָבן דערזען ווי די מאַמע זייערע האָט אוועק־געשליידערט דעם שאַל פון זיך, האָבן ווי דערפילט אז עפּעס גייט פאָר. די קלענערע ברידערלעך האָבן געוואָלט וויינען, אָבער ס'על־טערע ברודערל האָט אָפּגעראָטן: זעט ווי דער טאַטע זעט אויס! זעט ווי די מאַמע ליגט אין בעט!

אַלע האָבן זיך כמעט אויף די שפּיץ נעגל צו דער מוטערס בעט צוגעשאַרט און געגלעט איר. אַלע זיינען געווען שאַ, שטיל!

די טיר האָט זיך פּלוצים מיט שטורם אָן עפן געטאָן. דער נגיד, שבתי, האָט זיך אריינגעשטעלט. גלייך ביים טיר האָט ער אויסגעשריען:

— וואו זיינען מיינע שטיוול?

עליק האָט זיי אים אנטקעגן געטראָגן. זיין גוף האָט זיך גע־הוידעט ווי ער וואָלט שיכור געווען. ער האָט אָנגעהויבן שטאַמלען:

— איר'ט מיר מוחל זיין, רב שבתי . . . טוט א קוק אויף די קינדער . . . ערב שבת . . .

— אז איך פרעג ביי דיר ניט! — האָט שבתי אים איבער־געשלאָגן, זיך ברייטלעך געכאַפּט צו דער קעשענע, ארויסגעשלעפּט עטלעכע זילבערנע קערבלעך און זיי א שליידער געטאָן אויפן דער־בייאיקן טיש. די זילבערנע מטבעות האָבן זיך געקייקלט פון טיש אויף דער ערד ארונטער און גלייך אונטערן בעט. די קינדער האָבן זיך א לאָז געטאָן אויפקלייבן די מטבעות. ס'מוזיניקל האָט גע־שריען, אז מען זאָל אים אויך לאָזן כאַפּן איין קערבל.

שבתי, איידער ער האָט די טיר הינטער זיך פארמאַכט, האָט מיט זיין גאַנצן כוח אריינגעשריען צו עליק'ן:

— אַזאַ חוצפּה!!!

---

# דער עם־הארץ...

שיקע בעל־העגלה האָט שטאַרק געסאָפּעט, בעת ער האָט אַרי־בערגעטראָטן די שוועל פון רב יוסי שוחט, וועלכער איז אויך געווען דער וואוכערניק פונעם שטעטל. שיקע איז דעם גאַנצן וועג אהער געלאָפן. קיינער האָט זיך אויף דעם ניט גע׳חידוש׳ט, ווייל אַלע אידן, אפילו ניט־אידן, האָבן געוואוסט, אַז זיין פרוי נעכע איז מסוכן קראַנק. דער דאָקטאָר האָט באַפוילן אַוועקצו־פירן איר אין דער גרויסער שטאָט אריין צום דאָרטיקן פּראָפע־סאָר, אויסצוגעפינען די געהיימניש פון איר קראַנקהייט. איז שיקע געלאָפן אהער, צו יוסי שוחט, באָרגן געלט.

שטעטלדיקע מענטשן זיינען אויף די גאַניקעס געשטאַנען, בעת שיקע איז דורכגעלאָפן, און האָבן אים באַדויערט: אַן אָרימאַן זאָל גאָר ניט געבוירן ווערן. אין רייכן גראַד, וואָלט מען שוין דער פרוי געווען דערראַטעוועט: אזא פּראָסטער מענטש, לייגט ער איין וועלטן צו ראַטעווען זיין פרוי . . .

שיקע האָט, בעת ער איז שוין אין הויז געווען, איינגעהאַלטן דעם אימפּעט: יעדע מינוט איז טייער, אָבער ווי אזוי קאָן מען אַוועקרייסן אזא בכבוד׳יקן אידן פון א ספר? ווי פאַרטיפט ער איז דאָס! געדאַנקען האָבן אין שיקעס מוח געוואַלדן געמאַכט: וואָס שטייט ער ווי א גולם? זיין פרוי איז בילכער ווי דאָס לערנען. שלאָג אים איבער, ביי אים איז דאָך ניט קיין סכנה! . . . אָבער שיקע האָט אַלץ אין זיך גובר געווען. ער איז געשטאַנען ווי א סאָלדאַט פאַר זיין עלטסטן. אין די אויגן האָבן זיך אים טרערן געשטעלט. ערשט ווען רב יוסי האָט אויפגעהויבן זיינע פרומע אויגן, און בנעומת׳דיק פאַרמאַכט דאָס ספר, איז שיקע אריין טיפער אין שטוב, און ארויסגעפּלאַצט:

— גוטער מענטש, העלפט מיר ראַטעווען מיין פרוי! דער דאָקטאָר האָט געזאָגט . . . — מער האָט שיקע ניט געקאָנט רעדן. ער האָט זיך צעוויינט ווי א קינד.

רב יוסי איז אויפגעשטאַנען, אויסגעגלייכט די פּאָלעס פון זיין לאַנגן, גלאַנציקן כאַלאַט, צוגעקומען נאָענט צו שיקען און אים געגלעט איבער די פּלייצעס:

— נו, בארואיק זיך, און דערציייל מיר דיין בקשה.

שיקע האָט מיט א פּאָר שוין־לאַנג־ניט־געוואשענע פינגער, גע־ווישט די טרערן פון די אויגן־ווינקלען, זיך געשטארקט און ווידער גערעדט:

— רב יוסי, איך וועל ביי אייך א קנעכט ווערן, אבי ראַטע־וועט! איך דארף האָבן א פופציקער. דער דאָקטאָר האָט באפוילן גלייך היינט אָפּצופירן מיין פרוי צום פּראָפעסאָר . . .

רב יוסי האָט זיך פאר א ווייַלע פארטראַכט, געקנייטשט זיין הויכן שטערן: „רבונו של עולם — שיק מיר אין מוח אריין ווער־טער אזעלכע, וועלכע זאָלן שיקען קלאָר מאכן, אז נישט־מיר, נישט־דיר, מאכט מען ניט קיין הלוואה" . . .

שיקע, ווי ער וואָלט דערפילט, וואָס עס טוט זיך ביים שוחט אין מוח, האָט ווי אויסגעשריען:

— איך וועל אייך געבן א משכון מיין פאַיעטאָן, מיינע פערד...

רב יוסי האָט אים איבערגעשלאָגן:

— דו שוטה, ווער וויל דיך בארויבן פון דיין פרנסה? א נייעם גאָר! ערשט איצט דארפסטו פאָרן און פאָרן . . . נעם מיין עצה, גאָט איז דער בעסטער פּראָפעסאָר . . . ער איז א „רופא חולה עמו ישראל" . . .

שיקע האָט זיך געבראָכן די הענט:

— איך מוז ראַטעווען מיין פרוי . . .

— אז זי וועט האָבן יאָרן, וועט זי געראַטעוועט ווערן . . .

— איכ'ל זיך ניט פארלאָזן אויף ניסים!

— רעד ניט אזוי, גאָט וועט שטראָפן!

— דערבארעמט זיך, רב יוסי!

יוסי איז געוואָרן נאָך מער אומבאהאָלפן. געדאנקען האָבן זיך געאַמפּערט: אָט דער בעל־העגלה וועט פארגעסן משלם צו זיין באלד ווי די פרוי וועט ביי אים געזונט ווערן . . . ער וויל ניט קיין דין־תורה מיט אזא עם־הארץ: וואָס קומט אים דערפאר? שא נאַר! און ווי וועט זיין אז די פרוי וועט . . . די גאַנצע שטאָט וועט וועגן זיין רשעות רעדן. נאָר צוריק־געשמועסט: צי ליגט טאַ־קע אויף אים דער חוב? זיין אסתר איז אויך ניט מיט אלעמען: „אָדם קרוב לעצמו" . . .

שיקע איז ארויס פון געדולד. ער האָט מיט ביידע פויסטן גע־קלאפּט אין טיש אריין:

— וואָס זענט איר — א פּעלד־גזלן, צי וואָס? א מבין, ווי ער דומעט? א מענטש באָרעט זיך דאָרטן מיטן מלאך המות, און דער פרומער איד קווענקלט זיך. נעמט אייך א משכון די נשמה מיינע . . .

יוסי האָט אָנגעשריען אויף אים:

— וואָס קלאַפּסטו אין טיש, דו חוצפה׳ניק. — ער האָט זיך א גלעט געטאָן איבערן באָרד. — געהערט אזוינס. קומט צוגיין אהער, און האָט גאנצע טענות ומענות, איך האָב דיר דיין פלונת׳טע ניט קראנק געמאכט.

ביי שיקען האָבן די אויגן ארויסגעשטארצט. דאָס פּנים איז געווען טויט־ווייס. די ליפּן האָבן אים געציטערט. די פויסטן האָט אים ווי עמיצער געשטופּט. ער האָט אריינגעשריען יוסי׳ן אין פּנים אריין:

— איך בין א פּראָסטער מענטש, אָבער א הארץ האָב איך, א נשמה האָב איך . . . הערט זיך אויף צו באָדן אין מיין בלוט!

יוסי האָט זיך דערשראָקן פאר דעם צע׳כעס׳טן מענטשן. אין הארצן, אין מוח, ווידער קריגעריי: נו, טאקע, א איד איז אין אן עת־צרה, אפילו ווען דער פופציקער זאָל פארלוירן גיין . . . ניין, ניט ריכטיק! געלט האָט ליב חשבון. געלט האָט ליב זיכערע הענט . . . ווערסט ווערן אזוי נאָכגיביק, וועט מאָרגן קומען נאָך א איד, וואָס איז אין אן עת־צרה. און איבערמאָרגן . . . און דו אליין וועסט שטארבן אין פרעמדע תכריכים . . .

שיקען האָט פּלוצים א מורא באפאלן. ער האָט זיך נאָרוואָס דערמאָנט, וואָס יוסי האָט אים פריער געזאָגט: אין אזא צייט טאָר מען ניט זינדיקן. ער, דער שוחט, איז דאָך עפּעס נאָענטער צו גאָט. ער טאָר איצט ניט זיין מיט רב יוסי׳ן אויג־אויף־אויג. דער ביטערער געפיל האָט איבער אים די אויבערהאנט. ער קאָן אים נאָך, חלילה, א זעץ טאָן מיט זיין שווערער האנט . . . ער האָט, ווי אָן זיין וויסן, אויסגעשריען:

— איר זענט א מלאך־המות, ניט קיין שוחט — און באלד א פּראל געטאָן מיט דער גלעזערנער טיר און אוועק.

יוסי איז צוגעקומען, בודק געווען יעדע שויב באזונדער, צי איז, חלילה, עפּעס ניט צעבראָכן געוואָרן. אין זיינע אויערן זיינען געהאנגען די לעצטע ווערטער, שיקע'ס: איר זייט א מלאך־המות, ניט קיין שוחט. ער האָט כלומר'שט געשמייכלט אין באָרד אריין: וואָס קאָן מען דערוואַרטן פון א עם־הארץ? דאָך איז ער געווען צערודערט.

ווען די פרוי זיינע, אסתר, איז פון מארק געקומען, האָט זי גלייך דערקאָנט לויט זיין בלייכקייט, אז עמיצער האָט אים שוין גוט ארייננגעזאָגט: ווער האָט דאָ געקאָנט זיין? זי וועט אים א פרעג טאָן!

רב יוסי האָט ניט באלד געענטפערט, נאָר אז די פרוי האָט זיך צוגעזועצט, געוואָלט וויסן וואָס דאָ האָט פּאסירט, האָט ער א ברום געטאָן:

— צו וואָס האָט גאָט באשאפן דעם עם־הארץ, ווען ער פּאר־שאפט אזויפיל צרות?

אסתר האָט ביי אים ארויסגעפּאָמפּעט אז דער עם־הארץ איז שיקע בעל־העגלה.

— אים דארף מען פארגעבן, האָט זי געזאָגט, — ער האָט, נעבאך א פּעקל אויף זיך. אויב ער האָט געוואָלט מאכן א הלואה, האָסטו ניט געטאָרט זיין קיין עקשן. מיר זיינען דאָך מענטשן... מיר זיינען...

יוסי האָט א וואָרף געטאָן די שליסלען אויפן דיל, און צע־שריען זיך אויף איר:

— נאָ, שליס אויף די קאסע און טראָג אים אוועק דאָס געלט. איך בין א שלעכטער, דו ביסט אלעמאָל די גוט־הארציקע. נו, וואָס שטייסטו? גיי, אפשר וועסטו אים אָניאָגן — באדאנק אים פאר רופן דיין מאן מלאך־המות.

אסתר איז אוועק אין קיך אריין. זי זעט דאָך שוין, אז דער מאן וויל אויסלאָזן זיין כעס צו איר. ניין, זי וועט אים בשום אופן ניט טרייסטן. געטראכט האָט זי, אז זי וועט זיך ארויסכאפּן נאָכן אָנבייסן, פּאָרשלאָגן דער רבי'צין צו גיין מיט איר צו די אָנגע־זעענע בעלי־בתים נאָך נדבות, און אוועקטראָגן שיקען. זאָל ער האָבן מיט וואָס צו ראטעווען זיין פרוי. טאָמער וועט עפּעס שלעכטס

פאסירן, וועט מען דאך איר הויז שעלטן. יוסי וואָלט דאָס אויך באַדאַרפט באַרעכענען, אָבער אַזוי איז ער שוין . . .

יוסי האָט זיך ווידער גענומען צום ספר, געקוקט אין די קליינע אותיות און מחשבות האָבן אים ניט געלאָזט לערנען: ער האָט געוועז באַדאַרפט כאַפּן שיקען פאָרן וואָרט, איידער ער איז אין כעס געוואָרן, נעמען ביי אים א משכון און אים לייען דאָס געלט. עס איז, אָבער, פאַרט ניט שיין צו נעמען פערד אַלס א משכון. מיט וואָס וועט ער פאַרדינען צו קענען סילוק׳ן? ער האָט פאַרמאַכט דאָס ספר און געקליבן זיך צו זאָגן דער פרוי אויפצושטעלן דעם סאַמאָוואַר. ס׳וועט אפשר ווערן פריילעכער אויפן הארצן . . .

פלוצים האָט זיך אריינגעשטעלט דער שטעטלדיקער דאָקטאָר. יוסי איז געוואָרן צעטומלט. ער האָט אריינגעשריען אין קיך אריין:

— אסתר, מיר האָבן א גאַסט! זיצט, הער דאָקטאָר, זיצט. זייער גוט אייך צו זען, ווען אַלע זיינען געזונט. הא, וואָס זאָגט איר? כ׳מיין . . . נאָך אַלעמען זענט איר דאָך א שליח פון גאָט . . .

— יאָ, איך בין א שליח . . . — האָט דער דאָקטאָר טרויעריק געענטפערט.

די פרוי איז געבליבן שטיין ביים אריינגאַנג. ווען זי האָט דערזען דעם דאָקטאָר, איז איר געוואָרן אומהיימלעך: וואָס, אייגנטלעך, האָט אים געבראַכט אַהער? זי האָט זיך פאַרנויגט און גלייך אים אָפּגעווישט א שטול.

דער דאָקטאָר האָט זיך צוריק פאַרנויגט, אָבער געזעצט האָט ער זיך ניט. ער האָט בלויז אָנגעשפּאַרט א קני, ארויסגעצויגן זיין גאָלדענעם זייגער און קייטל, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט אויף זיין ווייסער זשילעט, און אוועקגעלייגט אויפן טיש. מאַן און ווייב זיינען געשטאַנען פאַר׳חידוש׳טע, געקוקט אויף דעם זייגער און אויפן דאָקטאָר: וואָס זאָל דאָס באַדייטן? דער דאָקטאָר האָט אָן צערעמאָניעס קלאָר געמאַכט דעם ענין:

— דאָ האָט איר מיין חתונה־געשאַנק, באָרגט מיר דעם פופציקער, וואָס שיקע דאַרף האָבן. אין א וואָך ארום . . .

יוסי האָט צוריקגעשאַרט דעם זייגער צום דאָקטאָר און אים ניט געלאָזט רעדן:

— באַליידיקט מיך ניט, הער דאָקטאָר. כ׳האָב שוין געהאַט גענוג. בכבוד גדול וועט איר קריגן דעם פּופּציקער. איך וויל ביי אייך ניט קיין משכון . . .

אסתר האָט זיך קונציק איינגעבויגן צום דיל, אז דער דאָקטאָר זאָל איר ניט זען, און אויפגעהויבן די שליסלען פון דער קאַסע. יוסי האָט דערוויילן געזוכט אין אַלע קעשענעס און אויסגעזען שטאַרק באַ׳צער׳ט. זי האָט אים די שליסלען אונטערגעטראָגן, האָט ער אָנגעהויבן אויפשליסן די קאַסע, און גערעדט:

— גלויבט מיר, הער דאָקטאָר, ווען דער בעל־העגלה זאָל גע־ווען רעדן ווי א מענטש . . . געהערט אזוינס? — קומט אין מיין שטוב אריין און באַליידיקט מיך! אזא עם־הארץ!

ער האָט דערלאַנגט דאָס געלט צום דאָקטאָר:

— איך וואָלט טאַקע געוואָלט, אז דער הער דאָקטאָר זאָל מיר זאָגן, צי בין איך שולדיק, וואָס זיין אידענע איז קראַנק?

דער דאָקטאָר האָט אָנגעהויבן צו לויבן שיקען: לויט זיין מיינונג איז ער אן איידעלער מענטש. מיט א וואָרעם הארץ. ער וואָלט אזוי ארומגעלאָפן אפילו, ווען ניט זיין פרוי איז קראַנק, נאָר א פרעמדע . . . אזעלכן ווי שיקע דאַרף מען פאַרשטיין. ער איז א פּאָלקס־מענטש. ער האָט ליב אזעלכע . . . מער האָט ער ניט גערעדט. זיך פאַרנויגט און אוועקגעגאַנגען.

יוסי איז געבליבן זיצן מיט צע׳כעס׳טע מחשבות אויפן דאָק־טאָר. ער האָט געטראַכט, אז ביי דער אסיפה, וואָס וועט אָפּגע־האַלטן ווערן די טעג, צוליב שטעטלדיקע ענינים, וועט ער „צור־שטעלן א בענקעלע" אָט דעם מאָדנעם דאָקטאָר, וואָס שטימט ניט איין מיט אים, אז שיקע איז אן עם־הארץ . . . געהערט א לשון פון א דאָקטאָר? . . .

# אַ גנבה...

שמואל, אַ נידעריקער מיט ברייטע פּלייצעס און אויסגעבויגענע נאָז, האָט צווישן איין געניץ און אַ צווייטן, זיך שטיל באַקלאָגט: ווי סע זעט אויס וועט ער זיך שוין קיינמאָל ניט אויסרוען, סיידן דאָרטן, אויף דער אמת׳ער וועלט . . . ער האָט דערביי יאוש׳דיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: עך, מען מוז גיין!

ער האָט זיך נאַכלעסיק אָנגעטאָן זיין קורץ פּעלצל, זיין אָפּגע־קראָכענע קוטשמע, וועלכע האָט שוין אויסגעזען ווי אַ נאַר־וואָס אָפּגעפּאַרעטע קאַץ. אָנגעצונדן דאָס ליכטל אין זיין לאַמטערן. דער־נאָך באַטראַכט זיין הויזגעזינט. די פרוי און זיינע צוויי קליינע קינדער אין איין בעט. די דערוואַקסענע אויף דער ערד, מיט שטרוי־זעק באַדעקט. צו דער צווייטער זייט פון זיין שטוב, וואו עס איז געווען מיט אַ קויטיק פאַרהאַנג אָפּגעטיילט פאַרן שטאָטישן הקדש. פון דאָרט האָט זיך אַ קרעכצעניש פון היימלאָזע חולאים, אויסגע־מישט מיט אַ שווערן כראָפּען פון מידע טרעגער, וועלכע זיינען דאָרט איבערגעשלאָפן.

אַ טיפער רחמנות האָט שמואל׳ן ארומגענומען אויף די מענטשן אונטער זיין דאַך. די ווינקלען פון זיינע אויגן זיינען פייכט גע־וואָרען: אַך, וואָלט ער זיך וועלן אַמאָל גוט אויסוויינען, אפשר וואָלט אים פאַרט לייכטער געוואָרן, נאָר ער קאָן ניט וויינען! ער איז דאָך אַ מאַנצביל! . . . ער האָט אויסגעווישט מיט אַ פינגער זיינע פייכטע אויגן, און זיך געלאָזט גיין.

אינדרויסן האָט דאָס שיין פונם ליכטל געטאַנצט אין פאַראויס, ווי געאיילט שמואל׳ן, ער זאָל, חלילה, זיך ניט פאַרזאַמען. שמואל האָט טאַקע אָנגעהויבן גיין גיך. אָט, אָט וועט ער מיט זיינע שווער־געקאָוועטע שטיוול אָנטרעטן אויף די ווייט־פאַרשפּרייטע שאָטנס פון דעם וועג, וואָס דאָס ליכטל פונם לאַמטערן האָט גע־זייעט.

ס׳איז געווען אַ קאַלטע תשרי נאַכט. ווינטן, ווי מחנות וועלף, האָבן געוואויעט. אַ געביל פון הינט האָט זיך געטראָגן איבערן שטע־טעל, ווי ביידע וואָלטן זיך פאַרמאָסטן צו זען, ווער עס וועט לענגער אויסהאַלטן . . . זעלטן־ווען, האָט מען אַ געשטאַלט פון אַ מענטשן

געזען. דער אומעטיקער דרויסן האָט אין שמואל'ס מוח בלויז מראָ־שחורה געפּלאָנצט, זיינע פאַרגאַנגענע טעג, וואָכן, חדשים, יאָרן האָבן זיך, ווי בלעטער פון אן אָפענעם בוך, קעגן ווינט אַנגעהויבן צו מישן פאַר זיינע אויגן:

— אומשטיינס געזאָגט, זיין דאָליע, פּונקט ווי דעם טאַטנס זיינעם. יענער האָט קיינמאָל ניט געהאַט די זכיה צו קאָנען מפרנס זיין זיין פאַמיליע. ער, שמואל, אויך נישט. דער טאַטע איז פאַר־זען געוואָרן פון יעדן איינעם; אין ערגעץ קיין ברעקל דעה; ער, שמואל, זיין זון, — אויך אזוי . . . ער איז נאָך קיין פופצן יאָר ניט אַלט געווען, ווען דער טאַטע האָט צו אים געזאָגט: — מיין קינד, דו מוזט באַצייטנס אָנהויבן גיין פאַרדינען! — איז ער גע־וואָרן א מעל־טרעגער. געריסן זיך מיט די שווערע, פּודיקע זעק, ביז ער איז איין טאָג געפאַלן אויף זיינע קריזשעס און מער זיך אַליין שוין ניט געקאָנט אויפהויבן פונם אָרט . . .

מיט חדשים שפּעטער, ווען ער האָט זיך שוין געקאָנט שטעלן אויף די פיס, האָט זיך פּנחס, פון דער מיל וואו ער האָט פריער געאַרבעט, אויף אים זיך דערבאַרימט און אים אָנגעשטעלט אלס א משרת ביי זיך אין הויז. געהאַלטן האָט ער זיך דאָרט, צוליב דער דעמאָלטדיקער געזונטער דינסט־מויד, גאָלדע . . .

שמואל האָט שווער אָפּגעזיפצט. א נייער בלאַט האָט זיך אי־בערגעמישט:

— ווען ער האָט חתונה געהאַט מיט גאָלדע'ן, האָבן זייביידע שוין ניט געהאַט קיין טאַטע־מאַמע. ער וועט קיינמאָל ניט פאַר־געסן די אומגעלומפּערטע קליידער, וואָס רייכע האָבן זיי געשענקט, און ווי מען האָט גע'חוזק'ט הינטער זייערע פּלייצעס . . . גע־זאָגט האָבן זיי, אז ביי א חתונה פון צוויי יתומים איז א מצוה זיך פריילעך צו מאַכן . . . גאָלדע האָט גראַדע אַרויסגעשיינט פון די געשאָנקענע קליידער. דאָס האָט טאַקע ביי אים אויף דער נשמה אַליץ פאַרגלעט . . .

— נאָך דער חתונה האָבן זיי א בריוו דערהאַלטן פון גאָלדע'ס א פעטער. ער איז געווען דער בעדער פון שטעטל. דער פעטער האָט געשריבן, אז לעבן אים וועלן זיי זיך פאַרדינען זייער ברויט. נו, זיינען שוין אוועק צוויי און צוואַנציק יאָר . . . זי, גאָלדע, די

אמאָליקע געזונטע דינסט־מויד, זעט דאָך שוין אויס ווי א זקנה. קוים וואָס זי פּלאָנטערט מיט די פיס. א רומאטעם אָפּגעשפּאָרט פון דער באָד. און ער אליין, וואָס טוט ער ניט, מפרנס צו זיין די פּאַ־מיליע זיינע? ער איז א „שרייער", א שיק־אינגל פון יעדן גביר אין שטעטל. ער וואַשט די מתים, האַלט ריין דעם בית־עולם, און פון דעם אַלעמען איז נאָך אַלץ אויף קיין ניי מלבוש ניטאָ! דאַרף ער צו אַלע מלאכות זיין א סטאָרעזש, היטן פרעמדע קראָמען, ארומ־גיין אין אזא וויסטער נאַכט מיט זיינע מאָדנע מחשבות . . .

שמואל האָט זיך ווי געבעטן ביי זיינע מחשבות: זאָל שוין זיין גענוג אויף היינט! ער וועט דאָס רימל ניט איבערמאַכן.

אויפן מאַרק איז געווען א טויט־שטילקייט. פון דערווייטנס האָבן זיך ווייסע פלעקן באוויזן, דאָרטן זיינען געלעגן קופּעס קרויט־קעפּלעך, וועלכע האָבן פון דערווייטנס ווי מצבות אויסגעזען. צום אַלעם ערשט איז שמואל צוגעגאַנגען צו די קראָמען. פון א באַ־העלטעניש, וואָס בלויז ער אַליין ווייס פון דעם, האָט ער אפיר גע־שלעפּט א שווערן שטעקן און אָנגעהויבן צו קלאַפּן אין די טירן: סטוק, סטוק, סטוק! פונווייטנס האָט די עכאָ פונקט אזוי אָפּגע־ענטפערט . . .

אָט אזוי איז שמואל געגאַנגען פון טיר צו טיר, עטלעכע מאָל אָנגעסטוקעט און געגאַנגען ווייטער, ביז ער איז מיד געוואָרן. האָט ער זיך צוגעזעצט אויף א מאָכיקן שטיין, וואָס ליגט שוין אויפן מאַרק פון דור דורות און אויף וועלכן מען זאָגט, טערקן מיט לאַנגע ליולקעס האָבן גאָר אמאָל זייערע אסיפות געהאַלטן, ווען דאָס שטעטל האָט נאָך צו זיי געהערט. שמואל האָט זיך אויף דעם מאָכיקן שטיין אָנגעהויבן שטיל זינגען א שול־ניגון פון יום־כיפּור ביינאַכט. אין זיינע אויערן האָט זיך געציקלט די האַרציקע תפילה: „יעלה תחנוננו" . . . ער האָט צוגעמאַכט די אויגן זיינע און אין זיין דמיון געזען גרויסע ליכט, ווי מענטשן די גרוים. אידן מיט קיטלען און טליתים איבער די קעפּ. וואָס אמאָל איז אַלץ בלאַסער געוואָרן. דאָס געזאַנג, שטיל און שטילער — ער האָט איינגעדרעמלט. עמיצער האָט אים אין אויער אריינגעזוגגען: שמואל, דו ביסט א שומר שכיר! דו ביסט . . . ער האָט זיך מיט שרעק אויפגעכאַפּט, אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שלאָף.

פלוצים האָט ער דערהערט ווי עמיצער וואָלט זיך ביי א קראָם געפּאָרעט. שמואל האָט צוגעלייגט זיין רעכטע האנט צו דער ערד. זי, די ערד וועט אים זאָגן דעם אמת, צי שפּאצירט עמיצער ארום: יאָ, ער הערט טריט . . .

אַ קעלט האָט שמואל'ן ארומגענומען. די האָר אונטער זיין פוטערנער היטל זיינען אים שטייף געוואָרן. כמעט אָן זיין וויסן האָט זיך ביי אים ארויסגעריסן אַן אויסגעשריי:

— כטאָ טאַם? — קיין ענטפער איז ניט געקומען. די פליכט האָט שמואל'ן געשטופּט: — גיי, ביסטאָך א שומר!

שמואל האָט זיך נאָכלעסיק געלאָזט גיין צו יענעם אָרט, פון וואנען ער האָט געהערט טריט. ער האָט געשטעלט זיינע פיס שווערער ווי אלעמאָל. ער איז איצט געווען באַלאָדן מיט שרעק.

דאָס פּאָרקעניש פון פרעמדע טריט האָט זיך אָפּגעשטעלט. שמואל האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. ער האָט זיך דערפילט תקיפ־דיך: אהא, זיי האָבן זיך דערשראָקן! דאָ איז ניט הפקר! . . .

ווי באלד אזוי האָט זיך שמואל אומגעקערט צוריק צום שטיין. געזעסן און געטראכט, אז די דאָזיקע נאכט איז טאקע צו לאנג. ער וואָלט שוין וועלן זען דעם מאָרגנשטערן און גיין אהיים.

מיטאמאָל האָט זיך ווידער דערהערט א גראבלען ביי די קראָ־מען. שמואל האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט א שטרענגן קול אויס־געשריען:

— כטאָ טאַם?! (ווער איז דאָרט?)

דאָס מאָל איז שמואל געגאנגען גיך, כמעט געלאָפן. דעם לאמ־טערן געהאלטן הויך צו קענען זען ווי געהעריק: איינמאָל פאר אלע מאָל! . . . ער האָט דערהערט ווי מען רוימט אים איין אין אויער אריין: טראָג זיך אָפּ, טראָג זיך אָפּ . . .

— ניין, איך וועל ניט אוועקגיין פון דאנען! — האָט שמואל אויסגעשריען — — — — — — — — — — — — — — — — —

ס'איז טאָג געוואָרן. דאָס שטעטל האָט זיך אָנגעהויבן באַוועגן. עס איז געוואָרן א געקלאנג פון אייזערנע שטאָרן און לאָדן. כמעט אלע קראָמען האָבן זיך געעפנט אין איין צייט. יעדער קרעמער האָט אפנים געוואָלט כאַפּן דעם ערשטן קונד. שווערע באַלאָדענע וועגענער האָבן זיך שוין פון דער באן געשלעפּט. פון די פערדישע

מײלער האָט זיך א געדיכטע פּאָרע געטראָגן. די פּויערים זײנען שוין געװען הײזעריק פון שרײען דעם גאַנצן װעג: „װיאָ, װיאָ!" „גוט־מאָרגנס" זײנען געפלױגן פון אײנעם צום צװײטן. מיטאמאָל איז געװאָרן א גערודער: — א גנבה! — מען האָט בײנאַכט א קראָם געעפנט. בײ װעמען? בײ הערש נעזיק . . .

קרעמער האָבן זיך ניט אױפגעהערט צו קאָכן:—אַזא מאַשעניק! אַזא שװינדלער! מיר צאָלן אים געלט, און ער פּאָפּט אָפּ די נעכט! אױך מיר א סטאָראָזש!

מער פון אַלעמען האָט זיך הערש נעזיק געקאָכט: — זאָל ער זיך נאָר באַװײזן, אױף שטיקער װעל איך אים צערײסן! אידן, מיר מוזן אים אָפּזאָגן! נישטאָ אױף װעמען צו פאַרלאָזן זיך!

— אודאי! אודאי! — האָבן קרעמער אונטערגעכאַפּט. בעת מעשה זיך דערלעבט א שטיקל נקמה אָן הערש נעזיק, װעלכער לײזט מער פאַר זײ: א מצוה אױף אים, ער האַלט זיך שױן אַזױ גרױס! טײל האָבן זיך געפרײט, װאָס די גנבה איז פאָרגעקומען בײ אים און ניט בײ זײ . . .

---

אינמיטן גרױסן טומל האָט זיך צעטראָגן די נײעס, אַז מען האָט שמואל'ן געפונען א טױטן צװישן די הילצערנע קלײטלעך:

— א טױטער? — האָבן אַלע טומלער איבערגעפרעגט און זיך געלאָזט לױפן אַהין. הערש נעזיק האָט א פּאַטש געטאָן מיט זײנע גרױסע הענט: ער װעט גלײך לױפן בעטן מחילה בײ שמואל'ן. צו װאָס האָט ער א בילבול אױף אים געמאַכט? מיט א צעבראָכן קול האָט ער געפּישטשעט:

— מ'האָט אים, נעבעך, דער'הרג'עט . . . אַזא שטילער, אָרנטלעכער מענטש געװען . . .

בשעת די מענער האָבן באַדױערט, האָבן די קרעמערקעס גע־האַלטן אין אײן װײנען און װישן די אױגן מיט זײערע פאַרשמאַל־צעװעטע פאַרטעכער.

בײ דער לױה האָט א קרעמער געלאָזט פאַלן א װאָרט: מען טאָר ניט פאַרגעסן אָן דער אַלמנה מיט די קינדער . . . הערש נעזיק האָט גענעבן צו פאַרשטײן, אַז װען ניט זײן גרױסער שאָדן, װאָלט ער געװען פון די ערשטע צו העלפן . . . װי באַלד אַזױ, האָט שױן

קיינער מער וועגן דעם ניט גערעדט: די עברה וועט פאַלן אויף הערש'ן . . .

---

גאָלדע, שמואל'ס פרוי, קומט פון צייט־צו־צייט אויפן בית־עולם, צעלייגט זיך אויפן באַוואָקסענעם בערגל, אונטער וועלכן איר אמאָליקער שפייזער ליגט, זי האַלט אין איין וויינען, און בעט זיך ביי אים, אז ער זאָל זיך מיען פאַר איר מיט די קינדער . . .

---

# אינהאַלט:

I


אינמיטן העלן טאָג ........ 5
די אַלטע דרשה ........ 9
לעבעדיקע דאָרפן ברויט ........ 17
אין א קענדי סטאָר ........ 23
ברודער קוירש ........ 32
דריי יונגע ארבעטער זוכן א דזשאב ........ 38
אַ מלחמה-העלד מיט זיין הינטל ........ 43
אַן איבעריקער מענטש ........ 46
אין דער שטאָט פון גרעסטן וואוילטאָג (2 בילדער) ........ 51
שלאָפלאָזע שלאָפן שוין ........ 55
קאָנקורענטן ........ 58
באַנקראָט ........ 67
אַרונטער פון זינען ........ 72
באַלעבאָסטעס ........ 76
אַ טריסט ........ 79
אַ טשיקאווע מעשה מיט אן ארבעטלאָזן פרעסער ........ 83
צו אַ מנין ........ 87
אַ מתנה דער פרוי ........ 92
ער וועט זי קיינמאָל ניט פאַרגעסן ........ 95
צו וואס האָט ער דאָס באַדאַרפט ........ 99
זי זינגט ניט מער ........ 104
ברידער ........ 111
צו קינד ........ 115
אַ פייער ........ 122
היינטיגע צייטן ........ 125
אויף פּראָבע ........ 130

אַ צולהכעים דער וועלט ........ 137
רעקרוטן ........ 143
פון יענער זייט ווענטל ........ 154
אייגן בלוט און פלייש ........ 162
אַ שאַפּ ........ 168

II

צוויי בריוו ........ 202
אַרום אַ יאַטקע ........ 209
אַזאַ חוצפּה ........ 219
דער עם הארץ ........ 223
אַ גנבה ........ 229

ניט געקוקט אויף דעם וואָס די עטלעכע שורות קומען צום סאַמע לעצט, זיינען זיי דאָך וויכטיק. ווייל דאָ דערציילט זיך ווידעראַמאָל וועגן פּשוט׳ע מענטשן, ארבעטער וועלכע האָבן פאר מיר מעגלעך געמאַכט אז דער בוך „פּשוטע מענטשן" זאָל דערשיינען.

זייער ברייטע פינאַנציעלע הילף איז אן אויסדרוק פון ליבע צום אי־דישן וואָרט. אָט דערפאר האָבן זיי זיך פארדינט אַז זייערע נעמען זאָלן דאָ פארצייכנט ווערן.

זיי זיינען: הערשל ראָזען, משה פרידמאַן, ל. ווייס, פיליפּ גודמאַן, אב. זאַלעווסקי, ל. אלטשולער, משה זערלין, ל. סטארקאָף, א. מוטשניק, אָסקאר לאַנדיס, דזשאָ טשערנאַווער, ס. ווײנגארט, י. דאָלין, משה דוואָרקין, פיליפּ גרינבערג, מ. ליבמאַן, אלעקס וואַיט, איזי קווענטער, אירווינג סליפּאקאָף, ישראל קעס, דזשאָ קעס, רובין גראָסמאַן, בעני קאטלער, ה. קארעץ, סעם פישגאָלד, אב פישגאָלד, א. בוזאַנאָווסקי, דזשעק מונטער, ס. שטראַם, מ. פּאקס.

אבאָנענטן פארשפּרייטער: שמשון מאלאמוד, פיליפּ מעסניק, מענדל סילווערמאַן, איציק ראָזענבלאַט, מ. גרין, ג. לאַנדמאַן און הערי שווארץ (שיקאַגאָ), דוד גאַנדלמאַן (פּיטסבורג), אָ. פּיטערס, ראָזי עפרון, אפרים גראָסמאַן, ל. איצקין און מאָטל געלער.

ביי דער געלעגנהייט דריק איך אויס אויך מיין דאנק צו מיינע טייערע צוויי קאָלעגן וויליאם אייבראַמס, און מעינקע קאַץ פאר זייער ליטעראַרישער הילף.

ברוך מילער.